STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09076

VELT-BERIHMTE OPERAS

William Edlin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

WORLD-FAMOUS OPERAS

BY

WILLIAM EDLIN

וועלט-בעריהמטע אָפּעראַס

סושעט און מוזיק פון 25 בעסטע איטאַליעניִשע,
פראַנצויזישע און דייטשע אָפּעראַס
ערקלעהרט און קריטיקירט

פון

וויליאם עדלין

HEBREW PUBLISHING COMPANY
50-52 Eldridge Street
NEW YORK CITY

געווידמעט

מיין בעסטען לעבענס-פריינד

מיין ווייב

פאראח

אינהאַלטס-פערצייכניס:

פּידוש

פֿאָרוואָרט

(איטאַליענישע אָפּעראַס)

ריגאָלעטאָ 23
טרובאַדור 36
טראַוויאַטאַ 47
אַאידאַ 56
לאַ באָהעם 65
מאַדאַם באַטערפליי 76
קאַוואַלעריאַ רוסטיקאַנאַ 86
פּאַליאַטשי 93
לוציאַ די לאַמערמור 100
פּיוריטאַני 108
באַרבער פון סעוויל 114

(פראַנצויזישע אָפּעראַס)

דיא הוגענאָטען 125
לע פּראָפעט 136
דיא יודין 150
פאַוסט 159
קאַרמען 167
לאַ נאַווערעז 179

פיירוש

(דייטשע אפעראס)

טאַנהייזער 187

לאָהענגרין 198

טריסטאַן אונד איזאָלדע 211

פּאַרסיפאַל 224

דאָן זשואַן 244

פידעליאָ 253

מלכה שבא 263

סאַלאָמע 273

פאררעדע.

וואס איז מוזיק? — וואס איז אפערא?

מוזיק איז דיא שפראך פון דער נשמה, זאגט מען. דאס איז אלגעמיין גערעדט. אבער דיא ריכטיגע פערטייטשונג פון מוזיק איז עטוואס אנדערש. א געוועהנליכער ווערטערבוך וואלט פערטייטשט מוזיק אלס דיא וויסענשאפט אדער דיא קונסט פון טענער, עס מאכט ניט אוים אין וועלבער פארמע; אבער ניט גלאט טענער אין דער וועלט אריין, זאנדערן טענער אין זייער ריטמישער פערבינדונג, אין זייער צוזאמענהאנג. מוזיק איז דער אויסדרוק אין סיסטעמאטיש צוזאמענגעבונדענע טענער פון יענער געהיימניספאלער, קאמפליצירטער טיעפענישׁ פונ'ם אינערליכען מענש וועלכע הייסט נשמה.

דערפאר האט דאס מוזיק אזא שטארקע ווירקונג אויפ'ן מענש, ספעציעל ווען דיא מוזיק דריקט אוים שטארקע געפיהלען, ליידענשאפטליכע געפיהלען — געפיהלען פון ליעבע אדער האס, פון אייפערזוכט אדער נקמה, פון פרייד אדער טרויער. דיא שפראך פון מוזיק איז אפילו ניט קלאר, אבער דאס איז דערפאר וואס דיא נשמה אליין איז אזא אונקלארע, שטארק קאמפליצירטע זאך. ניט אלע מאל קען א מענש אויסטייטשען דיא געפיהלען וועלכע צורייסען זיין הארץ, ניט אלע מאל קען ער זיינע געפיהלען אנאליזירען און זאגען מיט זיכערהייט וואס זיי זיינען, ניט אלע מאל קען ער אליין פערשטעהען וואס זיינע געפיהען ווילען פון איהם. אט דיזע אונקלארהייט פון דער נשמה, פון דיא מענשליכע געפיהלען, מאכט דיא מוזיקאלישע שפראך אונקלאר, אלגעמיין, ניט דייטליך

גענוג אין איינצעלהייטען. פון דעסטוועגען, ווער וועט לייקענען דאס מוזיק איבט אויס א געוואלדיגען איינפלוס איבער'ן מענש?

האט איהר א מאל א טראכט געטאן ווארום דארט וואו עס קומען זיך צוזאמען א גרויסע צאהל מענשען איז דא מוזיק אין איין פארמע אדער אין אן אנדערער? אין א טהעאטער וואו מען שפיעלט א דראמא אדער א קאמעדיע איז דא מוזיק; אין א קירכע אדער אין א שוהל וואו מען קומט ערפילען א רעליגיעזע פפליכט איז דא מוזיק; אויף א גרויסע פערזאמלונג וואו מען קומט הערען רעדנערס אדער לעקטשורערס איז דא מוזיק; אין א גרויסען רעסטאראנט וואו מענשען קומען בעפריעדיגען זייער מאטעריעלע פארדערונג איז דא מוזיק; אויף א פארטי אין א הויז וואו עס קומען זיך צוזאמען פריינד און בעקאנטע פאר אירגענד וועלכען צוועק איז דא מוזיק; אויף א חתונה איז דא מוזיק, און אויף א לויה אויך — ווארום? האט איהר זיך א מאל געשטעלט דיזע פראגע?

עטוואס מוז דאך זיין אין מוזיק וואס אפעלירט צו אלע מענשען — וואס איז עס?

דער ערשטער, געוועהנליכער ענטפער וואלט געווען, אז מוזיק איז אן אמיוזמענט. נאטירליך, קיינער ניט לייקענען דאס מוזיק איז אויך אן אמיוזמענט. אבער איז עס ניט עטוואס מעהר וויא אן אמיוזמענט? ווארום, אויב מוזיק איז נור אן אמיוזמענט, טא וויא קומט עס דאס עס ווערט געברויכט אזוי אפט אין פלעצער וואו מען טרויערט? אן אמיוזמענט, ווייס יעדער איינער, וואלט מען ניט געברויכט אויף א לויה, אין א קירכע אויך ניט, און אין א שוהל אויך ניט. אבער שוין ניט רעכנענדיג דיא ערטער וואו אן אמיוזמענט איז ניט אם פלאץ, קען אזא ענטפער אויך ניט זיין קיין ריכטיגער, ווייל עס זיינען דא אנדערע פארמען פון אמיוזמענט, און דאך ווערט מוזיק אליין געברויכט דארט וואו עס איז נויט־וועגדיג צו קאנצענטרירען דיא אויפמערקזאמקייט פון א גרויסע צאהל מענשען. מוזיק, אלזא, מוז דאך בעזיצען אן עטוואס גרעסערע קראפט וויא אן אמיוזמענט — וואס איז עס?

דער ריכטיגער ענטפער אויף דעם איז דיזער: מוזיק קומט פון דער נשמה און אפעלירט צו דער נשמה. דאָרט וואו עס געפינען זיך א סך מענשען אויף איין פלאַץ, סיי אין א טהעאטער, סיי אויף א מיטינג, סיי אין קירכע, סיי אויף א לויה, דאָרט רעדט מוזיק צו דער נשמה פון דיא אלע מענשען, קאָנצענטרירט זייערע געפיהלען, און רופט ביי זיי ארויס א שטימונג פון א י י נ י ג־ ק י י ט און ג ל י י כ ה י י ט. דיא מוזיק שלעפט ארויס דעם מענשען פון זיין פלייש און בלוט, פון זיין פיזישען ראַהם, הויבט איהם אויף פון זיין ווירקליכקייט און טראָגט איהם אוועק אין דער וועלט פון פאַנטאַזיע.

און עס איז דיזע מעלה פון מוזיק וואָס מאַכט איהר פאַר אַזא קראַפט, פאַר אַזא וויכטיגען פאַקטאָר פון מענשליכען לעבען, וואָס גיט איהר אַזא גרויסע ראָלע אין דער מענשליכער וועלט — א פיעל גרעסערע ראָלע וויא פיעלע שטעלען זיך פאָר.

* * *

מוזיק איז אָהן צווייפעל דיא גרעסטע און שעהנסטע קונסט אין דער וועלט. מעהר וויא אירגענד וועלכע אַנדער „שעהן־קונסט“ אַפעלירט מוזיק צו דער פאָרשטעלונגס־קראַפט, און צוואַר אין אַזא פאָרמע, דאָס אונערוואַרטעט און אונבעוואוסט ווערט דער דורכ־ שניטליכער מענש בעאיינפלוס. דיזע קונסט אַפעלירט דירעקט צום עסטהעטישען געשמאַק פון מענש און דרינגט אריין אַזוי וויא מיט געוואַלד אין אַלע זיינע אברים.

האָט איהר, צום ביישפיעל, א מאָל געהערט שאָפען'ס טרויער־ מאַרש, וועלכער ווערט געוועהנליך געשפיעלט אויף גרויסע לויות, אָדער אויף א קאָנצערט וואָס ווערט געגעבען צו עהרען דעם אַנדענקען פון א בעריהמטע פערשטאָרבענע פערזאָן? אויב יא, האָט איהר געוויס בעמערקט וויא דיא איינפאַכע הערצרייסענדע טענער דרינגען אריין טיעף אין דער נשמה פון אַלע אַנוועזענדע, יונג און אַלט, אָהן אונטערשיעד פון קאַליר און געשלעכט, און רופען ארויס טרערען אין דיא אויגען פון פיעלע. הערענדיג דיא מוזיק פון דיזען בעריהמטען טרויער־מאַרש שטעלט זיך פאָר אין

דער פאנטאזיע פון יעדען מענש א בילד פון טויט, אין איין פארמע אדער אין אן אנדערער; דיא בילד איז ניט דייטליך, ניט קלאר, אבער, טראץ דעם, שטארק; דיא הארץ ווערט צוזאמענגעקוועטשט פון אומעט, א געפיהל פון מיטלייד דרינגט דורך אלע גליעדער, אלע געפיהלען פעראייניגען זיך און גיסען זיך צוזאמען אין א שטראם פון הארמאניע, הערצרייסענדע אבער מעלאדישע הארמאניע, און דיא איידעלסטע געפיהלען פונ'ם מענש צושפיעלען זיך און בעזיעגען דיא פיזישע, ברוטאלע קראפט.

הערענדיג שאפען'ס טרויער־מארש וועט קיינער ניט זאגען, אז עס איז אן אמיוזמענט, אדער אן ענטערטיינמענט. אין דיזער קאמפאזיציאן זיינען ניטא קיין שום קונצען פון טעכניק אדער טהעמא'טישע ענטוויקלונג. מיט דעם כאראקטעריסטישען איינפאכען סטיל פון דעם אונשטערבליכען שאפען איז דיזע קאמפאזיציאן געשריעבען. אבער וואס פאר א כח איז דא אין יעדער פראזע, אין יעדער וויעדערהאלונג פון דיא הויפט־טענער, אין יעדען מוזיקא־לישען שטריך! אהן בעפוצונגען, אהן דריידלעך און אהן געצוואונגענע עפעקטען גיסט זיך דיזער טרויער־מארש אריין אין דער מענשליכער נשמה און פערבינדט איהר ענג מיט דער אויסער־ליכער וועלט.

וויעדער, פערקעהרט, האט איהר א מאל געהערט זינגען דיא מארסעליעזע, די וועלט־בעריהמטע נאציאנאלע ליעד פון דאס פראנצויזישע פאלק, וועלכע ליעד ווערט אויך געזונגען פון אלע רעוואלוציאנערען אין דער וועלט? אויב יא, האט איהר געוויס געפיהלט וויא דיא בלוט אין אייער קערפער הויבט אן פליסען שטארקער און שטירמישער, וויא דיא הארץ ווערט גרעסער און אנגעפילט מיט א ים נייע האפנונגען, וויא אייערע טרויעריגע, פעסימיסטישע געדאנקען ווערען פערטריעבען און זייער פלאץ פערנעהמען געדאנקען פון טרויסט און אויפמונטערונג. דיא איינפאכע אבער קרעפטיגע מעלאדיע פון דער מארסעליעזע רוישט שטירמיש אריין אין דער מענשליכער נשמה און פערוואנדעלט איהר אין א קעמפפער, אין א שרעקלאזען און אונבעזיעגבארען

קעמפפער געגען אלעס וואס איז שלעכט, אונבארמהערציג און פערדארבען.

דיא מארסעליעזע איז א פראדוקט פון אויפשטאנד, פון רעוואלוציאן, פון קאמפף געגען דעספאטיזמוס. א יונגער פראנצוי־זישער אפיציער מיט'ן נאמען ד ע ־ ל י ל, וועלכער איז געוועזן אויך א מוזיקער, האט דיא קאמפאזיציאן צוזאמען מיט דיא ווערטער פערפאסט אין דעם יאהר 1792, אין רעכטען מיטען פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן; וואס דער יונגער מוזיקער האט דאן געפיהלט האט ער איבערגעגעבען אין דיא ווערטער און הויפטזעכליך אין דער מוזיק פון דער מארסעליעזע. זיין ליעבע צו זיין פאטערלאנד, זיין האס צו דער פערדארבענער אריסטאקראטיע, זיין אפטימיזם אין דעם רעזולטאט פון דער רעוואלוציאן — דאס אלעס האט ער אויסגעדריקט אין דיא טענער, אין דיא וועקענדע טענער פון דאס ליעד, וועלכעס האט שפעטער געקראגען דעם נאמען מארסעליעזע.

צו זאגען אז דיזע ליעדער איז אן אמיוזמענט אדער אן ענטער־טיינמענט איז העכסט לעכערליך, אבוואהל דיא מארסעליעזע ענט־האלט ניט קיין איין טאן פון טרויער. קיין אמיוזמענט אין דער וועלט קען פערנעהמען דעם פלאץ פון אזא מוזיק. אמת, מוזיק ענטערטיינד און אמוזירט, עס איז אבער עטוואס מעהר וויא דאס — ניין, ניט עטוואס, זאנדערן פ י ע ל מעהר וויא דאס. מוזיק איז דיא שעהנסטע, נאבעלסטע און בעצויבערנדסטע שפראך פון דער מענשליכער נשמה. א העכערע קונסט וויא מוזיק איז שווער זיך פארצושטעלען.

* * *

אפערא איז אין דער היינטיגער צייט דיא פאפולערסטע פארמע פון מוזיק אלס א קונסט.

מאנכע קענען ביי זיך דענקען, אז דיזע בעהויפטונג איז איבערטריעבען, ווייל דיא סאנגס וועלכע הייסען „רעג־טיים" זיינען אמת איז, אז דיא „רעג־טיים" סאנגס, וועלכע פערשווינדען פון

מארק אזוי שנעל און אזוי געהיימניספאל וויא זיי קומען אריין אין מארק, האבען זעהר ווענינ שייכות מיט מוזיק אלס א קונסט, פונקט וויא דיא ביליגסטע שונד־ראמאנען, וועלכע ווערען צוטהיילט פריי אלס אדווערטייזמענטס, האבען ווענינ שייכות מיט ליטעראטור אלס א קונסט. דיא פאפולאריטעט פון דיא ביליגע סאנגס איז א קנאפער קאמפלימענט פאר'ן געשמאק און פאר דיא קולטור פון דער גרויסער מאסע, און דאס צו בעשפרעכען גרינדליך איז ניט דא יעצט דער פלאץ. לאמיר זיך אומקעהרען צו אונזער ענין.

אפערא, אלזא, איז א פאפולערער ברענטש פון מוזיק אלס א קונסט. וואס איז אבער דיא כאראקטעריסטישע פארמע פון אפערא? וואס איז אפערא?

אפערא איז אין מוזיק דאס זעלבע וואס דראמא איז אין ליטעראטור. דער אונטערשיעד איז נור דיזער: ווערהענד אין א דראמא רעדען דיא אקטיארען מיט דער שפראך וועלכע ווערט געברויכט פון אלעמען, אין ווירקליכען לעבען, ווערט אבער אין אן אפערא כסדר געזונגען און געשפיעלט מיט מוזיקאלישע אינ־סטרומענטען. אין אנדערע ווערטער, אפערא איז ניט מעהר און ניט וועניגער וויא א מוזיקאלישע דראמא. איינער פון דיא גרעסטע מוזיקאלישע זשעניען וואס דיא וועלט האט ארויסגעבראכט, ריכארד וואגנער, האט זיינע אפעראס אנגערופען מיט'ן נאמען „מוזיק־דראמאס".

מוזיק, וויא מיר האבען געזעהן, איז דער העכסטער פאעטישער אויסדרוק פון דער נשמה אין טענער. וואס בעסער דיא טענער זיינען צוזאמענגעבונדען, וואס מעהר סיסטעם עס איז דא אין זייער צוזאמענהאנג, אלץ מעלאדישער זיינען זיי, אלץ בעסער און שטארקער אפעלירען זיי צו דער מענשליכער נשמה. אפערא איז מוזיק אין א דראמאטישער פארמע, און דערפאר איז עס אזוי פאפולער. אין דיעזע פארמע איז עס דעם עולם לייכטער צו פערשטעהן דיא מוזיק, אין דיעזע פארמע האט דער עולם מעהר הנאה פון מוזיק. דיא אלע ליידען און פריידען וואס עס לעבען דורך דיא הויפט שוישפיעלער אין אן אפערא לעבען אויך דורך

דיא צושויערס, דיא צוהערערס, ווייל דיא מוזיק וואס ווערט געזונגען און געשפיעלט און וואס דריקט אוים שטארקע ליידענשאפטען— דיא מוזיק געהט שנעל איבער אין דיא געפיהלען פון דיא צוהערערס, דיא מוזיק איז אנשטעקענד און גראבט זיך אריין טיעף אין דער נשמה אויף א גאנץ אונבעמערקטען אופן.

עס זיינען דא פיעלע מענשען, וועלכע זיינען מיט אפערא פאל־שטענדיג אונבעקאנט, וועלכע האבען אן אפערא קיין מאל ניט געזעהן אויפגעפיהרט אויף א ביהנע, און דיא מייסטע פון דיעזע זיינען עס געוועהנליך וואס שטעלען זיך פאר, אז אפערא איז עפעס א טרוקענע זאך, ביי וועלכע מען קען געשמאק איינדרעמלען אדער טאקע גוט אנשלאפען ווערען. דיזע מיינונג קומט געוועהנליך פון אונוויסענהייט. פערשטעהט זיך, עס זיינען דא טרוקענע, ניט אינטערעסאנטע און ניט געלונגענע אפעראס, אזוי וויא עס זיינען דא לאנגווייליגע, אומגעלומפערטע און פארטאטשנע דראמאטישע פיעסען. פון דיא רעדט מען אבער ניט יעצט. רעדענדיג פון א געוויסע קונסט האט מען אימער אין זינען דאס בעסטע, דאס העכסטע, דאס פאלקאמענסטע וואס דיא קונסט האט ווען בעשאפען. גוטע מוזיק צו הערען איז מעהר וויא א „געשמאקער ביסען" פאר א מענשענס עסטהעטישע געפיהלען. גוטע מוזיק איז פאזיטיוו דער העכסטער פון־דעם־מענש־בעשאפענער פערגניגען וואס מען קען זיך פארשטעלען ; און אפערא איז דער לייכטסטער וועג פאר דעם דורכשניטליכען מענש צו האבען דיזען פערגניגען, געברויכענדיג דעם לעצטען ווארט אין דעם ברייטסטען מעגליכען זינען.

עס איז ניט קיין וואונדער וואס אפערא האט א גרויסע צאהל ענטהוזיאסטען ; דער וואונדער איז, וואס אזוי פיעל מענשען וויסען גאר ניט דעם טעם פון אפערא, וואס אזוי פיעל מענשען בעגרייפען גאר ניט וויא פיעל פערגניגען, געטליכען פערגניגען, וויא פיעל פון כמעט דעם העכסטען גענוס פון לעבען זיי פערליערען ווען זיי געהען קיין מאל ניט בעקענען זיך מיט אפערא. מוזיק איז א יונגע קונסט, אבער דערפאר דיזא גרעסטע קונסט ; און אפערא איז, ספעציעל ביי היינטיגע צייטען, דער וויכטיגסטער

„זייל“ פון מוזיק אלס קונסט, ווייל דער מוזיקאַלישער עולם איז מעהר גענייגט צו געהען הערען אַן אָפּעראַ איידער אַ סימפאָניע, אַן אָראַטאָריאָ, אָדער איהגענד וועלכע אנדער פאָרמע פון מוזיק.

מיר זאָגען אבזיכטליך „ספּעציעל ביי היינטיגע צייטען“, ווייל דיא מאָדערנע אָפּעראַ איז פיעל נעהנטער צו אַ געוועהנליכער רעאַליסטישער דראַמאַ וויא דיא אָפּעראַ אין פריהעריגע צייטען פלעגט זיין. עס ווערט אויף דיא יעצטיגע ביהנעס פון דער ציוויליזירטער וועלט אויפגעפיהרט מעהר וויא איין אָפּעראַ וועמעס דראַמאַטישער „סוזשעט“ איז ניט ווייניגער אינטערעסאַנט וויא דיא מוזיק; און פאַר דיעזען מאָדערנעם כאַראַקטער פון דער אָפּעראַ, פאַר דעם וואָס זיא איז אַזוי נאָהענט צו אַ געוועהנליכער דראַמאַ, האָבען מיר צו דאַנקען דעם אונשטערבליכען ריכאַרד וואַגנער. אמת, וואַגנער׳ס אייגענע אָפּעראַס, אָדער „מוזיק־דראַמאַס“, וויא ער האָט זיי גערופען, זיינען ביים עולם ניט זעהר שטאַרק בעליעבט, אָבוואָהל זיי זיינען פיעלייכט דער העכסטער אויסדרוק פון דער מוזיקאַלישער קונסט אין דער דראַמאַטישער פאָרמע. אָבער, דאָך, יעדער איינער וואָס איז נור בעקאַנט מיט מוזיק ווייס און וועט צוגעבען, דאָס דער איינפלוס פון וואַגנער׳ס מוזיק אויף דיא היינטיגע קאָמפּאָזיטאָרס איז זעהר גרויס, און דאָס אַלע היינטיגע ערפאָלגרייכע אָפּעראַס אין וועלכע דיא ריין־דראַמאַטישע ענט־וויקלונג איז גוט אָבגעהיט זיינען דער רעזולטאַט פון וואַגנער׳ס אידעען, פון וואַגנער׳ס מוזיקאַלישע פילאָזאָפיע, פון וואַגנער׳ס בעגריף וואָס אַן אָפּעראַ דאַרף זיין.

וואָס איז אייגענטליך דער גרונד־אונטערשיעד צווישען דער היינטיגער אָפּעראַ און דער אָפּעראַ פון אַ מאָל?

יעדער איינער, נאַטירליך, ווייס גאַנץ גוט, אַז אָפּעראַ, וויא יעדע אַנדער קונסט, איז ניט ארויסגעבראַכט געוואָרען אויף דער וועלט „פיקס און פערטיג“, פאָלקאָמען, מיט אַלע מעלות. צווישען דער ערשטער אָפּעראַ, וועלכע דער איטאַליענער פּערי האָט פער־פאַסט אין 1594 און דיא נייעסטע אָפּעראַ „סאַלאָמע“ פון דעם ריכאַרד שטראַוס איז דאָ אַ געוואַלדיגער אונטערשיעד. דיא

ערשטע אפערא, וועלכע האט געהייסען „דאפנע“, איז געשפיעלט געווארען מיט 4 מוזיקאלישע אינסטרומענטען, וועהרענד צו שפיעלען „סאלאמע“ מוז מען האבען ניט ווענינער וויא א 100 מוזיקאלישע אינסטרומענטען. אבער ניט אין דער גרויס פון דעם ארקעסטער ליעגט דער אונטערשיעד. דער אונטערשיעד ליעגט אין דעם: א מאל איז אפערא געוועז א מוזיקאלישע פיעסע, וועלכע האט אין זיך געהאט זעהר ווענינ דראמאטישע האנדלונג און כמעט קיין שום לאגישע פערבינדונג ניט צווישען דיא פערשיעדענע כאראקטערע וואס זיינען ערשיענען אויף דער ביהנע, אבער דערפאר האט זיא ענטהאלטען זעהר פיעל מעלאדישע סאנגס, פאר איינצעלנע שטימען אזוי גוט וויא פאר עטליכע שטימען מיט א מאל; דער ארקעסטער, וועלכער איז נאך דאן געוועזן אן אונענטוויקעלטע זאך האט געהאט אן אונבעדייטענדע ראלע. היינט איז אפערא א מוזיקאלישע פיעסע מיט א סך וויכטיגע דראמאטישע האנדלונגען און מיט א לאגישער פערבינדונג צווישען דיא פער־שיעדענע דראמאטישע פערזאנען וואס ערשיינען אויף דער ביהנע; דער ארקעסטער, וואס האט אין לעצטען יאהרהונדערט דערגרייכט זיין העכסטע ענטוויקלונג, שפיעלט דיא וויכטיגסטע ראלע — א וויכטיגערע ראלע זאגאר וויא דיא זינגער און דער כאר. דער ארקעסטער אין היינטיגע צייטען, איז אלעס. דער ארקעסטער רעדט אין דער מוזיקאלישער שפראך דאס וואס דיא ווערטער פון דיא שוישפיעלער דארפען אויסדריקען; און דיא שוישפיעלערס, דיא זינגערס, מיט זייער בעוועגונג און האנדלונג אויף דער ביהנע אילוסטרירען נור דיא מוזיק פון דעם ארקעסטער.

אין אנדערע ווערטער, א מאל זיינען דיא זינגער געוועזן אלעס, דיא הויפט אדער איינציגע „אטרעקשען“. היינט זיינען דיא זינגער ניט מעהר וויא א טהייל פון דעם גרויסען ארקעסטער. דיא מענשליכע שטימע שפיעלט דיזעלבע ראלע וואס דיא פיעדעל, דיא טשעלא, דער פלייט, דער קלארינעט, דער טראמבאן, אדער אירגענד וועלכער אנדער אינסטרומענט. פערשטעהט זיך, אזוי

וויא דיא שטימע איז פערקערפּערט אין לעבעדיגען מענש, און אזוי וויא נור דער לעבעדיגער מענש קען אויסדריקען דראַמאַטישע האַנדלונג אויף דער ביהנע, זיינען דיא זינגער יעצט אויך אַ גרויסע „אַטרעקשען" פאַר'ן עולם, אָבער טאַקע נור דערפאַר וואָס זיי קומט אוים צו ערשיינען פאַר דיא אויגען פון פּובליקום. אין גרויסער געמעזען שפּיעלען זיי אין דער מאָדערנער אָפּערא דיא ראָלע פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטען.

דיא גרעסטע נעמען אין דער געשיכטע פון מוזיק זיינען: פּאַלעסטרינא, גלוק, ראָסיני, בעליני, וועבער, האַלעווי, באַך, מאָצאַרט, בראַהמס, האַנדעל, שאָפּען, ליסט, גונאָ, מייערבעער, שומאַן, שובערט, רובינשטיין, מענדעלסאָן, דאָניצעטי, טשאַיקאָווסקי, בעטהאָווען, ווערדי און וואַגנער. אָבער דיא צאָהל פון דיא גאָר גרויסע אָפּעראַטישע זשעניען איז פּיעל קלענער. צווישען דיא לעצטע קענען דערמאָהנט ווערען מאָצאַרט, גלוק, וועבער, ראָסיני, מייערבעער, גונאָ, ווערדי און וואַגנער. דיא העכסטע ענטוויקלונג פון דער אָפּערא קען מען געפינען ביי דיא לעצטע צוויי — דעם איטאַליענער ווערדי און דעם דייטש וואַגנער. ביידע פערטרעטען צוויי פערשיעדענע טהעאָריען אין אָפּערא, צוויי פערשיעדענע שוהלען, און ביידע זיינען דיא גרעסטע אָפּערא זשעניען פון דער היינטיגער צייט. דיא קאָמפּאָזיציאָנען וועלכע דריקען אם בעסטען אוים דיא צוויי פערשיעדענע טהעאָריען, דיא צוויי שטרעמונגען אין דער אָפּערא, זיינען ווערדי'ס „אַ א י ד א" און וואַגנער'ס „ט ר י ס ט א ן און א י ז אָ ל ד ע". ווער עס קען זיך פערגינען צו געהן זעהן און הערען דיזע צוויי אָפּעראַס אין אן ערשטע קלאַסע אָפּערא הויז וועט קיינמאָל ניט האָבען קיין אורזאַכע צו בעריהען דעם עקספּענס. ביי מאָצאַרט'ס „ד אָ ן ז ש ו א ן" איז דאָ אויך וואָס צו זעהן און צו הערן, און ווען מען נעהמט אין אנבעטראַכט דאָס מאָצאַרט האָט געלעבט אין לעצטען העלפט פון 18טען יאָהר הונדערט (1756—1791), דאַן בעגרייפט מען ערשט וואָס פאַר אַ ריעזיגע מוזיקאַלישע קראַפט ער איז.

דיא אָפּעראַס פון דעם פראַנצויז גלוק ווערן שוין היינטיגע צייטען זעלטען געשפּיעלט, אָבוואָהל זיי בעצייכענען אַ וויכטיגע עפּאָכע אין דער ענטוויקלונג פון דיזער קונסט. גלוק האָט געלייגט דעם גרונדשטיין פאַר וואַגנער׳ס מוזיק־דראַמאַס. „אָרפעאָ“ איז גלוק׳ס פּאָפּולערסטע אָפּערא. וועבער׳ס „פ ר י י ש ו ט ץ“ איז ביז היינטיגען טאָג איינע פון דיא בעסטע דייטשע אָפּעראַס. ראָסיני׳ס „ב אַ ר ב ע ר פ ו ן ס ע ו ו י ל“ איז נאָך אויך יעצט פּאָפּולער. זיין „ו ו י ל י אַ ם ט ע ל ל“ ווערט אין די לעצטע צייטען ניט געשפּיעלט, ווייל עס זיינען דאָ ווענינ זינגער וואָס קענען זיך אונטערנעהמען צו זינגען דיא שווערע אַריען; אָבער ווער איז דאָס ניט בעקאַנט מיט דער זיסער מעלאָדיע פון „וויליאַם טעלל׳ס“ אָווערטיורע? וואָס אַנ־בעלאַנגט גונאָ, ווער האָט דאָס ניט געהערט זיין „פ אַ ו ס ט“, דיא אָפּערא וועלכע יעדער איינער ליעבט דאָס אַזוי שטאַרק? זיין „ר אָ מ ע אָ א ו ן ז ש ו ל י ע ט“ איז ניט ערגער פון „פאוסט“, אָבוואָהל זיא איז ניט אַזוי בעוואוסט צום אַלגעמיינעם עולם. און מייערבעער, דער פראַנצויזישער איד וואָס האָט אין אַ גרויסען טהייל פון זיין לעבען געהאַט אַ ביטערען סכסוך מיט דעם פערבי־סענעם וואַגנער, האָט דער וועלט געגעבען דריי אָפּעראַס פון ערשטע ראַנגע וועלכע וועלען קיינמאָהל ניט אָפּשטאַרבען. זיי זיינען „ל ע י ו ג ע נ אָ“, „ל ע פ ר אָ פ ע ט“, און „ל׳אַ פ ר י ק י י ן“. דיא ערשטע פון דיעזע דריי איז דיא פּאָפּולערסטע און ווערט אויפגעפיהרט יעדען סיזאָן אין אַלע וויכטיגע אָפּערא הייזער פון דער וועלט.

אין דער היינטיגער פּראַקטישער וועלט, ווען יעדער מענש איז אַזוי אָפּגעגעבען מיט יאָגען זיך נאָך מאַטעריעלע רייכטהימער, ווערן דיא נעמען פון דיא גרויסע קאָמפּאָזיטאָרס, פון דיא וואָס האָבען אַם בעסטען אויסגעטייטשט דיא טיעפסטע געפיהלען פון דער מענש־ליכער נשמה, ניט אַזוי געשעצט פון דער אַלגעמיינער מאַסע לויט זייער פערדיענסט. אָבער מיט יעדען יאָהר נעהמען זיך אַלץ אַ גרעסערע צאָהל מענשען צו שטודירען דיזע העכסטע קונסט — מוּ־זיק; און מען קען זאָגען מיט זיכערהייט דאָס דיא צייט וועט

קומען ווען א מוזיקאלישע בילדונג וועט זיין א טהייל פון יעדען מענשען'ס קולטור, און דיא גרויסע זשעניען פון מוזיק וועלן זיין אנערקענט און געעהרט אין יעדען ווינקעלע פון דער ציוויליזירטער וועלט.

א זעהר פרעהליכע ערשיינונג איז דאס וואס אין דיא לעצטע יאהרען איז אפערא געוואָרען זעהר פאפולער אין אמעריקא, און דאס איז א צייכען אז אמעריקא, דער נייער וועלט־טהייל, וועלכער איז אזוי גרויס און פארטגעשריטען אין מאטעריעלע רייכטהימער, וועט אויך אין גיכען ווערן מוזיקאליש אויסגעבילדעט, און דאן וועלען פיעלייכט קענען צוגעשטעלט ווערן אמעריקאנער נעמען צו דער ליסטע פון אפערא זשעניען. לאמיר האפען! מוזיק איז א קונסט אין וועלכער עס איז וערטה זיך אויסצוצייכענען און ווערן אונשטערבליך.

* * *

אין דיזען בוך וועט דער לעזער געפינען א בעשרייבונג פון דער מוזיק און דעם סוזשעט פון דיא פאפולערסטע אפעראס פון דער איטאליענישע שוהלע, דיא פראנצויזישע שוהלע, און דיא דייטשע שוהלע. דער פערפאסער האט, פערשטעהט זיך, ניט געקענט אפגעבען קיין פלאטץ פאר אלע פאפולערע אפעראס; ער האט נור אויסגעקליבען אזעלכע וואס ווערן אפט אויפגעפיהרט אין יעדע גרויסע שטאדט פון דער ציוויליזירטער וועלט און וועלכע דער דורכשניטליכער מוזיק ליעבהאבער געהט הערען פון צייט צו צייט.

דער צוועק פון דעם פערפאסער איז געווען א דאפעלטער: ערשטענס, צו מאכען דיזען בוך נוצליך פאר יעדען מוזיק ליעבהאבער; צווייטענס, צו פאראינטערעסירען אין אפערא דיא יעניגע וואס וויסען זעהר וועניג אדער גאר גארניט פון אפערא.

דיא לעזער פון דעם ערשטען סארט, דאס הייסט, דיא וועלכע זיינען שוין בעזוכערס פון אפערא, קענען אין דיזען בוך געפינען דעם סוזשעט ערקלעהרט אזוי קורץ און קלאהר וויא נאר מעגליך, וואס דאס וועט זיי העלפען צו האבען מעהר פערגעניגען, צו פערשטעהן בעסער דיא מוזיק, און צו בעגרייפען מעהר ואלעס וואס זייערע

איינען זעהן און זייערע אויערן הערן. דיא מיינונג פון מאַנכע אַז צו אָפּערא דאַרף מען ניט וויסען דיא דראַמאַטישע האַנדלונג, ווייל מען הערט דיא ווערטער פון דיא זינגערס אַלץ איינס ניט, איז זעהר אַ פאַלשע. וואָס מעהר איינער פערשטעהט דעם סוזשעט פון אַן אָפּערא אַלץ מעהר בעגרייפט ער דיא בעדייטונג פון דער מוזיק און אַלץ אַ גרעסערע הנאה האָט ער. אין מאַנכע אָפּעראַס (וואַגנער׳ס מוזיק דראַמאַס, צום ביישפּיעל) איז עס פון דער העכסטער וויכטיגקייט אַז מען זאָל פריהער זיין בעקאַנט מיט דער דראַמאַטישער האַנדלונג איידער מען געהט הערן דיא מוזיק.

דיא לעזער פון דעם צווייטען טאַרט, דאָס הייסט דיא וועלכע ווייסען נאָך גאָר ניט פון אָפּערא, קענען אין דיזען בוך געפינען אינטערעסאַנטע מעשה׳לאַך פון בעריהמטע ווערקע, וואָס דאָס האָט, רוכט זיך, יעדער איינער ליעב. צוליעב דיזע לעזער האָט דער פערפאַסער צוזאַמענגעפלאָכטען דיא מעשה׳לאַך מיט דיא בעסטע שטעלען פון דער מוזיק אין דיא אָפּעראַס, אום ביי זיי, דיא לעזער, זאָל זיך ענטוויקלען אַ וואונש צו געהן אַ מאָל הערן אַן אָפּערא. גוטע מוזיק איז אַ געשמאַק־זאַך. דיזער געשמאַק מוז ביים עולם ענטוויקעלט ווערן. דיא מיינסטע מענשען ווייסען גאָרניט פון אָפּערא ווייל זיי געהן קיינמאָל ניט הערן אַן אָפּערא. געהט מען אָבער נור איין מאָהל, ספּעציעל צו אַזאַ אָפּערא וויא „קארמען“, „איל טראוואטאר“, אָדער „קאוואלעריא רוסטיקאנא“, געהט מען שוין אַ צווייטען מאָל אויך, און אַ דריטען מאָל געוויס; און אַזוי ווערט מען צוגעצויגען צו דיזער קונסט.

דער פערפאַסער האָט זיך בעמיהעט אריינצופלעכטען אין דיזען בוך עטוואָס פון דעם לעבען און דעם שטרעבען פון דיא בעריהמטעסטע קאָמפּאָזיטאָרס פון דער וועלט. דאָס איז געטהאָן געוואָרען מיט דעם צוועק צו בעווייזען דאָס מיט דער קונסט פון מוזיק בעשעפטיגען זיך דיא גרעסטע זשעניען פון דער וועלט, דאָס דיא איידעלסטע זעעלען זייגען פערבונדען מיט דער געשיכטע פון דיזער קונסט, און דאָס דיזע קונסט וויא יעדע אַנדער זאַך אין דער וועלט ענטוויקעלט זיך ...

וויקלונג און איז דער רעזולטאט פון דיזעלבע עוואלוציאנערע קרעפ־
טען וואס טרייבט דער גאנצער מענשהייט צו אלץ א העכערע שטופע
פון קולטור און ציוויליזאציאן.

דיזער בוך איז, פערשטעהט זיך, ווייט פון א פאלקאמענע ווערק איבער דער טהעמא וואס ווערט בעהאנדעלט. אבער מען דארף נים פארגעסען אז דאס איז דער ערשטער בוך אין אידיש איבער אפערא. דער פערפאסער קען נור פאר זיך זאגען אזוי פיעל: שרייבענדיג דיזען בוך האט ער זיך עהרליך און ערנסט בעמיהעט צו בעשאפען א נוצליכען ווערק פאר אידישע לעזער איבער דאס שעהנסטע קונסט וואס דיא מענשהייט בעזיצט.

ו. עדלין.

19טער אפריל, 1907.

RIGOLETTO — Verdi

ריגאלעטא

פון זשוזעפע ווערדי

פערזאנען:

הערצאג פון מאנטוא — טענאר; ריגאלעטא — באריטאן; ספארא־פוציל — באס; גראף צעפראנא — באס; גראף מאנטעראן — באס; מארולא — באריטאן; בארזע — טענאר; גילדא — סאפראנא; גרעפין צעפראנא — סאפראנא; זשיאוואנא — סאפראנא; מאדאלענא — קאנטראלטא.

ריגאלעטא איז געוועזן איינע פון דיא ערשטע אפעראס וואס האט געמאכט בעריהמט דעם נאמען פון זשוזעפע ווערדי; און אבוואהל עס איז שוין מעהר וויא א האלבער יאהרהונדערט זייט דיזע אפערא איז צוערשט אויפגעפיהרט געווארען, איז זיא נאך יעצט פעררעכענט אלס איינע פון דיא פיעלע ערפאלגרייכע אפעראס וואס דער אונשטערבליכער ווערדי האט איבערגעלאזען דער מענשהייט.

אז ווערדי האט איבערגעלאזען פיעלע ערפאלגרייכע אפעראס— דאס וויים יעדער איינער וואס אינטערעסירט זיך נור א ביסעל מיט דער אפערא ביהנע. צווישען דיזע ערפאלגרייכע אפעראס זיינען, א חוץ „ריגאלעטא“, „טראוויאטא“, „טרו־

באַדור״, „ערנאַני״, „באַל מאַסקאַראַד״, „אַאידאַ״, „אָטעלאָ״ און „פאַלסטאַף״. דיעזע דערמאָהנטע קונסטווערקע זיינען ניט אַלע פון אַ גלייכען מוזיקאַלישען ווערטה. ווערדי האָט געלעבט זעהר לאַנג, פון 1813 ביז 1901, און ער איז בעאיינפלוסט געוואָרען פון עטליכע פערשידענע עפּאָכען אין דער ענטוויקלונג פון מוזיק. די אָפּערא „ריגאָלעטאָ״ בעלאַנגט צום אָנפאַנג פון זיין וואונדערבאַרע קאַריערע און בעוויזט וואָס פאַר אַן איינגעבאָרענעם מוזיקאַלישען טאַלאַנט ווערדי האָט בעזעסען. ער האָט געהאַט אַן אונבעגרענצטען קוואַל פון מעלאָדיע, וועלכע גיסט זיך דורך אין אַלע זיינע ווערקע מיט אַ מערקווירדיגע לייכטקייט און נאַטירליכקייט, וויא ער וואָלט גאָר קיין שום אָנשטרענגונג ניט געדאַרפט מאַכען צו פּראָדוצירען ריטמישע טענער, צו בעשאַפען זיסען געזאַנג און צוזאַמענצופלעכטען אין אַ האַרמאָנישען גאַנצעם דועטען, טריאָס, קוואַרטעטען, קווינ־טעטען און סעקסטעטען.

ווערדי איז ניט געוועזן קיין מוזיקאַלישער גאון. ער איז ניט געוועזן קיין גרויסער טהעאָרעטיקער אין מוזיק. אָבער מיט זיין איינגעבאָרענעם טאַלאַנט האָט ער „אָפּגעמאַכט״ דאָס וואָס איהם האָט געפעהלט אין קענטניסע, אין ערציהונג, אין מוזיקאַלישע בילדונג. ער האָט אויך געהאַט אַ נאַטור וואָס האָט זיך לייכט געקענט צופּאַסען צו נייע אומשטענדען, צו נייע פאָדערונגען, און דאָס ערקלערט וויא עס קומט דאָס ער האָט אין די לעצטע צוואַנציג יאָהר פון זיין לאַנגען און פרוכטבאַרען לעבען פערפאַסט אָפּעראַס, וועלכע זיינען אין זייער טעכניק און אין זייער פאָרמע געווען אַ זעהר גרויסע פערבעסערונג איבער די אָפּעראַס וואָס ער האָט געשריעבען אין די אינגערע יאָהרען. פון דיזע לעצטע אָפּעראַס זיינען „אַאידאַ״, „אָטעלאָ״ און „פאַלסטאַף״.

אָבער אין איין זאַך זיינען אַלע אָפּעראַס פון ווערדי גלייך, און דאָס איז אין זייער מעלאָדיע; און אין דעם הינזיכט איז „ריגאָלעטאָ״ קיין אויסנאַהם ניט. אָבער אַ חוץ די רייכע מעלאָדיע איז דער סוזשעט פון „ריגאָלעטאָ״ זעהר שטאַרק מעלאָדראַמאַטיש,

און דאָס, פיעליייכט, איז איינע פון דיא הויפּט־אורזאַכען וואָרום דער מוזיק־ליעבענדער עולם פון היינטיגע צייטען איז ניט ווענינער בעגייסטערט פאַר דיזער אָפּערא וויא עס זיינען געוועזן דיא מאַסען פון אַ האַלבען יאָהרהונדערט צוריק; אויך וואָרום „ריגאָלעטאָ“ שטעהט נאָך יעצט אין דער ע ר ש ט ע ר רייהע פון ווערדי'ס ערפאָלגרייכע אָפּעראַס.

דער סוזשעט פאַר דיזער אָפּערא האָט ווערדי גענומען פון וויקטאָר הוגאָ'ס דראַמאַ „לע ראָי ס'אַמיזע“ און דער הויפּט־אינטערעס דרעהט זיך אַרום אַ הויקערדיגען האָף־נאַר, אַ מאַן פון עלטערע יאָהרען.

דיזער האָף־נאַר מיט'ן נאָמען ר י ג אָ ל ע ט אָ איז אין דיענסט ביים ה ע ר צ אָ ג פון מאַנטואַ. ער איז אַ כיטרער אָבער שטאַרק פערהאַסטער מענש. אין אַלע פון דעם הערצאָג'ס מעשים רעים האָט דיזער האָף־נאַר געהאַט אַ האַנד. מיט ראַטה און טהאַט האָט ער זיין בעל־הבית געדיענט. ער האָט געטאָן זיין אַרבייט זעהר געטריי. ער האָט געלאַכט, זיך נאַריש געמאַכט און אַמוזירט דעם הערצאָג מיט זיין סוויטע אפילו ווען ביי זיך אין הארצען האָט ער געפיהלט אַנדערש. פון זיין פּריוואַט־לעבען האָט קיינער גאָר ניט געוואוסט. ער האָט געהאַט אַ טאָכטער, און ער האָט זיא געהאַלטען אין דער פרעמד, בעהאַלטען פון מענשען, אויס מורא אַז זיא זאָל ניט אַריינפאַלען אין דיא הענד פון פער־פיהרערס. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט דאָס זיינע שונאים וואָלטען עס ניט געהאַלטען פאַר קיין חטא צו רואינירען זיין טאָכטער — דיא טאָכטער פון אַ „בופון“, פון אַ האָף־נאַר.

אָבער ווען זיין טאָכטער איז אויסגעוואקסען אַ שעהנע יונגע פרוי האָט ער איהר אַריבערגעבראַכט צו זיך אין מאַנטואַ, האָט איהר געהאַלטען אין אַ וואָהנונג אויסערן שטאָדט, און מעהר וויא אין קירכע האָט ער איהר אין ערגיץ ניט געלאָזט געהען. ער האָט אָנגעזאָגט איהר גובערנאַנטין גוט אַכטונג צו געבען אויף זיין טאָכטער, זיין איין איינציגע ג י ל ד אַ, וועלכע ער פלעגט יעדען אבענד בעזוכען און געהייט צו זעהן אויב אַלעס איז אין אָרדנונג.

אבער ניט דיא גובערנאנטין און ניט גילדא האט איהם דערצעהלט אז יעדען מאל ווען זיין טאכטער געהט אין קירכע געהט איהר נאך א סטודענטעל און ערקלערט זיך איהר אין ליעבע.

ריגאלעטא'ס פארזיכטיגקייט האט צום סוף געפיהרט צו זיין טאכטער'ס רואינע. מאנכע פון דעם הערצאג'ס סוויטע האבען בעמערקט וויא דער אלטער ריגאלעטא געהט יעדען אבענד אוועק אין געהיים אין א הויז אונטערן שטאדט, וואו עס געפינט זיך א בילד־שעהנע יונגע פרוי. זיי קריעגען א פערדאכט אז דארט איז זיין געליעבטע, און דאס קומט זיי פאר אזוי קאמיש, אז זיי פאלט איין נקמה צו נעהמען פון איהם אויף א קאמישען אופן. זיי וועלען איהם אבטהאן דאס וואס ער האט געהאלפען אנדערע אבטהאן, נעמליך: זיי וועלען ביי איהם אוועק'גנב'ענען זיין געליעבטע — א זאך וואס איז אין מיטעל־אלטער ניט געוועזן קיין אויסערגעוועהנליכע פאסירונג.

ערשטער אקט.

אז עס איז דא גענוג גרונד אבצורעכענען זיך מיט ריגאלעטא אויף אזא אופן איז גאר קיין צווייפעל ניט. אין דעם ערשטען אקט, אויף א באל ביים הערצאג פון מאנטוא אין פאלאץ, גראדע ווען אלע זיינען לוסטיג און פרעהליך, קומט פאר א טראגישע פאסירונג, וועלכע בעווייזט דיא ניעדערטרעכטיגקייט פון ריגאלעטא'ס ארבייט, דיא קאלטבלוטיגקייט מיט וועלכע ער פלעגט אין א געלעכטער אבוואשען דיא בלוטיגסטע פלעקען פון דעם הערצאג'ס לעבען. עס רייסט זיך אריין אין דער אנוועזענהייט פון דעם הערצאג דער אלטער גראף מ א נ ט ע ר א ן, וועלכער פערדאמט דעם הערשער פון מאנטוא פאר פערפיהרען זיין טאכטער. ריגאלעטא אונטערברעכט אבער דעם אלטען'ס ווערטער מיט נאכקרימען און אויסלאכען איהם. דער גראף, וועמעס הארץ איז פון צרות צובראכען און וועמעס זינען איז גערירט, קעהרט זיך יעצט אום צו דעם האף־נאר און פערשילט איהם. דער הערצאג הייסט דעם אלטען גראף ארעטירען, אבער ריגאלעטא בלייבט איבער שטארק דערשלאגען און דערשראקען.

דיא איבעריגע פריינד פון דעם הערצאָג זיינען גאַנץ אַמוזירט פון ריגאָלעטאָ'ס קומער. אין דיזען אַקט בעשליסען זיי צווישען זיך ארויסצו'גנב'ענען דיא פרוי וועלכע דער האָף־נאַר בעזוכט אזוי אָפט און וועלכע זיי דענקען איז זיין מעטרעסע; און אַבוואָהל דער האָף־נאַר וויים גאָר ניט פון דער פערשווערונג געגען איהם, דאָך פיהלט ער אז דיא קללה פון דעם אלטען וואהנזיניגען מאָנטעראָן וועט ווירקען.

צווייטער אקט.

ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף פאַר'ן צווייטען אַקט ווייזט זיך דיא וואָהנונג פון ריגאָלעטאָ'ס טאָכטער. עס זעהט זיך דער הויף און א טהייל פון דער גאַס וואָס פיהרט צום הויף. עס איז אבענד. איינגעהילט אין א שווארצען מאַנטעל, טיעף אריינגעטאָן אין זיינע מרה־שחורה'דיגע געדאַנקען, געהט לאַנגזאַם ריגאָלעטאָ צו זיין טאָכטער. איידער ער קומט צו צום הויז בעגעגענט איהם ספאראפוציל, א פשוט'ער באַנדיט, און פרעגט איהם אויב ער נויטיגט זיך עפּעס אין א „קרומע שטיקעל ארבייט". ריגאָלעטאָ זאָגט אז ער דאַרף איהם ניט, אָבער דער באַנדיט טראָגט זיך ניט אָב אזוי שנעל. ער זאָגט דאַס ער קען אַבראַמען פון וועג יעדען איינעם — פאַר א פּרייז, נאַטירליך. ער האָט ביי זיך א שווערד, און אויב דאָס טויג ניט, האָט ער א שוועסטער א טענצערין וועלכע פערנאַררט דעם קרבן צו איהם אין שענק און דאָרט ווערט דיא „קרומע ארבייט" אָבגעטאָן אין געהיים. ריגאָלעטאָ פרעגט איהם זיין נאָמען און אַדרעס און הייסט איהם אוועקגעהן. בלייבענדיג אליין זעצט ער זיך אוועק אויף א באַנק נעבען דעם הויף און ווערט ווידער פערטיעפט אין זיינע געדאַנקען. דעם גראַף מאָנטעראָן'ס קללה קען ער ניט פערגעסען. ער פיהלט ערשט אין דעם מאָמענט זיין ביטערע לאַגע — דיא לאַגע פון איינעם וואָס מוז אימער לאַכען, וואָס מוז אימער מאַכען אַנדערע פיהלען גוט און פרעהליך.

ענדליך געהט ער אריין אין הויף און בעגעגענט זיך מיט זיין טאָכטער גילדא. א ריהרענדע ליעבע סצענע קומט פאַר צווישען

פּאַטער און טאָכטער. דיא לעצטע פרעגט זיך נאָך אויף איהר פערשטאָרבענער מוטער, זי וויל וויסען וואָס ער, איהר פּאַטער, טהוט און פון וועלכע פאַמיליע ער שטאַמט, אָבער ריגאָלעטאָ מיידעט אויס אַלע איהרע פראַגען. ער ווענדט זיך צו דער גובער־נאַנטין זשיאָוואַנאַ און פערזאָגט איהר אַ טויזענדען מאָל אַז זיא זאָל זיין טאָכטער אָבהיטען וויא איהר אייגען קינד. פּלוצלונג דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טהיר פון הויף. ריגאָלעטאָ לויפט אַרויס אויף'ן גאַס, ער בעמערקט אָבער ניט וויא עס האָט זיך הינטער זיינע פּלייצעס אריינגע'גנב'עט אַ יונגער מאַן, נעקליידעט וויא אַ סטודענט, און זיך בעהאַלטען הינטער אַ בוים אין הויף. דענקענדיג אַז איהם האָט נור אויסגעדוכט דאָס אימיצער קלאַפּט אין טהיר קומט אריין צוריק ריגאָלעטאָ און נעהמט אבשיעד פון זיין טאָכטער. און ווען ער געהט אוועק זאָגט גילדע צו איהר גובערנאַנטין, דאָס איהר פערדריסט וואָס זיא האָט דעם פאטער ניט דערצעהלט, אַז יעדעס מאָל ווען זיא געהט אין קירכע געהט איהר נאָך אַ סטודענט. זיא גיט צו דאָס זיא ליעבט דעם סטודענט ; און ווען דער סטודענט (וועלכער איז קיין אַנדערער ניט וויא דער הערצאָג אַליין) דערהערט איהרע ווערטער קומט ער אַרויס פון זיין בעהאַלטענעם אָרט און פאַלט אויף זיינע קניע פאַר איהר. ער ערקלעהרט זיך איהר אין ליעבע און נאָך אַ קורצען קאַמפּף מיט זיך וואַרפט זיך גילדאַ אין זיינע אָרעמס. זיא פרעגט איהם ווער ער איז און ער גיט איהר אָן אַ פאַלשען נאָמען. דיא גובערנאַנטקע, וועלכע האָט פון „סטודענט“ געקראָגען אַ שעהנע בייטיל מיט געלד ביי זיין אריינ־קומען, זאָגט יעצט צו דיא פערליעבטע דאָס זיא הערט טריט קומען אַלץ נעהנטער און זיא דענקט דאָס ריגאָלעטאָ קעהרט זיך אום. דאָס נאַטירליך מאַכט דעם הערצאָג אָבטראָגען זיך דורך אַ זייטיגע טהיר.

אָבער דיא טריט וועלכע זשיאָוואַנאַ האָט געהערט זיינען ניט ריגאָלעטאָ'ס זאָנדערן באָרזאַ'ס, וועלכער קומט אָן האַלב פער־מאַסקירט אין דער בעגלייטונג פון אַנדערע האָפלייטע אויסצופיהרען דעם פּלאַן פון קידנעפּען ריגאָלעטאָ'ס „מעטרעסע“. ריגאָלעטאָ

קומט טאַסע אויך אַן אויף דער סצענע, אָבער אין דער געדיכטער פינסטערניס פון יער נאַכט געלינגט דער חברה איינצורעדען איהם דאָס זיי געהען ארויס׳גנב׳ענען די גרעפין צ ע פ ר א נ א, אין וועמען דער הערצאָג איז „פערקאַכט“. ער שטעהט צו צו דער חברה. מען טהוט איהם אַן אַ מאַסקע, אויף וועלכער מען פער־בינדט נאָך אַ טיכעל איבער דיא אויגען, און מען הייסט איהם צוהאַלטען דעם לייטער וואָס מען האָט צוגעשטעלט צום וואַנד פון דעם הויף וועלכער פיהרט צו זיין טאָכטער. עטליכע קריכען אריין צו גילדאַ׳ן אין צימער, פערשטאָפּען איהר דעם מויל מיט אַ טיכעל און טראָגען איהר ארויס. אַלע לויפען אוועק, נאָר ריגאָלעטאָ בלייבט שטעהן וויא אַן אמת׳ער נאַר ביים לייטער. ער רייסט פון זיך ארונטער דיא טיכעל און דיא מאַסקע און דערזעהט צו זיין גרויס שרעק דאָס ער געפינט זיך ביי זיין טאָכטער׳ס וואָהנונג. וויא ער פיהלט נאָכדעם וויא ער געפינט אויס וואָס פאַר אַ לעכערליכע טראַגי־קאָמישע ראָלע ער האָט געשפּיעלט אין דיא הענד פון זיינע שונאים — האָס קען זיך יעדער אליין פאַר־שטעלען.

דריטער אקט.

דער דריטער אקט קומט פאָר אין אַ צימער פון הערצאָג׳ס פּאַלאַץ. דער הערצאָג אליין קומט אריין אין גרויס אויפרעגונג און דריקט אויס זיין בעדויערן וואָס זיין נייע געליעבטע, זיין האָף־נאַר׳ס טאָכטער, איז פּלוצלונג פערשוואונדען געוואָרען. ער וויים נאָך ניט דאָס זיינע אייגענע מענשען האָבען איהר ארויסגע׳גנב׳עט, דענקענדיג אַז זיא איז דעם האָף־נאַר׳ס מעטרעסע. אבער עס קומען אריין דיא חברה קידנעפּערס און דערצעהלען איהם אלס אַ שפּאַס וואָס זיי האָבען געטאָן. דער הערצאָג פערשטעהט פון זייערע ווערטער אַז עס איז טאַקי דעם האָף־נאַר׳ס טאָכטער און ניט געליעבטע דאָס זיי האָבען ארויסגע׳גנב׳עט, און דערוויסענדיג זיך, אַז דער קרבן געפינט זיך פערשפּאַרט אין אַ צימער ביי איהם אין פּאַלאַץ געהט ער גלייך אוועק צו איהר.

עס קומט דאן אריין ריגאלעטא. טרעפענדיג דיא גאנצע שענדליכע געזינדעל הולטייעס זוכט ער ביי זיי ארויסצוקריגען דעם סוד וואס זיי האבען געטאן מיט זיין אונגליקליכע טאכטער. ווען זיי דערוויסען זיך ערשט דאס דיא גע׳גנב׳עטע פרויענצימער איז דעם האף־נאר׳ס טאכטער און ניט געליעבטע ווערט זיי אויף א ווײלע איבערדריסיג דיא גאנצע אנגעלעגענהייט. עס קומט אונטערדעסען אריין א פאזש פון דער הערצאגין און פרעגט נאך אויפ׳ן הערצאג. „ער שלאפט", ענטפערט איינער פון דער חברה דעם פאזש. „מען האט איהם אבער ערשט ניט לאנג געזעהן ארומד געהן", זאגט דער פאזש. ענטפערט אויף דעם א צווייטער פון דער חברה, אז דער הערצאג איז אוועק אויף דער יאגד. ריגאלעטא בעמערקט דיא פערלעגענהייט פון דער באנדע און ער פערשטעהט גלייך אז זיין טאכטער איז אין פאלאץ און אז דער הערצאג איז מיט איהר. ער גיט א שפרונג צום טהיר וועלכער פיהרט צו א צימער אן דער זייט, וואו ער דענקט אז זיין טאכטער מוז זיך געפינען, אבער דיא אנדערע לאזען איהם ניט. ער שילט זיי, און בעט זיך ביי זיי, אבער עס העלפט איהם ניט. פלוצלונג ווערט זיין געזיכט בעלויכטען מיט פרייד. דיא טהיר אן דער זייט רייסט זיך אויף און זיין גילדא לויפט אריין און פאלט אין זייגע ארמס. דיא האפלייטע טראגען זיך אב און גילדא דערצעהלט איהר פאטער דאס זיא איז געשענדעט געווארען... זיא פערגעסט אויך ניט צו ערקלעהרען וויא דער הערצאג האט זיך צו איהר ערקלעהרט אין ליעבע פערשטעלט אלס סטודענט. ביי ביידען איז דער איינדרוק דאס דער הערצאג איז שולדיג אין זייער אונגליק, אבוואהל אין דער אמת׳ן האט דער הערצאג זיך ניט בעטהייליגט אין דעם ארויס׳גנב׳ענען פון גילדא. דער אלטער האף־נאר שווערט ביטערע ראכע, ראכע פאר אלעס שלעכטעס וואס דער הערצאג האט בעגאנגען, ראכע פאר גראף מאנטעראן׳ס געשענדעטע טאכטער, און ראכע פאר אלע אנדערע וועמען דער הערצאג האט אין זיין הול־טייסטווא פעראונגליקט און רואינירט.

אבער וואס טהוט מען? וויא אזוי פיהרט מען אוים דיא

ראכע? ער דערמאָהנט זיך אויפ'ן באַנדיט וואָס ער האָט דיא פּאָריגע נאַכט בעגעגענט און ער בעשליסט ביי זיך צו הייסען איהם פּערנאַרען צו זיך אין שענק דעם הערצאָג און האָרט איהם אָבראַמען פון וועג אין הער שטיל.

פיערטער אַקט.

אין דעם פיערטען אקט זעהען מיר שוין דעם שענק פון ספּאראַפּוציל. עס איז אַ פינסטערע, כמאַרע'דיגע נאַכט. אין גאַס זעהט זיך ריגאָלעטאָ, אַנקומענדיג מיט זיין טאָכטער. זיא, גילדא, ליעבט נאָך איהר פערפיהרער. צוקומענדיג צום שענק בעגעגענט זיי ספּאַראַפוציל, וועלכער זאָגט צו ריגאָלעטאָ'ן:

„אייער מענש איז דאָ ביי מיר. זאָל ער לעבען אָדער שטאַרבען?"

ריגאָלעטאָ הייסט איהם וואַרטען. ער וויל זיין טאָכטער איבערצייגען וויא אונטריי צו איהר איז דער הערצאָג, וויא אונ־ווירדיג ער איז געליעבט צו ווערען, וויא פערפיהרעריש ער איז. ער הייסט איהר איינהערען זיך וואָס עס קומט פאָר צווישען דעם הערצאָג (וועלכער איז יעצט אָנגעטאָן אין די קליידער פון אַ סאָלדאַט) און דעם באַנדיט'ס שוועסטער, און גילדאַ הערט וויא ער ערקלעהרט זיך צו מ א ד א ל ע נ א'ן אין ליעבע. זעהענדיג וויא דאָס ווירקט אויף זיין טאָכטער הייסט ריגאָלעטאָ איהר געהן אהיים, צוזאַמענגעהמען וויא פיעל געלד זיא וועט געפינען, אָנטאָן אויף זיך מענער־קליידער און גלייך אָברייזען נאָך וועראָנאַ. זיא פאָלגט איהם. דעם באַנדיט בעצאָהלט ריגאָלעטאָ פאַר אָבראַמען פון וועג דעם „גאַסט" און זאָגט, דאָס פונקט מיטען־נאַכט וועט ער זיך צוריק קעהרען נאָכ'ן קערפּער, וועלכען ער וויל מיט זיינע אייגענע הענד אריינוואַרפען אין וואַסער.

דעם באַנדיט'ס שוועסטער מאַדאַלענאַ איז אָבער דער הערצאָג אזוי געפעלען, דאָס זיא בעט זיך ביי איהר ברודער אז ער זאָל „דעם שעהנעם הערר" ניט טויטען. אויפ'ן גאַס איז שטורמדיג, דער הערצאָג פערבלייבט שלאָפען אין שענק, און אַלץ איז גינסטיג

פאַר דעם באַנדיט; אבער זיין שוועסטער בעט זיך ביי איהם אזוי שטאַרק האָט ער בעשליסט צו טויטען דעם ערשטען רייזענדען וואָס וועט אָנקומען בעפאָר מיטען נאַכט, פערנייהען דעם געטויטע־טען אין אַ זאַק, און איהם איבערגעבען צום הויקערדיגען קאָסטימער.

אונטערדעסען קומט אָן צוריק צום שענק גילדאַ, אָנגעטאָן אין מענער־קליידער. איהר ליעבע צום הערצאָג איז צו שטאַרק צו פערלאָזען דיא געגענד אָהן פערזיכערען זיך נאָך אַ מאָל דאָס ער איז ווירקליך אונטריי צו איהר. זיא הערט זיך איין. וואָס פאַר ווערטער פאַלען אויף איהרע אויערן? מאַדאַלענאַ בעט איהר ברודער ניט צו טויטען דעם „שעהנעם הערר" וואָס געפינט זיך אין שענק. דער ברודער גיט נאָך דערמיט וואָס ער זאָגט צו צו טויטען דעם ערשטען רייזענדען וואָס וועט אָנקלאַפּען אין טהיר בעפאָר מיטען נאַכט. גילדאַ דיא אונשולדיגע, גילדאַ דיא אונערפאַהרענע, גילדאַ דיא אונגליקליכע, בעשליסט זיך צו רעטען דעם מאַן וואָס איהר הארץ האָט געליעבט און ליעבט נאָך יעצט אויך. זיא ווייס אַז אין אזאַ שטורמדיגען וועטער וועט קיין אַנדער לעבעדיגער מענש ניט בעוויזען זיך ביים שענק. זיא טראַכט ניט פיעל און קלאַפּט אָן אין טהיר.

ספּאַראַפּוציל לאָזט איהר אריין און, טריי צום דעם פער־שפּרעכען וואָס ער האָט געמאַכט צו מאַדאַלענאַ, טויטעט ער איהר. ער לעגט דעם קערפּער אריין אין אַ זאַק, און ווען נאָך מיטען נאַכט קומט ריגאָלעטאָ אָבנעהמען דעם הערצאָג'ס קערפּער קריעגט ער דעם קערפּער פון זיין אייגענע טאָכטער. צוערשט ווייס ער עס ניט נאַטירליך. אבער גראַדע ווען ער האַלט ביים אריינשליידערען דעם קערפּער אין טייך דערהערט ער דיא שטימע פון הערצאָג, וועלכער גנב'עט זיך ארויס אין גאַס געאָרעמט מיט דעם באַנדיט'ס שוועסטער. ריגאָלעטאָ קריעגט אַ חשד אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט און ער רייסט אויף דעם זאַק. „גאָט אין הימעל!" ער דערזעהט דאָס קאַלטע געזיכט פון זיין גילדאַ און, דערמאָהנענדיג זיך אויף דעם פלוך פון דעם אַלטען גראַף מאָנטעראָן, פאַלט ער אין חלשות ביים זייט פון זיין שטערבענדע טאָכטער.

די אָפּערא „ריגאָלעטאָ“ איז פול מיט העכסט אינטערעסאנטע מוזיקאַלישע שטעלען. דער ערשטער אַקט איז דער קורצעסטער און אונוויכטיגסטער. דער הויפּט־טענאָר (דער הערצאָג) האָט אַ זיסע אריע צו זינגען („קוועסטאַ אָ קוועלאַ“) פון אנפאנג. אין דעם צווייטען אַקט זיינען דאָ פראכטפאָלע אריען און דועטען. ריגאָלעטאָ'ס זינגען נאָכדעם וויא עס שיידעט זיך פון איהם דער באנדיט ספאראפוציל, זיין בעגעגעניש מיט זיין טאָכטער גילדא, זיין שיידונג פון איהר אַ קורצע ווייַלע נאָכדעם, און שפּעטער די ליעבע־סצענע צווישען דעם הערצאָג און גילדא'ן — דאָס זיינען אַלץ רייכע מאָמענטען. אַ זאנפטע אריא („קארא נאָם“) זינגט גילדא ווען זיא געהט שלאָפען, מיט אַ ליכט אין האנד, נאָכדעם וויא איהר געליעבטער פערלאָזט איהר. דער כאָר פון מענער צום ענדע פון דיזען אַקט זינגט אין דער שטיל דאָס בעריהמטע ליעד „ציטי, ציטי“. אבער די הארמאָנישסטע פערשמעלצונג פון מוזיק און דראמא איז דער דריטער אַקט. אין דיזען אַקט איז דאָ ווירקליכע טראגעדיע, אמת'ע מענשליכע טראגעדיע — די ליידען פון אַ פאטער'ס הארץ פאר זיין קינד. ווען ריגאָלעטאָ איז אָנגעטאָן אין זיינע פּאיאצקע קליידער פון פערשיעדענע קאָלירען, מיט אַ האָרב, מיט אַ צובלוטיגטע הארץ און מיט אַן אויסדרוק פון פערצווייפלונג אויף זיין געזיכט, וועלכער שטרענגט זיך אָן אויסצוקוקען לעבעדיג, מונטער, נאריש, קאָמיש — וואָס פאר אַ שרעקליכע בילד דאָס איז! עס פאָדערט ניט נור אַן ערשטע קלאסע זינגער, זאָנדערן אויך אַ שוישפּיעלער פון ערשטען ראנג דאָס פאָרצושטעלען ריכטיג. וויא פאטהעטיש איז דיזער האָף־נאַר ווען ער דערוויסט זיך דאָס זיין טאָכטער איז דאָ אין פאלאץ! וויא ווילד, וויא ראכע־דורשטיג און בלוט־דורשטיג ווערט דיזער שעהן־בעפּוצטער קארליק, ווען מען לאָזט איהם ניט אריין צו איהר אין צימער. ער בעט זיך מיט גוטען, ער סטראשעט מיט בייזען; ער ברומט וויא אַ חיה און וואָלט געקענט אלעמען אויסווערגען ווען ער וואָלט געהאַט כח. אָבער וויא געריהרט ער איז ווען ער דערזעהט זיין טאָכטער, וויא געבראָכען, וויא פערבּיטערט, וויא פערלאָזען,

וויא ערפרעהט! אלע דיעזע געמישטע געפיהלען יאגען איינע דיא אנדערע, און ווערען אויסגעדריקט פון דער מוזיק און דער דראמאטישער האנדלונג אזוי רעאליסטיש, דאס דיא הארטעסטע הערצער ווערן געוועהנליך גערירהרט. און ווען צום ענדע שווערט ער ראכע, וועהרענד זיין טאכטער בעט איהם ער זאל פערגעבען איהר פערפיהרער, שפריצען ביי איהם פונקען פייער פון דיא אויגען, זיינע פויסטען זיינען צוזאמענגענומען, וויא ער וואלט געווען פערטיג דעם מאמענט אויף א לעבען און טויט קאמפף. צוזאמען מיט זיין טאכטער זינגט ער א דועט, וועלכער זאגט נאך קלאהרער וויא דיא דראמאטישע האנדלונג וואס עס קומט פאר ביי ביידען אין דיא הערצער. אין פערטען אקט איז דא גלייך ביים אנפאנג דאס פאפולערע און שטארק בעריהמטע ליעד „לא דאנא ע מאבילע“, אין וועלכען דער אויסגעלאסענער הערצאג דריקט אויס דיא אונטריהייט פון דיא פרויען. דיזע ליעד הערט זיך אויך גאר ביים ענדע, ווען ריגאלעטא האלט ביים ארייננווארפען אין טייך דעם קערפער פון זיין טאכטער, מיינענדיג אז דאס איז דער קערפער פונ׳ם הערצאג. אין דיזען אקט איז דא אויך א מערקווירדיג שעהנער קווארטעט. אלע פיער הויפט־כאראקטערע — דער הערצאג, מאדאלענא, ריגאלעטא און גילדא — זינגען צוזאמען! דער הערצאג מאכט חן׳דעלאך צו מאדאלענא׳ן. מאדאלענא קאקעטירט מיט׳ן הערצאג. גילדא קלאגט אויף איהר פערלארענע ליעבע. ריגאלעטא שווערט ראכע. עס איז איינע פון דיא שווערסטע און בעסטע קווארטעטען אין דער מוזיקאלישער ליטעראטור.

ווערדי איז אלט געווען 38 יאהר ווען „ריגאלעטא“ האט איהם בעריהמט געמאכט איבער דער גאנצער וועלט. פון דאמאלס אן איז זיין קאריערע אלס אפערא־קאמפאזיטאר געווען א העכסט גלענצענדע. בעפאר דאן האט ער שוין אבער אויך געהאט פערפאסט עטליכע אפעראס. גאר זיין ערשטע ווערק האט געהייסען „אבערטא“, און איז מיט דער הילפע פון דעם בעריהמטען קאמפאזיטאר בעליני אויפגעפיהרט געווארען אין 1838, אבער אהן ערפאלג.

דערנאָך האָבען זיך ביי איהם געמאַכט גרויסע פאַמיליען־צרות. אין עטליכע וואָכען צייט זיינען ביי איהם געשטאָרבען זיין ווייב און צוויי קינדער, און זיין צווייטע אָפּערא— „נ ב ו כ ד נ צ ר“— האָט דאַרום געמוזט ווארטען ביז 1842. דאַן האָבען געפאָלגט אנדערע מעהר אָדער וועניגער ערפאָלגען וויא „ל אָ מ ב א ר ד י“ און „ע ר נ אַ נ י“. אבער ערשט אין 1851, ווען „ריגאָלעטאָ“ איז אויפגעפיהרט געוואָרען, האָט ער זיך ערוואָרבען א נאָמען אַלס קאָמפּאָזיטאָר ערשטען ראַנגעס.

IL TROVATORE — Verdi

טרובאדור

פון זשוזעפע ווערדי

פערזאנען:

מאנריקא — טענאר; גראף לונא — באריטאן; פעראנדא — באס; רואיז—טענאר; שלית—טענאר; לעאנארע—סאפראנא; אזוצענא—קאנטראלטא; אינעז—סאפראנא.

פון אלע גוט בעקאנטע און אלגעמיין בעליעבטע איטאליענישע אפעראס איז זשוזעפע ווערדי'ס „טרובאדור" („איל טראוואטאר") דיא פאפולערסטע. ווער האט פון דיזער אפערא ניט געהערט? ווער וואס האט נאר דיא קלענסטע פריטענזיע אויף א „מוזיקאלישען אויער" איז דאס ניט בעקאנט מיט מאנכע פון דיא מעלאדיען פון דיעזער אפערא?

„טרובאדור" איז וואס מען קען רופען א „לייכטע" אפערא, אין דעם זינן דאס איהר מוזיק איז אן איינפאכע, איהר מעלאדי א פליסענדע, און איהר סוזשעט א מעלאדראמאטישער. עס איז אן אפערא צוזאמענגעשטעלט פון אריען, דועטען און טריאס, אהן מוזי־קאליש־לאגישען צוזאמענהאנג. ווערדי איז ערשט געווען ביים אנ־פאנג פון זיין גרויסער קאריערע ווען ער האט דיזע אפערא פער־פאסט. ער איז נאך דאן געווען שטארק בעאיינפלוסט פון די

געוועהנליכע איטאליענישע אפעראס, אין וועלכע דאס זינגען פון די „סטארס“ איז געווען דיא הויפט זאך. אין „טרובאדור“ פאלט דארום די שווערסטע ארבייט און אנשטריינגונג אויף די שטימען פון די הויפט־זיינגער און ניט אויף דעם ארקעסטער, ווי עס איז דער פאל ביי די היינטיגע הויך־ענטוויקעלטע אפעראס. אין יענער צייט איז די ראלע פון דעם ארקעסטער אין דער איטאליענישע אפערא געווען א קלעגליכע. די אינסטרומענטען פלעגען נור „צובאמקען“, אויס־העלפענדיג דיא זינגערס, און „טרובאדור“ איז איינע פון דיא בעסטע און ערפאלגרייכסטע ביישפיעלע פון יענעם סארט אפערא'טישע ווערקע.

נאטירליך, וואלט ווערדי ניט געהאט א גרויסען איינגעבא־רענעם טאלאנט פאר פראדוצירען מעלאדי וואלט אזא אפערא שוין לאנג פערגעסען געווארען; אבער די זיסקייט און די אייפאב־קייט פון זיין מוזיק, די קלאהרהייט און שארפקייט מיט וועלכע ער האט זיך מוזיקאליש אויסגעדריקט, און די פערשיעדענארטיגקייט פון זיינע מוזיקאלישע גרופירונגען, דאס אלעס האט געהאלפען מאכען בעריהמט און בעליעבט כמעט אלע ווערדי'ס אפעראס וועלכע זיינען בעשאפען געווארען אין זיינע יאהרען פון אונערפאהרונג. „טרובאדור“ ווערט נאך יעצט זעהר אפט אויפגעפיהרט אין אלע שטעדט וואו עס געפינט זיך אן אפערא'טישע ביהנע, און איהרע פאפולערסטע מעלאדיען ווערען געשפיעלט פון אלע קאטערינקעס אין גאס און איבערגעזונגען אין אלע דערפליך און שטעדטליך. ווען מען געהט צום ערשטען מאל צו דיזער אפערא פיהלט מען ווי מען וואלט זיך צוגעהערט צו אן אלט בעקאנטע זאך, וואס דאס איז, פערשטעהט זיך, א גרויסע מעלה. ווארום וואס מעהר די מוזיק פון אן אפערא איז בעקאנט, פאפולער און פערשטענדליך, אלץ אפטער ליעבט מען די מוזיק צו הערען, אלץ פערשטענדליכער זיינען די האנדלונגען אויף דער ביהנע און אלץ שטארקער איז דער איינדרוק וואס די גאנצע אפערא מאכט אויף די צוהערערס.

„טרובאדור“ איז פערפאסט געווארען נאך דער אפערא „ריגא־לעטא“, אין דעם יאהר 1853. דער סוזשעט פון „טרובאדור“ איז

אָבער אַ צו מעלאָדראַמאַטישער צו האָבען אַזאַ לאַנגע צוקונפט וויא „ריגאָלעטאָ. אמת, „ריגאָלעטאָ“ איז מעלאָדראַמאַטיש גענוג, אָבער דאָרט איז כאָטש אַ מערקווירדיגער כאַראַקטער־בילד, פון דעם האָפ־נאַר — אַ בילד וואָס איז העכסט שפּאַנענד, פאַנטאַסטיש מיטרייסענד, און אַי דראַמאַטיש אַי מוזיקאַליש שטאַרק דורכגע־פיהרט. אין „טרובאַדור“ פעהלט דאָס, און אַזוי ווי יעצט האָט זיך דער עולם צוגעוואָהנט שטאַרק צו דעם העכערען, בעסערען זאָרט דראַמאַס, צו מעהר אָדער וועניגער רעאַליסטישע האַנדלונגען אויף דער ביהנע, וועט אין דער צוקונפט אַזאַ מעלאָדראַמאַטישע ווערק וויא „טרובאַדור“ ניט פאַרנעהמען קיין גרויסען פּלאַץ.

דראַמאַטיש איז די אָפּערא וויא פאָלגט:

דער אַלטער גראַף דע לונאַ האָט געהאַט צוויי זיהן. איין מאָל אין אַן אָבענד, וועןביידע זיהן זיינען נאָך געווען קליינע קינדער, האָט זיך אין פּאַלאַץ אריינגע׳גנב׳עט אַן אַלטע מכשפה, אַ ציגיינער־קע, און איז צוגעגאַנגען צו דער וויעגעלע פון דעם אינגסטען קינד. די ציגיינערין האָט מען פון פּאַלאַץ ארויסגעוואָרפען, אָבער פון יענעם טאָג אָן האָט דאָס קינד אָנגעהויבען ווערען שוואַכער אין געזונד; און אַזוי וויא אין דיא פינסטערע צייטען פון מיטעלאַלטער האָט מען געגלויבט אַז דיא ציגיינער זיינען פערשטעלטע טייוואָלים און גרויסע מחותנים מיט דער „שוואַרצער קונסט“ האָט דער אַלטער גראַף געקראָגען אַ פערדאַכט האָס דיא אַלטע ציגיינערקע האָט אויפ׳ן אינגסטען זוהן ארויפגעוואָרפען אַ מין כישוף. ער האָט איהר אויפ־געזוכט און געהייסען פערברענען, גאָר ניט קיין אונגעוועהנליכע זאַך פאַר יענע צייטען.

דיזע הינריכטונג האָט בייגעוואָהנט אַ טאָכטער פון דער אונ־גליקליכער ציגיינערקע, מיט אַן אייגענע קליין קינד אויף די אָרעמס. זי, די טאָכטער, האָט דאַן געשוואָרען ביטערע ראַכע אויף דעם אַלטען גראַף, און נאָך אין דער זעלבער נאַכט איז איהר געלונגען אריינצו׳גנב׳ענען זיך אין פּאַלאַץ און קידנעפּען דעם אינגסטען קינד. מיט איהר אייגענע בייבי אויף איין אָרם און מיט דער גע׳גנב׳עטער בייבי אויפ׳ן צווייטען אָרם איז דיא יונגע

ציגיינערין געקומען צו לויפען צום פייער וואו איהר מוטער'ס קערפּער האָט נאָך געהאַלטען אין ברענען, און האָט געוואָלט אריינוואַרפען אין דיא פלאַמען דעם גראַף'ס קינד. אָבער אין איהר אויפרעגונג און גרויס שרעק האָט זי פערביטען דעם גראַף'ס קינד אויף איהר אייגענעם, וועלכען זי האָט אריינגעשליידערט אין דיא פלאַמען. ווילד און וויטהענד איז זיא פון דעם שרעקליכען פּלאַטץ אַנטלאָפען, מיט'ן גראַף'ס אינגערען זוהן אויף איהרע הענד, און זיא האָט איהם ערצויגען אלס איהרען אַן אייגענעם. דיזער קינד איז אויסגעוואקסען און בעקאַנט געוואָרען אלס מ אַ נ ר י ק אָ, דער טרובאַדור. דער יונגער ציגיינערין'ס צוועק איז געווען צו נעהמען ראַכע פון דעם גראַף און זיין פאַמיליע דורך זייער אייגענע בלוט, דורך איינעם פון זיי אַליין, דורך דיעזען מאַנריקאָ.

אונטערדעסען איז דער אַלטער גראַף געשטאָרבען און האָט איבערגעלאָזען זיין גאַנצען פערמעגען צום איין אייניציגען זוהן, וועלכער האָט, פערשטעהט זיך, אויך גע'ירש'נט זיין טיטול. וועגען איינגסטען זוהן האָט קיינער ניט געדיינקט אז ער לעבט, אָבער דער אַלטער גראַף האָט פונדעסטוועגען אָנגעזאָגט זיין יורש אז ער זאָל קיינמאָל ניט אויפהערען צו זוכען זיין פערשוואונדענעם ברודער.

ווען דיא צוויי זיהן פון דעם גראַף זיינען געוואָרען מענער — איינער הייסענדיג ג ר אַ ף ד ע ל ו נ אַ און דער צווייטער מ אַ נ ר י ק אָ — האָט זיי דער שיקזאַל געמאַכט פאַר קאָנקורענטען אין ליעבע. דיא פרוי וועלכע זיי האָבען געליעבט איז געווען אַ הערצאָגין און האָט געהייסען ל ע אָ נ אָ ר ע. זיא האָט בעלאַנגט צו דער קעניגין'ס סוויטע. מיט דעם גראַף לונא האָט זיא זיך געקענט דורך זיין גרויסער ראָלע אין דער אַריסטאָקראַטיע. מיט מאַנריקאָ'ן איז זיא בעקאַנט געוואָרען ביי איינע פון דיא „טורנאַמענטס" פון יענער צייט, ווען טרובאַדורען און ריטערס פלעגען קעמפפען איינע געגען דיא אַנדערע מיט לאַנגע שפּיזען. מאַנריקאָ האָט זיך בעזאָנדערס אויסגעצייכענט מיט זיין שפּיז און דיא שעהנע הערצאָגין האָט זיך אין איהם ניט ווייניגער פערליעבט וויא ער אין איהר.

דיזע אלע פאקטען קומען גאר ניט פאר אויף דער ביהנע, נור זיי ווערען ארויסגעבראכט אין דיא געשפרעכען און האנדלונגען. ווען דער פארהאנג הויבט זיך אויף איז שוין מאנריקא א מאן, א טרובאדור, א ריטער, א פעכטער. ער איז שוין פערליעבט און דאס זעלבע איז זיין ברודער גראף לונא.

ערשטער אקט.

אין דער ערשטער סצענע פון ערשטען אקט ווערט פארגע־שטעלט א וואך־הויז. גראף לונא'ס הויפטמאן פ ע ר א נ ד א וועקט דיא סאלדאטען און דיענער; ער זאגט זיי דאס דער גראף קען נאך אריינקומען יעדען מאמענט, ווייל זייט ער איז פערליעבט געהט ער ארום גאנצע נעכט אונטער'ן פענסטער פון לעאנארא. אום אבער צו האלטען אלעמען פון איינשלאפען צוריק דערצעהלט ער זיי דיא גאנצע געשיכטע מיט דער ציגיינערין — אלעס וואס ער אלס אן אלטער דיענער האט געקענט וויסען. צי דער גע'גנב'עטער זוהן פון דעם אלטען גראף לעבט צי ער איז פון דער יונגער ציגיינערין פערברענט געווארען אויס ראכע, דאס זאגט פעראנדא וויים קיינער ניט. אבער ער האפט נאך אמאל זיך צו בעגעגענען מיט דער ציגיי־נערין און דאן וועט מען זיך שוין מיט איהר אברעכענען. דער זייגער קלאפט 12 מיטען נאכט און די סצענע פערוואנדעלט זיך.

(פערוואנדלונג.)

עס ווייזט זיך איינער פון דיא פרעכטיגע גארטענס פון קעניג־ליכען הויף. לעאנארע קומט אריין אין דער בעגלייטונג פון אינעז און דריקט אויס איהר וואונש צו בעגעגענען זיך ווידער מיט דעם וואס זיא ליעבט אזוי שטארק, מיט מאנריקא'ן, וועלכער האט זיך אין דעם לעצטען „טורנאמענט“ אויסגעצייכענט וויא א העלד. אינעז ראטה איהר דעם געהיימניספאלען טרובאדור צו פערגעסען, אבער לעאנארא וויל גאטירליך פון דעם ניט וויסען. זיא ליעבט צו שטארק.

נאכדעם וויא ביידע געהן אריין אין פאלאץ צייגט זיך גראף לונא. ער טרוימט פון לעאנארע'ן און זוכט א וועג וויא אזוי זיך

מיט איהר צו זעהן, ווען גאָר פּלוצלונג דערהערט ער דיא שטימע פון זיין קאָנקורענט, מאַנריקאָ, וועלכער זינגט הינטער דער ביהנע. דער גראַף וויקעלט זיך איין אין שווארצען מאַנטעל, און ווען לעאָנאָרא לויפט ארויס זיך מיט איהר געליעבטען צו בעגעגנען מאַכט זיא אַ טעות אין דער פינסטער און מיינט אז דער גראַף איז מאַנריקאָ. עס קומט אָבער אריין מאַנריקאָ און זיא זעהט ערשט וואָס פאַר אַ פעהלער זיא האָט געמאַכט. צווישען איהרע ביידע קאָנקורענטען קומט פאָר אַ דועל, אין וועלכען דער גראַף ווערט בעזיעגט; אבער עפּעס אַ געהיימע מאַכט האלט מאַנריקאָ'ן אָפּ פון טוידטען זיין געגנער.

צווייטער אַקט.

דער צווייטער אקט שטעלט פאָר צוערשט דעם לאַגער פון אַזוצענאַ, דיא ציגיינערין. ביי איהר געפינט זיך יעצט מאַנריקאָ, און אין אַ געשפּרעך מיט איהם שפּעטער דערצעהלט זיא וויא זיא האָט איהם געפונען אַ פערוואונדעטען אויף אַ שלאַכט־פעלד און האָט איהם געבראַכט אהער אין לאַגער. אין יענע יאָהרען, דאַרף מען ניט פערגעסען, זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען פיעלע מלחמות צווישען פרינצען און קעניגע, און ביי דיעזער צייט האָט זיך מאַנריקאָ געהאַט אָנגעשלאָסען אָן אַן ארמעע וואָס האָט בעקעמפּפט דעם צד צו וועלכען גראַף לונאַ האָט בעלאַנגט. און עס איז געווען אין אַ צוזאַמענשטויס צווישען דיעזע צוויי פיינד־ליכע ארמעען דאָס מאַנריקאָ איז פערוואונדעט און איבערגעלאָזען געוואָרען אויפ'ן שלאַכטפעלד. אַזוצענאַ, וועלכע האָט איהם ערצויגען אַלס איהר איינען קינד, האָט דערהערט דאָס ער איז געפאַלען אין שלאַכט. זיא איז אַוועק איהם אויפזוכען און האָט זיין לעבען אויף דעם אופן גערעטעט. ביי דעם אָנפאַנג פון דיזען אַקט איז שוין מאַנריקאָ אין גאַנצען ערהאָלט.

צוערשט זינגען דיא ציגיינער אַ ליעד וועהרענד זיי ארבייטען אויף דיא שמיעד־קלעצער. דערנאָך דערצעהלט אַזוצענאַ אין אַן איינדרוקספאָלע ליעד דיא גאַנצע טראַגעדיע פון איהר מוטער'ס הינריכטונג מיט פיעלע יאָהרען צוריק און וויא אזוי וועלענדיג

ראבע־נעהמען פון דעם אלטען גראף לונא האט זיא פערלארען איהר אייגען קינד. זיא פאדערט יעצט אויף מאנריקא׳ן, אז ער זאל זיך פאר איהר אננעהמען, אז ער זאל זיך אן דעם יונגען גראף נוקם זיין. מאנריקא, וועלכער איז אונטער דעם איינדרוק דאס אזוצענא איז זיין מוטער, דערצעהלט איהר וויא אזוי ער האט געהאט א געלעגענהייט דעם גראף צו טוידטען, נור עפעס האט איהם וויא א געהיימע מאכט צוריק געהאלטען. עס קומט אן א שליח און לאזט וויסען דאס גראף לונא האט מיט א גרויסע ארמעע בעלאגערט דיא פעסטונג פון קאסטעלאר און דאס לעאנארע, גלויבענדיג אז מאנריקא איז טוידט, קלייבט זיך אריינצוגעהן אין א מאנאסטיר וועלכער געפינט זיך ניט ווייט פון דער פעסטונג. הערענדיג דאס רייסט זיך מאנריקא ארויס פון אזוצענא׳ס לאגער און לויפט אוועק צום מאנאסטיר, אן דער שפיצע פון אן ארמעע.

(פערוואנדלונג)

עס זעהט זיך דער הויף פון א גרויסען קלויסטער. גראף לונא מיט זיינע סאלדאטען איז אין דער געגענד, ער איז אויך אונטער דעם איינדרוק דאס מאנריקא לעבט ניט מעהר און ער פלאנעוועט ניט צו דערלאזען אז לעאנארע זאל ווערען א נאנע. זיינע געפיהלען דריקט אויס דער גראף אין דיזער סצענע אין א פראכטפאלע ליעד. ער ליעבט לעאנארע׳ן מיט׳ן פולען פייער פון זיין הארצען. ער איז בעצויבערט פון איהרע הימלישע אויגען, פון איהר בלייכען אבער וואונדער שעהנעם געזיכט. עס דערהערט זיך א קלינגען פון גלאקען — א צייכען, אז דיא צערעמאניע פון אריינגעהמען לעאנארע׳ן אין מאנאסטיר פאנגט גלייך אן. ער הייסט זיינע חברה בעהאלטען זיך הינטער דיא בוימער ביז ער וועט זיי געבען א ווייטערען בעפעהל.

עס קומען ארויס פון קלויסטער דיא נאנען. מיט זיי זיינען לעאנארע און אינעז. דיא לעצטע וויינט. איהר רייסט דאס הארץ וואס לעאנארע רייסט זיך אב פון דער לעבעדיגער וועלט. אבער לעאנארע זאגט, אז אהן מאנריקא׳ן האט דער לעבען פאר איהר אלץ איינס קיין ווערטה ניט. גראף לונא לויפט דאן ארויס

פון זיין בעהאלטענעם אָרט און כאפּט אָן לעאָנאָרע'ן ביים אָרם. עס ווערט אַ גערודער, אַ געשריי. צום גליק קומט אָבער אָן מאנריקאָ מיט זיינע בעגלייטער און רייסט ארויס לעאָנאָרע'ן פון גראף'ס הענד.

דריטער אַקט.

ווען דיזער אקט פאַנגט זיך אָן ווייזט זיך אַ מיליטערישער לאַגער — דער לאַגער פון גראף לונא'ס סאָלדאַטען. גראף לונא בעלאַגערט יעצט דיא קאסטעלאר־פעסטונג, וואוהין מאנריקאָ האָט אוועקגעפיהרט זיין געליעבטע לעאָנאָרע. דאָ געלינגט איהם אויך צו פאַנגען דיא ציגיינערין אזוצענא. דיא לעצטע, דערוויסענדיג זיך דאָס מאנריקאָ איז אין דער קאסטעלאר־פעסטונג, איז געגאַנגען איהם אויפזוכען אין דער געגענד. פעראַנדאָ, וועלכער איז אַן אלטער אָנגעשטעלטער אין דעם גראף'ס פאַמיליע, האָט דערקענט דיא ציגיינערין אלס דיא וואָס האָט געקידנעפּט ביים אַלטען גראף דיא בייבי מיט פיעל יאָהרען צוריק. אזוצענא, זעהענדיג וויא זיא איז אריינגעפאַלען, רופט מאנריקאָ'ן צו הילפע. דאָס מאכט דעם גראף נאָך בייזער און ער גיט אַ בעפעהל איהר צו פערברענען.

(פערוואַנדלונג)

עס ווערט פאָרגעשטעלט אַ צימער אין דער קאסטעלאר־פעסטונג. לעאָנאָרע קומט אריין געאַרעמט מיט איהר מאנריקאָ'ן. זיא פיהלט זיך בעאונרוהיגט פון דער בעלאַגערונג. אָבער איהר געליעבטער פערזיכערט איהר דאָס זיינע סאָלדאַטען וועלען זיעגען. דיא פּאָאָר'ל פערגעסען באַלד אויף דעם גראף און אויף דיא סאָלדאַטען און רעדען פון זייער קומענדער האָכצייט, פון זייער פעראייניגונג אלס מאַן און ווייב. פּלוצלונג קומט אָבער אריין רואיז און מעלדעט דאָס דעם גראף'ס סאָלדאַטען האָבען געפאַנגען אזוצענא'ן און פיהרען איהר שוין צו דער הינריכטונג.

ווען מאנריקאָ דערוויסט זיך אין וואָס פאַר אַ געפאַהר זיין „מוטער" איז נעהמט ער מיט זיך וויא פיעל סאָדאַטען ער קען און לויפט איהר רעטען. אָבער ער פערליערט דיא שלאַכט און ווערט

אליין געגומען געפאנגען. דיא פעסטונג ווערט דאן געשטורעמט פון דעם גראף, אָבער לעאָנאָרע איז וויא פערשוואונדען אונטער דער ערד. ער קען איהר ניט געפינען. ער פאָהרט אָב נאָך דער הויפּט־שטאָדט און הייסט מיטנעהמען אהין דיא געפאנגענע. ביידע, אי מאנריקאָ אי אזוצענא, ווערען שפּעטער פעראורטהיילט צום טוידט.

פיערטער אקט.

עס זעהט זיך א פליגעל פון דעם פאלאץ פון אליאפעריא. אָן דער זייט איז א הויכער טהויער, וואו עס זיינען איינגעשפּארט מאנריקאָ און אזוצענא. עס קומט אריין לעאָנאָרע בעגלייטעט פון רואיז. זיא שיקט איהם אוועק, זאָגענדיג איהם אז ער זאָל זיך פאר איהר ניט זאָרגען, און בלייבט אליין.

עס איז נאכט. דיא אונגליקליכע לעאָנאָרע דערהערט פון טהויער שטימען פון מענשען וועלכע קלאָגען נאָך איינעם וואָס דארף היגגעריכטעט ווערען. איהר שמערץ דריקט זיא אוים אין טענער וואָס זיינען העכסט ריהרענד. עס דערהערט זיך מאנריקאָ׳ם שטימע, דערמאָהנענדיג איהר נאָמען. זיא ווערט שטארק אויפ־געריגט. עס קומט דאן אריין דער גראף און זיא באַט איהם אָן איהר ליעבע פאר מאנריקאָ׳ם פרייהייט. דער גראף איז צופריעדען און זיא געהט אריין אָנזאָגען מאנריקאָ׳ן דאָס ער איז פריי. אבער איידער זיא טרעט אריין אין זיין צעלע פערגיפטעט זיא זיך מיט סם וואָס זיא האָט געהאלטען פערבאָרגען אין איהר פינגעריל.

(פערוואַנדלונג)

עס ווערט יעצט פאָרגעשטעלט דיא סצענע וואו מאנריקאָ און אזוצענא געפינען זיך. זיי טרייסטען איינער דעם צווייטען. אזוצענא קען ניט פערגעסען דיא סצענע פון איהר מוטער׳ס טרויערי־גען שיקזאל. זיא איז אויסגעמאטערט. מאנריקאָ בעט איהר זיך צולעגען שלאָפען און אליין בלייבט ער אויף דיא קניע ביי איהר זייט. ער ווערט אָבער באלד שטארק איבעררראשט, ווען גאָר אונערווארטעט עפענט זיך דיא טהיר און עס קומט אריין זיין

לעאָנאָרע, וועלכע זאָגט איהם דאָס ער איז פריי, דאָס ער וועט ניט הינגעריכטעט ווערען.

מאַנריקאָ קריעגט אָבער גלייך א פערדאַכט. ער דענקט אַז לעאָנאָרע האָט זיך פערקויפט צום גראַף צוליעב איהם און ער ענטזאַגט זיך אָנצונעהמען פרייהייט אויף אַזא בעדינגונג. ער דערוויסט זיך דיא וואהרהייט ווען עס איז שוין צו שפּעט, ווען לעאָנאָרע פאַלט טויד בייא זייגע פיס. גראַף לונא דערזעהט עס און ער גיט א בעפעהל דאָס מאַנריקאָ זאָל זאָפאָרט הינגעריכטעט ווערען.

„מאַמא, זיי געזונד אויף אימער" — שרייט אויס מאַנריקאָ צו דער איינגעשלאָפענער אזוצענא.

„מאַנריקאָ! מיין זוהן! וואו ביזט דו?" — הערט זיך איהר שטימע ווען זיא עפענט דיא אויגען.

„צום טוידט געפיהרט!" זאָגט איהר אָן גראַף דע לונא און שלעפּט איהר צו צום פענסטער, פון וואַנען זיא זעהט דיא הינ־ריכטונג.

ערשט דאַן לאָזט זיא וויסען דעם גראַף, דאָס מאַנריקאָ איז זיין פערשוואונדענער ברודער, און אויסשרייענדיג: „מאַמא, איך האָב פאַר דיין בלוט ראַכע גענומען", פאַלט זיא טוידט, איבער־לאָזענדיג דעם גראַף אין דער גרעסטער פערצווייפלונג.

יעדער אַקט איז שטאַרק מוזיקאַליש, פול מיט פּאָפּולערע מעלאָדיען, אַריען און דועטען. אין דער צווייטער סצענע פון ערשטען אַקט ווערט געזונגען אַן אינטערעסאַנטע טריאָ — פון מאַנריקאָ, גראַף דע לונא און לעאָנאָרע. מאַנריקאָ'ס סערענאַדע אין דיזען אַקט, געזונגען הינטער דער סצענע, איז זעהר א בעליעבטע זאַך. דיא כאָר־מוזיק אין צווייטען אַקט, דאָס זינגען פון דיא ציגיינער, ווען זיי אַרבייטען אויף דיא שמיעד־קלעצער, איז זעהר פּאָפּולער איבער דער גאַנצער וועלט. דאָס וואָס גראַף לונא זינגט אין מאָנאַסטיר־הויף איז זעהר מעלאָדיש. דאָס זעלבע איז דיא ליעד וואָס מאַנריקאָ זינגט ביים ענדע פון דריטען אַקט, ווען ער דערוויסט זיך דאָס אַזוצענא איז געפאַנגען געוואָרען. אבער דיא

פאפולערסטע זאך אין דיזער אפערא איז דער דועט וועט ווערט געזונגען פון לעאנארא און מאנריקא אין לעצטען אקט, זיא געפינענ־דיג זיך אין הויף פון געפענגנים און ער אין זיין צעלע. דיעזער־דועט איז בעקאנט אלס דיא „מיזערערי“ און איז אן אויסדרוק פון דער טראגעדיע וואס קומט פאר ביים ענדע.

ווען „טרובאדור“ איז צוערשט אויפגעפיהרט געווארען איז ווערדי אלט געוועזן 40 יאהר. זיין נאמען האט אנגעהויבען ווערען אלץ מעהר און מעהר בעריהמט איבעראל וואו מען האט זיך נור אינטערעסירט מיט דער גרויסער, ערהאבענער מוזיקאלישער קונסט. יעדע נייע אפערא וואס ער האט פראדוצירט נאך „ריגאליטא“ האט נור בעשטעטיגט און פערשטארקט דיא הויכע מיינונג וואס מען האט פון איהם געהאט אין אלע ציוויליזירטע וועלט־טהיילען.

LA TRAVIATA – Verdi

טראוויאטא

פון זשוזעפע ווערדי

פערזאנען:

אלפרעד גערמאן — טענאר; זשארזש גערמאן — באריטאן; באראן דאפאל — באס; דר. גרענוויל — באס; מארקיז ד'אביני — באס; גאסטאן — טענאר; וויאלעטא — סאפראנא; פלארא — סאפראנא; אנינא — סאפראנא.

אין „לא טראוויאטא", פון זשוזעפע ווערדי, האבען מיר אן אפערא פון דעם זעלבען סארט וויא „טרובאדור", „ריגאלעטא" און „באל מאסקעראד". דיא אפערא איז אן עכט איטאליענישע אין איהר מוזיקאלישען געבוי, צוזאמענגעשטעלט און אויסגעפלאכטען פון די רייניסטע און זיסעסטע מעלאדיע וואס טאקי נור ווערדי האט געקענט בעשאפען. א חוץ אבער איהר מוזיקאלישען ווערטה זיינען פיעלע מענשען אין דיעזער אפערא פערקאכט איבער איהר העכסט אינטערעסאנטען סענטימענטאל־דראמאטישען סוזשעט.

„לא טראוויאטא" איז פערטיג געווארען גלייך נאכדעם וויא „טרובאדור" איז אויפגעפיהרט געווארען, א צייט, ווען מעלאדיע, ריינע, פליסענדע, מוזיקאלישע מעלאדיע האט זיך געגאסען פון דעם אונשטערבליכען איטאליענישען זשעניע וויא פון א קוואל. אבער

אין „לאַ טראַוויאַטאַ“, פיעל מעהר וויא אין „טרובאַדור“, האָט ווערדי געצייגט אַז אַ חוץ מעלאָדיע בעזיצט ער אַ גרויסע פעהיג־קייט אַלס דראַמאַטורג. ער האָט גוט געקענט די ביהנע; ער האָט זיינע עפּעקטען ניט אריינגעשטוקעוועט מיט געוואַלט. זיי זיינען ביי איהם ארויסגעקומען גלאַט, נאַטירליך, אין איינקלאַנג מיט דער גאַנצער האַנדלונג. ספּעציעל איז דאָס דער פאַל מיט די אָפּעראַס וואָס האָבען אַ גוטען סוזשעט, און „לאַ טראַוויאַטאַ“ איז איינע פון דיזע אָפּעראַס.

דער סוזשעט פון „לאַ טראַוויאַטאַ“ איז גענומען געוואָרען פון דעם יונגען אַלעקסאַנדער דיומאַ׳ס ראָמאַן, וועלכער איז גוט בעקאַנט צו אַלעמען אונטער דעם טיטעל: „דיא קאַמעליען דאַמע“. אין דיעזען ראָמאַן, וועלכער איז דראַמאַטיזירט און ווערט אויפגעפיהרט פון בעריהמטע אַקטריסעס אונטער דעם טיטעל „קאַמיל“ — אין דיעזען ראָמאַן ווערט געשילדערט דער לעבען פון איינע פון די מערקווירדיגע פּרויען־טיפּען פון דער פאַריזער „פרעהליכער“ געזעלשאַפט, פון דער פאַראַזיטישער „מאָראַליש־געזונקענער“ געזעלשאַפט. די וואָס האָבען געזעהן סאַראַה בערנהאַרדט אָדער עלעאָנאָרע דוזע שפּיעלען די טיטעל־ראָלע פון דער פּיעסע בעגרייפען וואָס פאַר אַ געוואַלדיגע דראַמאַטישע קראַפט דער סוזשעט בעזיצט. פון אָנפאַנג ביז ענדע איז דער אינטערעס אין דעם שיקזאַל פון דער „העלדין“ זעהר גרויס.

אין דער אָפּערא איז די האַנדלונג געקירצט נאַטירליך. „לאַ טראַוויאַטאַ“ בעשטעהט פון פיער אַקטען — פיער בעזונדערע בילדער פון דער געפאַלענער פרוי׳ס לעבען. איהר נאָמען אין דער אָפּערא איז וויאָלעטאַ. די גאַנצע האַנדלונג אין דער אָפּערא איז וויא פאָלגט:

ערשטער אַקט.

אויף אַ באַל ביי איהר אין דער היים אין פאַריז בעגעגענט זיך וויאָלעטאַ מיט אַלפרעד גערמאָן — אַ יונגער מאַן וואָס

איז אין איהר פערליעבט שוין זייט א צייט אבער האט נאך קיין מאל בעפאר ניט געהאט דיא געלעגענהייט זיך צו בעקענען מיט איהר. אלפרעד ווערט צו איהר פארגעשטעלט פון א געמיינ־שאפטליכען פריינד מיט'ן נאמען גאסטאן. דיא קאמפאניע אין וועלכע אלפרעד געפינט זיך איז א גאנץ פרעהליכע. אלע פרויען בעלאנגען צום אריסטאקראטישען טהייל פון פאריזער „טענדער־לאין". דיא מייסטע אנוועזענדע מענער זיינען אריסטאקראטען וואס האלטען אוים מעטרעסעס, צווישען זיי באראן דאפאל, מארקיז ד'אביני און דר. גרענוויל. מען טאנצט, מען זינגט, מען טרינקט און מען הוליעט. אבער וויאלעטא קען איהרע אויגען ניט ארונטערנעהמען פון דעם יונגען אלפרעד גערמאן, אזוי וויא ער קען דיא אויגען ניט ארונטערנעהמען פון איהר.

אין מיטען פון דער לוסטיגקייט הויבט אן וויאלעטא פיהלען ניט גוט. זיא ליידעט פון לונגען־פערצעהרונג. איהרע געסט וועלכע ווייסען עס פון פריהער זיינען ניט שטארק איבערגעשראקען; אבער איהר נייער בעקאנטער ווארנט איהר. ער קוקט אויף איהר מיט גרוים מיטלייד און פיהלט זעהר שלעכט. ער זאגט איהר דאס זיא מוז זיך גוט אבהיטען. זיא פיהלט זיך אויך זעהר טרויעריג, ניערערגעשלאגען. זיא בעדויערט איהר „פרייען" לעבען, און ספעציעל דאס וואס זיא קען ניט ליעבען מיט דער ריינער ליעבע פון אן אונבעפלעקטע פרוי. זיא טראכט פון אלפרעד'ן; זיא פיהלט דאס ביי איהר אין הארצען ענטוויקעלט זיך א ליעבע צו איהם; אבער ענדליך בעשליסט זיא צו פערטרינקען איהרע צרות אין נאך א מעהר לוסטיגען לעבען. זאלאנג מען לעבט זאל זיין געלעבט, זינגט זיא, און דערמיט ענדיגט זיך דער ערשטער אקט.

צווייטער אקט.

אין דעם צווייטען אקט געפינען מיר שוין וויאלעטא'ן מיט אלפרעד'ן אין א ווילא ניט ווייט פון פאריז. זיי וואהנען שוין דארט א דריי מאנאטען, אויף איהר רעכנונג. זיי זיינען גליקליך. זיי ליעבען זיך און טראכטען וועניג פון דער צוקונפט. וויאלעטא'ס

פערמעגען האלט ביים ווערען קלענער און קלענער; אָבער זיא איז צופריעדען צו טהאָן אלעס פאַר איהר יונגען געליעבטען.

עס קומט אָבער ביי אלע מענשען דיא צייט ווען דיא גליקליכע מאָמענטען ענדיגען זיך. גאַר אונערוואַרטעט מעלדעט זיך אין דער ווילא אַן עלטערער מאַן, וועלכער שטעלט זיך פאַר אלס דער פאָטער פון אַלפרעד׳ן. וויאָלעטאַ נעהמט איהם אויף העפליך, אָבער מיט גרויס שרעק. אינסטינקטיוו דערפיהלט זיא אַז קיין גוטעס האָט דער אַלטער גערמאָן ניט געבראַכט.

דער אַלטער גערמאָן טהאַכט ניט לאַנג און זאָגט איהר אָפען אַז ער איז געקומען פאָרדערען ביי איהר דאָס זיא זאָל „בעפרייען" זיין זוהן אַלפרעד, דאָס זיא זאָל מיט איהם ניט האָבען צו טהאָן, דאָס זיא זאָל מיט איהם אויפהערען פיהרען ליעבעס. ער רעדט צו איהר שטרענג צוערשט. ער זאָגט איהר גלייך פון אָנפאַנג דאָס זיא פיהרט איבער זיין זוהן׳ס פערמעגען, אנדערש קען ער זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, זעהענדיג אין וואָס פאַר א לוקסוס זיי געפינען זיך. אָבער זיא בעווייזט איהם גלייך דאָקומענטען, פון וועלכע ער זעהט ווער עס בעצאָהלט פאַר אלעס. ער ווערט ווייכער, אָבער ער האַלט זיך ביי זיינס. ער וויל דאָס זיא זאָל זיין זוהן צורוה לאָזען, ווייל דורך איהר ליידעט דער גוטער נאָמען פון דער גערמאָן פאַמיליע. אַלפרעד׳ס שוועסטער האָט א חתן, אַן אדעלמאַן, וועמען עס שטעהט ניט אָן וואָס אַלפרעד לעבט מיט אזא נקבה וויא זיא. ער בעט איהר דארום אין נאָמען פון דער פאַמיליע, אין נאָמען פון אַלפרעד׳ס שוועסטער, ניט האָבען מעהר צו טהאָן מיט אַלפרעד׳ן.

וויאָלעטאַ, פערשטעהט זיך, וויל פון דעם צוערשט ניט וויסען. זיא ליעבט אַלפרעד׳ן מיט׳ן גאַנצען הארצען. ליעבט איהם עהרליך, טריי, וויא איינע וואָס ווייסט ניט פון אזא לוסטיגען לעבען וויא זיא האָט געפיהרט. זיא איבערצייגט אויך דעם אַלטען גערמאָן דאָס זיא איז ניט דיא אויסגעלאַסענע פרוי וואָס ער דענקט; אָבער זיין בעטען, זיין ערנסטקייט, זיינע גרייז־גרויע האָר, זיין אַפּעלירען צו איהר אין נאָמען פון דעם צוקינפטיגען גליק פון אַלפרעד׳ס

שוועסטער — דאס אלעס ווירקט אויף איהר זעהר שטארק און זיא שווערט זיך צו שיידען פון איהר געליעבטען. זיא גיט איהר עהרענוואָרט צום אלטען גערמאן, וועלכער איז שטארק גערירט פון איהר בעשלוס און זיא פיהרט טאקי דעם בעשלוס באלד אויס. זיא זעצט זיך אוועק אנשרייבען א פּאַר ווערטער פאר איהר געליעבטען, וועהרענד דער אלטער גערמאן ציהט זיך צוריק אויף א ווילע, און גראדע ווען זיא האלט אין פערלאזען דיא ווילא קומט אן אלפרעד. ער האט פריהער אויסגעפונען דאס זיין געליעבטע ווערט פינאנציעל רואינירט דורך איהם און ער איז געווען אין פאריז ווענען קריגען געלד. ער בעמערקט איהר אויפרעגונג, פערשטעהט אז זיא האט געשריעבען א בריעף, פרעגט איהר צו ווען און זיא ענטפערט אז צו איהם. אבער זיא וויל איהם דעם בריעף דערווייל ניט געבען. ער, ווייטער, דערצעהלט איהר, דאס ער האט ערהאל־טען א בייזען בריעף פון זיין פאטער, וועמען ער ערווארטעט אין דער ווילא יעדען מאמענט. ער איז זיכער דאס אזוי שנעל וויא ער וועט איהר דערזעהן וועט ער איהר ליעב האבען און איינוויליגען צו האבען איהר פאר א שנור.

וויאלעטא געהט ארויס, אויף א ווילע — זאגט זיא איהם, אבער אין דער אמת'ן פאהרט זיא אוועק נאך פאריז. ער ווארט אויף איהר אונגעדולדיג, אבער קריעגט גלייך דורך א שליח איהר בריעף, אין וועלכען זיא זאגט איהם אן דאס ער מוז איהר אויף עוויג פערגעסען. אלפרעד איז וויא פון דונער געטראפען. ער איז אויסער זיך. זיין פאטער קומט אריין און זוכט איהם צו טרייסטען, צו בערוהיגען. אבער ער איז פערצווייפעלט, און איידער ער געפינט אויס דיא ריכטיגע אורזאכע פון איהר שריט בעשליסט ער צו לויפען נאך פאריז זיך אפּרעכענען מיט איהר. ער דערזעהט אויפ'ן טיש א בריעף וואס וויאלעטא האט פריהער ערהאלטען פון איהר פריינדין פלארא, אין וועלכען זיא איז געלאדען אויף דעם זעלבען אבענד צו איהר אין דער היים אויף א באל. „אהא, דארט וועט זיא זיין", שרייט אויס דער אויפגערעגטער אלפרעד; „אהין וועל איך געהן פון איהר ראכע נעהמען".

דריטער אקט.

דער דריטער אקט קומט פאר אין דער וואהנונג פון פלארא, דיא גוטע פריינדין פון וויאלעטא. דארט קומט זיך צוזאמען די־זעלבע פרעהליכע קאמפאניע וואס ביי וויאלעטא'ן אויפ'ן באל אין ערשטען אקט. עס קומען אריין מיידלאך פערשטעלט פאר ציגיינע־ריננס, מיט טאמבורינגס אין דיא הענד. שפעטער קומען אריין מענער אנגעטהאן וויא שפאנישע בול־פייטערס, מיט דעם יונגען גאסטאן אן דער שפיצע. אלע זיינען פרעהלאך, מען זינגט, מען טאנצט. מען ערווארטעט אז אלפרעד זאל קומען צוזאמען מיט וויאלעטא'ן, אבער וויא איבערראשט זיינען אלע ווען אלפרעד קומט אן אליין, און אויף דער פראגע: „וואו איז וויאלעטא?“ זאג ער קאלט, אז ער ווייס ניט. שפעטער א ווייל קומט אן וויאלעטא אין דער בעגלייטונג פון איהרע אן אלטען „בעקאנטען“, באראן דאפאל, און זיא פיהלט זיך זעהר אונבעקוועם ווען זיא דערזעהט אז אלפרעד איז אויך דארט. אלפרעד שענקט אבער ווענינ אויפ־מערקזאמקייט אויף איהר. ער איז כלומרשט פארטהאן אין שפיעלען א קערטיל ביי א טישעל, און נור פון צייט צו צייט מאכט ער בעמערקונגען וואס שטעכען איהר אין הארצען. נאכדעם וויא עס ענדיגט זיך דיא קארטען־שפיעל, אין וועלכע אלפרעד'ן איז זעהר גוט געגאנגען, געהען אלע געסט אוועק אין עס־צימער.

וויאלעטא קעהרט זיך אבער גלייך צוריק; נאך איהר קומט אלפרעד. זיא האט איהם גערופען, זיא ווארנט איהם: באראן דאפאל איז אייפערזיכטיג. זיא ראטה איהם ער זאל גלייך פער־לאזען פלארא'ס הויז. ער פרעגט איהר ווארום זיא האט איהם פערלאזען גאר פלוצלונג, ווארום זיא האט „אפגעבראכען“ מיט איהם אזוי אונערווארטעט. זיא ענטפערט ניט דירעקט. זיא זאגט נור, אז זיא קען מיט איהם מעהר ניט לעבען, ווייל זיא האט אימיצען געגעבען א שבועה. „וועמען?“ וויל ער וויסען. וועמען האט זיא דיא שבועה געגעבען? „דעם באראן?“ פרעגט ער איהר. מיט גרויס אנשטרענגונג ענטפערט זיא: „יעס: דעם באראן האב איך דיא שבועה געגעבען; איך ליעב איהם.“

דערהערענדיג דאָס ווערט אַלפרעד שרעקליך אויפגעבראכט פון אייפערזוכט. ער רופט אריין דיא איבריגע געסט און פאר זיי אין דיא אויגען בעליידיגט ער איהר. ער ווארפט איהר אין געזיכט דאָס גאנצע געלד וואָס ער האָט געוואונען אין קאָרטען.

עס ווערט א גרויסע אויפרעגונג צווישען אַלע אנוועזענדע. עס קומט אָן אויף דער סצענע דער אַלטער גערמאָן, וועלכער בייזערט זיך אויף זיין זוהן פאר אזא מאוס'ע האנדלונג. אַלפרעד אליין גיט צו אז ער האָט געהאנדעלט זעהר שלעכט, אז ער האָט געהאנדעלט ניט איידעל. אָבער זיין הארץ איז צובראָכען און ער פערלאָזט די הויז א דערשלאָגענער.

פיערטער אַקט.

דער פאָרהאנג הויבט זיך אויף אין דעם פיערטען אַקט אויף דעם שלאָף־צימער פון וויאָלעטא, וואו זי האלט ביים שטארבען פון לונגען־פערצעהרונג (קאָנסאָמפשען). די מוזיק אין דעם פאָרשפּיעל פון דיזען אַקט איז העכסט מעלאנכאָליש. וויאָלעטא בעט ביי איהר דיענסט א נ י נ א עטוואָס צו טרינקען און הייסט איהר עפענען דיא פענסטער, אום דיא זונן זאָל א ביסעל אריינשיינען. דר. גרענוויל קומט אריין און זאָגט איהר דאָס זיא איז א ביסעל בעסער, אָבער דער דיענסט פערטרויט ער דאָס מעהר וויא א פּאָאָר שטונדען האָט וויאָלעטא ניט צו לעבען.

פון גאַס הערט זיך א טומעל. עס איז א יום־טוב, און וויאָלעטא הייסט איהר דיענסט פונאנדערטהיילען א ביסעל געלד צווישען דיא אָרעמע. דערנאָך הייסט זיא זיך ברייננען דיא בריעף, צווישען וועלכע זיא געפינט פאָלגענדען פון דעם אַלטען גערמאָן:

„דו האָסט געהאַלטען דיין פערשפּרעכען. דער דועל איז פאָרגעקומען. דער באראָן איז פערוואונדעט. אַלפרעד איז אין אויסלאַנד. איך האָב איהם דערצעהלט אַלעס, ווי דו האָסט זיך צוליעב אונזער פאַמיליע מקריב געווען. ער קעהרט זיך צוריק צו בעטען ענטשולדיגונג. איך אויך וועל קומען. זעה ווער געזונד — דו האָסט פערדיענט א גליקליכע צו־קונפט.“

וויאָלעטא פיהלט זיך איבערגליקליך, אָבער זיא האָט מורא אז זיא וועט ניט קענען דערציהען אזוי לאנג, און אין א ליעד פון טיעפסטען און גרעסטען הארץ־שמערץ דריקט זיא אויס איהר בעדויערונג. „לעבט וואהל, זיסע חלומות“, זאגט זיא. אין מיטען דערהערט זיא ווידער א טומעל אויף'ן גאס. ריזען מאָל זינגען דאס קאמפאניעם לוסטיגע ליעדער, וואס דאס מאכט איהר פער־דרוס נאך שטארקער. פלוצלינג לויפט אריין אנינא און זאגט איהר אן די שמחה דאס אלפרעד איז דא. ער איז ווירקליך דא — אה, וואס פאר אן אומארמונג, וואס פאר א ליעבעס־גליק! אבער עס געדויערט ניט לאנג. דער גליק איז איהר געקומען צו שפעט. ניט נור האט זיך איהר געליעבטער צו איהר צוריקגעקעהרט פאר'ן טוידט, נור אויך דער אלטער גערמאָן איז געקומען איהר אנזאגען דאס ער וועט זיך שעצען גליקליך צו האבען איהר פאר א שנור. אבער זיא שטארבט אין דעם מאמענט פון איהר העכסטען גליק.

מיט וויאָלעטא'ס טוידט ענדיגט זיך, נאטירליך, דיא דראמא־טישע האנדלונג.

וויא מען קען אלזא זעהן איז דיא טהעמא זעהר א דעליקאטע. דיא סצענע אין צווייטען אקט, ווען דער אלטער גערמאן פועל'ט ביי איהר אויפצוגעבען זיין זוהן, איז אן אויסערגעוועהנליך שטארק דראמאטישע. דיא סצענע אין לעצטען אקט, איידער זיא שטארבט, איז א טיעף ריהרענדע. קיין וואונדער ניט וואס דיא מוזיק אין „לא טראוויאטא“ איז אזא זאנפטע, אזא איידעלע, אזא גראציעזע! ווערדי האט געוואוסט וויא צוצופאסען זיין איינגעבארענעם מוזי־קאלישען טאלאנט צו דעם מאטעריאל פון וועלכען ער האט אויס־געקנאטען זיינע אפעראס.

דער מעלאָדישסטער אקט פון „לא טראוויאטא“ איז דער ערשטער. פון אנפאנג ביז ענדע איז אין יענעם אקט פאראן אזא רייכטהום פון ריינע, זיסע, שעהנע מעלאָדי וועלכע איז שווער צו געפינען ביי פיעלע אנדערע בעריהמטע איטאליענישע קאמפאָ־זיטאָרס. גלייך ביים אנפאנג זינגט אלפרעד א פרעהליכע ליעד („א רעבער לאמיר טרינקען“) וועלכע איז זעהר בעליעבט ביים עולם;

און שפּעטער ווען וויאָלעטאַ הויבט אָן פיהלען דאָס זיא ליעבט איהר יונגען בעקאַנטען גיסט זיך פון איהר האַלז אַרויס אַ שטראָם מעלאָדי וועלכער בעצויבערט אַלעמען. דער „לעב־וואָהל זיסע חלומות" וועלכען וויאָלעטאַ זינגט אין לעצטען אַקט איז פּאָפּולער איבער דער גאַנצער וועלט וואו קאָטערינקעס געפינען זיך נור.

„לאַ טראַוויאַטאַ" איז פערטיג געוואָרען אין דעם זעלבען יאָהר וואָס „טרובאַדור". ווערדי איז שוין דאַן, פערשטעהט זיך, געוועזן גאַנץ פּאָפּולער אַלס קאָמפּאָזיטאָר, אָבער דאָך איז דיא ערשטע אויפפיהרונג פון דיזע אָפּערא ניט געוועזן קיין ערפאָלג. עס איז אָבער געוועזן מעהר דיא שולד פון דער הויפּט זינגערין אין דער ערשטער אויפפיהרונג פון „לאַ טראַוויאַטאַ" וויא עטוואָס אַנדערש. זיא האָט פיזיש און דראַמאַטיש ניט געפּאַסט פאַר איהר ראָלע און האָט איבערגעפיהרט דעם גאַנצען עפעקט פון דער מוזיק. דאָס ווייזט וויא וויכטיג עס איז אין אָפּערא דיא דראַמאַטישע האַנדלונג — אַ פאַקט וועלכען פיעלע מענשען ווילען ניט אַנער־קענען.

פערשטעהט זיך, עס זיינען דאָ אָפּעראַס וועלכע האָבען דראַ־מאַטיש קיין שום ווערטה ניט; און דערפאַר טאַקי ליעבט מען זעהר ווענינ דיזע אָפּעראַס. אַמאָליגע צייטען איז גוטע דראַמאַ ניט געוועזן פּאָפּולער, און דערפאַר האָט קיינער ניט געזוכט קיין גוטע דראַמאַ אין אָפּערא. אָבער דער היינטיגער אָפּעראַ'טישער פּובליקום זוכט אַז דיא ביהנע זאָל געפעהלען דעם אויג און דעם פערשטאַנד אַזוי גוט וויא דעם אויער; און „לאַ טראַוויאַטאַ" איז איינע פון ווערדי'ס אָפּעראַס וועלכע פערבינדעט מייסטערהאַפט אין אַ האַרמאָנישעס גאַנצעס דיא דראַמאַ מיט דער מוזיק.

AIDA — Verdi

אאידא

פון זשוזעפע ווערדי

פערזאנען:

ראדאמעס — טענאר; אמאנאסרא — באריטאן; ראמפיס — באס; קעניג פון עגיפטען — באס; שליח — טענאר; אאידא — סאפראנא; אמנעריס — מעצא־סאפראנא; פריעסטערין — סאפראנא.

וועלכע אפערא איז די בעסטע?

דאס איז א פראגע וועלכע איז שווער צו ענטפערען, ווייל עס איז אימער כמעט וויא אונמעגליך צו זאגען מיט זיכערהייט וועלכע איינצעלנע זאך איז דע בעסטער פרט אין כלל — ספעציעל ווען מען רעדט פון קונסט־ווערקע. דאך, דיא פראגע ווערט אפט געשטעלט; און ווען מען זאל זיך אונטערנעהמען צו ענטפערען וועלכע אפערא איז צווישען דיא עטליכע גאר בעסטע אין דער גאנצער מוזיקאלישער ליטעראטור, וואלט דער ענטפער פון פיעלע מוזיק־ליעבהאבערס געווען: — „אאידא“.

„אאידא“ איז א מייסטערווערק ערשטען ראנגעס. דער קאמפאזיטאר פון „אאידא“, דער גרויסער איטאליענער זשוזעפע ווערדי, האט בעשאפען פיעלע אנדערע אפעראס וועלכע זיינען צווישען דיא בעריהמטעסטע און בעליעבטעסטע אין דער גאנצער

וועלט, וויא „טרובאדור", „טראוויאטא" און „ריגאָ־לעטאָ"; אָבער אין קיין אָפּערא האָט ער ארויסגעצייגט זיין מוזיקאַלישע קונסט, זיין אָריגינאַליטעט, זיין קענטנים פון דער ביהנע און זיין אַלגעמיינעם זשעניע וויא אין דער אָפּערא „אאידא", וועלכע ווערט געשפּיעלט און בעגייסטערט אויפגענומען יעדען יאהר אין דיא אָפּערא הייזער פון אַלע ציוויליזירטע לענדער.

איין זאַך וואָס האָט געהאָלפען מאַכען „אאידא" אזוי גרויס און ערפאָלגרייך איז דער סוזשעט, אָדער, אין אַנדערע ווערטער, דיא ליברעטאָ. אין זיינע פריהערדיגע אָפּעראַס, מיט ווענייג אויסנאַהמע, פלעגט ווערדי וויא אַלע איטאַליענער ווענייג אויפ־מערקזאַמקייט שענקען אויף דיא ווערטער אויף וועלכע ער האָט אָנגעטשעפּעט מוזיק. אָבער אין „אאידא" האָט ער בענוצט אַ ליברעטאָ וועלכע איז מעהר אָדער ווענייגער לאָגיש אין דראַמאַטישע האַנדלונג, איינדרוקספאָל אין כאַראַקטערע, און העכסט ראָמאַנטיש פון אָנפאַנג ביז ענדע.

וואָס איז דער סוזשעט פון דיעזער אָפּערא?

אין איינע פון דיא מלחמות וואָס זיינען געפיהרט געוואָרען צווישען עגיפּטען און כוש איז אאידא, דיא טאָכטער פון קעניג אַמאָנאַסראָ, פון כוש, גענומען געוואָרען געפאַנגען און איז פערבליעבען אַ שקלאַפין ביי אַמנעריס, דיא טאָכטער פון עגיפּטען'ס הערשער. איהר פרינצעסישע הארץ האָט אָבער ניט געוואָלט וויסען פון איהר ערניעדריגטער לאַגע און זיא האָט זיך שטערבליך פערליעבט אין דעם יונגען עגיפּטישען קריעגער ראַדאַמעס.

ראַדאַמעס האָט אאידא'ן ניט ווענייגער געליעבט, אָבער אין געהיים. ער האָט זיך געמוזט היטען אז קיינער זאָל וועגען דעם ניט וויסען, ווייל דיא טאָכטער פון עגיפּטען'ס קעניג, אַמנעריס, האָט איהם געליעבט און האָט אויף איהם ארויסגעקוקט אַלס איהר צו־קינפטיגער חתן און מאַן.

ערשטער אַקט.

דאָס איז דיא לאַגע פון דיא דריי הויפּט־פּערזאָנען אין דער

דראַמאַטישער האַנדלונג, ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף און בעווייזט א האָל אין דעם קעניגליכען פּאַלאַץ פון מעמפיס, דיא אַמאָליגע הויפּטשטאַדט פון עגיפּטען. עס קומט אריין ראַמפּיס, דער אויבער־פּריעסטער פון עגיפּטען, און גיט אָנצוהערען ראַדאַמעס'ן דאָס ער וועט אויסגעקליעבען ווערען צו פיהרען דיא חיל פון עגיפּטען געגען דיא חיל פון כוש. דיא מלחמה צווישען דיעזע צוויי לענדער האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אויף דאָס ניי. אַלע זיינען אויפגערעגט. ראַדאַמעס, בלייבענדיג אליין, זינגט זיין בעריהמטען ראָמאַנץ: „טשעלעסטאַ אַאידאַ" (נעטליכע אַאידאַ). שפּעטער קומט אריין אַמנעריס ריידען מיט איהם וועגען דער מלחמה. אין געהיים טראַכט זיא ביי זיך וועגען איהר ליעבע צו איהם. זיא ווערט אָבער פערדעכטיג ווען עס קומט אָן אַאידאַ און ראַדאַמעס בעגריסט איהר פריינדליך; דאָך פערהאַלט זיא זיך זעהר פריינדליך צו דער שווארצער, פערשקלאַפּטער פּרינצעסין. עס קומט אָן דער קעניג מיט זיין סוויטע. א שליח מעלדעט אז דיא חיל פון אַמאָנאַסראָ (אַאידאַ'ס פאַטער) איז שוין אין עגיפּטען. דער קעניג ערנאַנט ראַדאַמעס'ן פאַר'ן קאָמאַנדיר פון עגיפּטען'ס אַרמעע און אויף אַלע פנים'ער א חוץ אַאידאַ'ס ווערט אויסגעדריקט גרויס פרייד.

(פערוואַנדלונג.)

אין דעם הויפּט טעמפּעל פון עגיפּטען פערזאַמלען זיך ראַמפּיס און אַלע אַנדערע גלחים פון דער הויפּטשטאַדט צו בענשען ראַדאַמעס פאַר זיין אָברייזע צו דער מלחמה. עס הערט זיך דיא שטימע פון דער הויפּט־פּריעסטערין, בעגלייטעט פון א האַרפע, זינגענדיג א געבעט צו איינעם פון דיא הויפּט־געטער. דיא צערעמאָניע איז אָן עכט אָריענטאַלישע. א באַלעט פון פּריעסטערינס גיט דער סצענע א בעזאָנדערען צויבער. ראַמפּיס בענשט דעם יונגען קאָמאַנדיר און דער פאָרהאַנג פאַלט.

צווייטער אַקט.

אין דעם אָנפאַנג פון צווייטען אַקט זעהט זיך א צימער אין קעניג'ס פּאַלאַץ, וואו אַמנעריס ווערט פון איהרע שקלאַפינען אויס־

געפּוצט פאַר דער אויפנאַהמע פון דעם זיעגרייכען העלד ראַדאַמעס. אַאידאַ קומט אַריין, האַלטענדיג דיא קרוין וואָס איז אָנגעגרייט געוואָרען פאַר ראַדאַמעס. צווישעןביידע פרינצעסינס קומט פאָר אַן איינדרוקספאָלע סצענע. ביידע פרויען בייגקען נאָך ראַדאַמעס און טרוימען פון איהם. אַמנעריס האָט נאָך פון פריהער אַ חשד אַז אַאידאַ איז פערליעבט אין דעם מאַן וועלכען זיא רעכענט צו הייראַטהען, און ביי יעצטיגער געלעגענהייט קריעגט זיא פון אַאידאַ'ן אַרויס דעם אמת.

דאַן פאַנגט זיך אָן אַ שרעקליכער קאַמפף אין דיא הערצער פון ביידע פרויען. עס איז אַ פראַגע ווער וועט ווען בייקומען, וועמען פון זיי ביידען וועט ראַדאַמעס ליעבען; און אַמנעריס, אַלס דעם הערשענדען קעניג'ס טאָכטער, מאַכט אַאידאַ'ן פיהלען דעם טעם פון זיין אַ שקלאַפין. „איך וועל זיצען אויפ'ן טהראָן, ביים זייט פון קעניג, און דו וועסט ליעגען אין שטויב ביי מיינע פיס", בעריהמט זיך פרעה'ס טאָכטער, אַרויסגעהענדיג און איבערלאָזענדיג דיא שוואַרצע פרינצעסין אין אַ צושטאַנד פון העכסטער פערצווייפלונג.

(פערוואַנדלונג.)

דיא סצענע ענדערט זיך און בעוויזט דעם אַריינגאַנג צו דער שטאָדט טהעבע. אַלע פאָרבערייטונגען זיינען געמאַכט פאַר דער אויפנאַהמע פון דער זיעגרייכער אַרמעע מיט איהר העלדישען קאָמאַנדיר. עס קומען אָן דער קעניג, אַמנעריס, ראַמפיס בע־גלייטעט פון אַלע גלחים, אַלע אַדעל־לייט פון עגיפּטען, און עס ווייזט אויס וויא אַ גאַנצע פאָלק האָט זיך פערזאַמעלט אויף איין פּלאַץ. אויף פערשיעדענע טהיילען פון דעם סקווער זיינען אויס־געשטעלט מוזיקער. עס איז פרעהלאך, יום־טוב'דיג. אין דער לופט פיהלט זיך אַז עטוואָס גרויסאַרטיגעס קומט פאָר.

ראַדאַמעס ווערט אַריינגעטראָגען אויף אַ גאָלדענער פּלאַט־פאָרמע, בעגלייטעט פון זיין אַרמעע, וועלכע ברענגט מיט זיך פיעלע רייכטהימער פון דעם שונא און פיהרט פיעלע געפאַנגענע. דער קעניג הויבט זיך אויף פון זיין טהראָן דעם העלד צו בעגריסען.

ביים ליגקען זייט פון קעניג, אויפ׳ן טהראָן, זיצט דיא שטאָלצע אמנעריס, האלטענדיג דעם זיעגער׳ס קרוין אָנגעגרייט פאר דעם מאן וועלכען זיא ליעבט מיט׳ן פולען פייער פון איהר יוגענד, מיט דער פולער קראפט פון איהר נשמה. ביי איהרע פיס, נעבען טהראָן, זיצט איהר קאָנקורענטקע אין ליעבע, דיא אונגליק־ליכע פּרינצעסין פון כוש. אזוי שנעל וויא ראדאמעס טרעט צו צום טהראָן הויבט זיך אויף אמנעריס און טהוט איהם אָן דיא קרוין אויפ׳ן קאָפּ.

דער איינדרוק פון דער סצענע איז זעהר א שטארקער, א בריליאנטענער. דער קעניג זאָגט דעם העלדישען קריעגער דאָס ער קען פערלאנגען וואָס ער וויל. אָבער דאָס ערשטע וואָס ראדאמעס פערלאנגט איז אז דיא געפאנגענע זאָלען פאָרגעפיהרט ווערען פאר׳ן טהראָן, און ווען דאָס ווערט דורכגעפיהרט דערקענט אאידא צווישען דיא געפאנגענע איהר פאָטער, דעם קעניג פון כוש. קיינער פון דיא מצריים וויים אָבער ניט, אז דער קעניג פון כוש איז צווישען דיא געפאנגענע, ווייל ער איז געקליידעט אין דעם מונדיר פון אן אָפיציער. ער שפּרינגט דארום צו צו זיין טאָכטער און רוימט איהר איין א סוד אז זיא זאָל שווייגען; אלעמען דערצעהלט ער אז ער איז איינער פון קעניג אמאָנאסראָ׳ס אָפּי־ציערען. ביים קעניג פון עגיפּטען בעט ער פרייהייט פאר אלע געפאנגענע. אין דעם ווערט ער אונטערשטיצט פון ראדאמעס, אָבוואָהל דיא פּריעסטער זיינען געגען דעם. ענדליך אָבער בעשליסט דער קעניג אלעמען צו בעפרייען, און אויף דעם ראטה פון ראמפיס פערהאלט ער ביי זיך אמאָנאסראָ׳ן מיט זיין טאָכטער אאידא אלס משכון אז דיא אנדערע וועלען מעהר ניט געהן שלאָגען זיך געגען עגיפּטען. דערנאָך גיט דער קעניג פון עגיפּטען זיין טאָכטער׳ס האנד צו דעם העלדישען ראדאמעס, בעגלייטעט פון דיא יובעל־געשרייען פון אלע אנוועזענדע. אמנעריס פיהלט זיך גליקליך, אָבער ראדאמעס און אאידא זיינען שטארק ניעדערגעשלאָגען, ווען דער פאָרהאנג פאלט אויף דיזער מערקווירדיג רייכער סצענע.

דריטער אקט.

דער דריטער אקט ווייזט אונז א סצענע ביים טייך נילוס, וואו עס געפינט זיך א בעריהמטער עגיפטישער טעמפעל. עס איז דיא נאכט פון דער חתונה — צווישען ראדאמעס און אמנערים, פערשטעהט זיך. אן עכט אָריענטאלישע נאכט איז עס. פּאָעטיש ביז'ן העכסטען גראד... דער בלויער הימעל, דער בלויער טייך, דער טעמפּעל, דיא בעצויבערנדע מוזיק... אויף א שיפעל קומט אָן אמנערים אין דער בעגלייטונג פון ראמפיס און געהט אריין אין טעמפעל. שפּעטער קומט אָן אאידא צו זעהן זיך פאר'ן לעצטען מאָל מיט ראדאמעס. ביי איהר איז געבליעבען אריינצוווארפען זיך אין טייך און אויף דעם אופן אן ענדע צו מאכען צו איהרע צרות. אבער אונערווארטעט בעגעגענט זיא דאָרט איהר פאטער, אמאָנאסרא. איהר פאטער נעהמט אינטריגירען דאָס זיא זאָל איינרעדען ראדאמעס'ן צו אנטלויפען מיט איהר נאָך כוש. ער זאָגט צו זיין טהראָן פאר ראדאמעס. ער אפּעלירט צו איהרע פּאטריאָטישע געפיהלען. ער ווירקט אויף איהר אלס פאטער. ער רעדט איהר איין ארויסצוקריגען פון ראדאמעס מיליטערישע סודות פון עגיפטען, אום ער זאָל קענען בעזיעגען דיא עגיפּטישע חיל. זיא טהוט עס, און אין דער בלינדהייט פון זיין ליעבע לאָזט זיך ראדאמעס איינרעדען. ער איז בערייט צו לויפען אין עק וועלט מיט אאידא'ן. צו זיין אונגליק אָבער דערוויסען זיך פון דיזער פערשווערונג ראמפּיס און אמנערים און זיי קומען ארויס פון טעמפעל גראדע ווען אמאָנאסרא ווירקט אויף ראדאמעס'ן צו אנטלויפען מיט איהם נאָך כוש. „פעררעטהער!“ שרייט אויס אמנערים. אמאָנאסרא ווארפט זיך אויף איהר מיט א מעסער, אָבער ראדאמעס האלט איהם אָב און הייסט איהם זאָפאָרט אנטלויפען מיט אאידא'ן. צוערשט לויפט ער א פּאָר שריט מיט זיי, אָבער דערנאָך קעהרט ער זיך אום, דערלאנגט ראמפּיס'ן זיין שווערד, זאָגענדיג: „פּריעסטער, איך פערבלייב מיט דיר“. אין אנדערע ווערטער, ער גיט זיך אונטער.

פיערטער אקט.

אין דעם פערטען אקט ווערט ראדאמעס געמשפט אויף דער קלאגע פון פעררעאטה און פעראורטהיילט צו שטארבען אין איינע פון דיא קעלערס אונטער דעם טעמפעל פון גערעכטיגקייט. עס זעהט זיך צוערשט א האל אין דעם קעניגליכען פאלאץ, פון וואנען עס איז דא אן ארייגאנג צום געריכטס־זאאל און א טהיר וואס פיהרט צום געפענגנים וואו ראדאמעס איז פערשפארט. אמנעריס שטעהט פערטראכט, אין א טרויעריגע פאזע. זיא ליעבט נאך יעצט אויף ראדאמעס'ן, טראץ דעם וואס ער האט פון איהר געוואלט אנטלויפען. זיא וויל איהם רעטען. צורופענדיג א סאלדאט הייסט זיא ארייגפיהרען צו זיך דעם געפאנגענעם. ראדאמעס קומט אריין שטאלץ און איז טויב צו אלע איהרע ווערטער. ער פרעהט זיך נור ווען ער געפינט אויס דורך איהר דאס אאידא האט זיך גערעטעט, ווערענד איהר פאטער איז דער'הרג'עט געווארען. אמנעריס בעט זיך ביי איהם אז ער זאל אאידא'ן אויפגעבען, זיא קעןביים קעניג אויסווירקען דאס ער זאל בעפרייט ווערען; אבער אהן אאידא'ן איז איהם ליעבערשט דער טוידט, זאגט ער. דיא אונגליקליכע אמנעריס קען קוים אויף איהרע פיס איינשטעהען ווען ראדאמעס ווערט צוריק אוועקגעפיהרט אין געפענגנים. צום לעצטען מאל האט זיא איהם געזעהן—דאס פיהלט זיא; און איהר געבראכענער שטאלץ צוזאמען מיט איהר צובראכענער הארץ נעהמט ביי איהר אוועק אלע קרעפטען. ראמפיס, בעגלייטעט פון אנדערע פריעסטער, געהט אין געריכטס־זאאל. דיא פרינצעסין פערדעקט איהר געזיכט מיט'ן האנד. זיא קען ניט קוקען אויף דיא וואס נעהמען ביי איהר אוועק דאס וואס איז איהר טהייערער פון אלעס אין לעבען. וויא שרעקליך זיא ליידעט! זיא, דיא טאכטער פון א פרעה, ליעבט שטערבליך א יונגען אפיציער און קען איהם ניט קריעגען, ווערענד א שווארצע פרינצעסין, א טאכטער פון דעם בעזיעגטען לאנד כוש, איהרע א שקלאפין, קריעגט יא זיין ליעבע. וויא ביטער עס איז איהר! איהר צואוואונדעטע הארץ ווערט נאך מעהר צוריסען פון ליעבע, האס, אייפערזוכט,

פערדרוס און פערצווייפלונג, ווען פון דעם געריכטס־זאאל הערט זיך דיא שטימע פון דעם הויפט־פריעסטער אויסרופען דיא דריי הויפט־אנקלאגען געגען ראדאמעס, וויא פאלגט:

„ראדאמעס, ראדאמעס, דו האסט ארויסגעגעבען דיא סודות פון לאנד צו אן אויסלענדישען שונא.“

„ראדאמעס, ראדאמעס, דו האסט פערלאזען דיין לאגער א טאג פאר'ן שלאכט.“

„ראדאמעס, ראדאמעס, האסט געבראכען דיין גלויבען, פערראטהען דיין לאנד, דיין קעניג און דיין עהרע.“

אמנערים הערט וויא ראדאמעס ווערט פעראורטהיילט צום טוידט, און ווען דיא פריעסטער קעהרען זיך אום פון געריכטס־זאאל איז זיא אזוי ווילד און פערצווייפעלט, אז זיא פאלט אויף זיי ארויף מיט אלערליי ביטערע פארווירפע. אבער — צו שפעט. קיינע טענות און קיינע טרעהרען העלפען מעהר ניט.

(פערוואנדלונג)

דער זעלבער טעמפעל וואו ראדאמעס איז געבענשט געווארעןביים ענדע פון ערשטען אקט זעהט זיך יעצט ווידער, אבער אויפ־געהויבען, זא האם עס זעהט זיך אויך דער קעלער אונטער'ן טעמפעל וואו ראדאמעס איז אריינגעווארפען געווארען צו שטארבען. דיא טרויעריגע היגריכטונגס־צערעמאניע איז נאך ניט אין גאנצען פאראיבער. ראדאמעס האט נאך אין דער געדיכטער פינסטערניש פון זיין קבר קיין צייט ניט א קעהר צו טהאן זיך, ווען ער דערפיהלט ביי זיין זייט זיין געליעבטע אאידא. זיא האט זיך אהין אריינגע'גנב'עט, אום מיט איהם צו שטארבען; און וועהרענד דיא צוויי געליעבטע געהן אוים איינער אין דעם אנדערנ'ס ארמס קומט אריין אמנערים אויבען אין טעמפעל, ווארפט זיך אויפ'ן שטיין וואס האט אויף עוויג פערדעקט ראדאמעס'ן און וויינט איבער איהר שיקזאל.

דאס איז דיא ענדע פון דעם סוזשעט. דיא שווארצע אאידא איז, פערשטעהט זיך, דיא העלדין פון דער אפערא. אבער א ניט ווייניגער אינטערעסאנטער כאראקטער איז אמנערים. זיא ליידעט

ניט ווייניגער וויא אאידא, אויב ניט מעהר. זיא, דיא שטאלצע פרינצעסין, וואס וואלט זיא ניט געגעבען פאר א שמייכעל פון איהם, פאר א ווארט פון ליעבע פון ראדאמעס. דיא מוזיק אין דער ערשטער סצענע פון פיערטען אקט איז טיעף, איינדרוקספאל, טראגיש, און יעדער געפיהל פון דער אונגליקליכער פרינצעסין ווערט פון דיא מויזק־טענער קלאר און רייצענד אויסגעדריקט און אויסגעטייטשט.

פון שטאנדפונקט פון קונסט איז דער דריטער אקט דער ערהאבענסטער, דער פאעטישסטער. דאן ווערט פארגעשטעלט דיא סצענע ביים טייך נילוס. דיא מוזיק אין דיעזען אקט איז געטליך זיס. וויא מיט א מאגנעט ווערט יעדער קלאנג פון ארקעסטער אריינגעצויגען אין הארצען. דער טייך, דער הימעל מיט שטערן, דיא פאלמען־בוימער. דער טעמפעל, אאידא׳ס טרוים פון איהר אונגליקליכעס פאטערלאנד, דער אריינקומען פון ראדאמעס מיט דיא טרילענדע מוזיק צו דיא ווערטער: „איך זעה דיך וויעדער, מיין זיסע אאידא“ — וואס פאר א שטארקע ווירקונג דאס האט אויף דיא פיינסטע, אויף דיא איידעלסטע געפיהלען פון יעדען מענש!

און וויעדער, וואס פאר א לעבעדיגע מוזיק עס איז דא אין „אאידא“! דער מארטש אין צווייטען אקט, ווען ראדאמעס ווערט אריינגעטראגען מיט טריאומף פאר׳ קעניג׳ס טהראן, איז אזוי רייך אין פארשטעלונגס־קראפט, אזוי ברייט אין אלגעמיינעם בעגריף, דאס נור דיא גאר בעסטע עהנליכע מוזיק פון דיא גאר גרעסטע קאמפאזיטארס קען זיך צו דיעזער סצענע פערגלייכען. אזוי פיעל בעוועגונג, אזוי פיעל קאליר, אזוי פיעל לעבען!

דיא מוזיק פון „אאידא“ איז אריענטאליש אין כאראקטער, ווייל דער סוזשעט איז אן אריענטאלישער, געבויט אויף דעם לעבען אין דעם אריענט. אידען ווערען געוועהנליך ענטציקט פון „אאידא“, ווייל אריענטאלע מוזיק ווירקט שטארק אויף זייערע געפיהלען. פיעלעס אין דיזער אפערא ווייזט זיך אידען אויס צו זיין „אידישע“ מוזיק. מעהר וואהרשיינליך איז עס דארום וואס אידען האבען

א מאל אליין געוואוינט אין דעם אריענט און ביי זיי אין נאטור איז פערבליעבען פיעלעס וואס איז אריענטאליש אין כאראקטער.

דיא גרויסע מעלה פון „אאידא" איז דאס וואס זיא איז אי ווירקליך גוט אי ווירקליך פאפולער. געוועהנליך געהען דיעזע צוויי אייגענשאפטען זעלטען האנד אין האנד. נעהמט, צום ביי־שפיעל, „טרובאדור". קיין מעהר פאפולערע אפערא וויא „טרובאדור" איז גאר גיטא. אין יעדען לאנד, אין יעדע שטאדט, אין יעדען דארף, איבעראל וואו מען הערט נאר א מאל א קאטערינקע שפיעלען, שוין גיט רעדענדיג פון בעסערע מוזיקאלישע אינסטרומענטען, איז מען בעקאנט מיט דיא מעלאדיען פון „טרובא־דור". מאנכע טהיילען פון „טרובאדור" ווערען געזונגען פון מענשען וואס האבען קיינמאל זייער פוס ניט אריינגעשטעלט אין אן אפערא הויז. אבער דאס זאגט ניט, אז „טרובאדור" איז, פון ריינעם מוזיקאלישען שטאנדפונקט, א גוטע אפערא, אדער א וויכטיגע קונסט־ווערק. און דער אמת איז טאקי אז „טרובאדור" איז, פון שטאנדפונקט פון ריינע קונסט, א ניט־וויכטיגע אפערא. פאפולאריטעט מיט ריינע קונסט האט געוועהנליך א קנאפע שייכות. אבער ווען ווירקליכע קונסט ווערט א מאל יא מיט ערפאלג אויסגעדריקט אין א פאפולערע פארמע, דאן, נאטירליך, ווערט דיעזע בעזאנדערע קונסט־ווערק דער בעסטער פרט אין כלל.

אויס דיעזען גרונד איז „אאידא" פון דיא גאר גרעסטע אפעראס. זיא פערטרעט אין זיך זעהר פיעל פון דאס שעהנסטע פון דער שעהנער מוזיקאלישער קונסט, כמעט דאס בעסטע פון מוזיק אויסגעדריקט אין א דראמאטישער פארמע, דאס הערליכסטע אין מוזיקאלישע הארמאני און קאליר, און איז צו זעלבער צייט אזוי איינפאך, אזוי קלאר, אזוי גלאט, דאס זיא איז בעליעבט און בעוואונדערט איבעראל, פון אלע קלאסען מענשען, פראפעסיאנעלע מוזיקער אזוי גוט וויא געוועהנליכע ליעבהאבערס פון אפערא.

דיא אפערא „אאידא" איז צוערשט אויפגעפיהרט געווארען אין 1870, און צוואר אין קאירא, פאר דעם קהעדיוו פון עגיפטען. ווערדי האט דיא אפערא פערפאסט אויף דעם ספעציעלען פערלאנג

פון דעם דאמאלסדיגען קהעדיוו, לכבוד דיא ערעפנונג פון א נייעם טהעאטער אין זיין הויפט־שטאדט. דאן איז ווערדי שוין אלט געוועז 57 יאהר און איז געוועז שטארק בעריהמט; אבער ער האט זיך גענומען צו דער ארבייט מיט דיא ענטהוזיאזמוס פון א יונגען מאן וועלכער דארף ערשט זיינע עפאולעטען געווינען. דער רעזול־טאט איז געוועז איבערראשענד: דיא וועלט האט נעקראגען איינע פון איהרע גאר גרעסטע קונסט־ווערקע אין אפערא׳טישע פארמע.

LA BOHEME – Puccini

לא באהעם

פון זשאקאמא פוטשיני

פערזאנען:

רודאלף — טענאר; מארסעלא — באריטאן; קאלין — באס; שאונארד — באריטאן; בענוא — באס; אלטשינדארא — באס; מימי — סאפראנא; מוסעטא — סאפראנא.

איינע פון דיא קליינע צאהל אפעראס וואס זיינען בעשאפען געווארען אין דיא לעצטע צעהן — צוואנציג יאהר און האבען א גרויסען ערפאלג אויף דער אפערא־ביהנע פון דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט — איז „לא באהעם", פון זשאקאמא פוטשיני.

„לא באהעם" איז דער פראדוקט פון יענער איטאליענישער מוזיק־שולע פון וועלכער מאסקאני, לעאנקאוואלא און פוטשיני זיינען דיא הויפט פערטרעטער. פוטשיני איז אבער דער וויכטיגסטער פון דיא דריי. מען קען זאגען אהן איבערטרייבונג דאס ער שטעהט יעצט אן דער שפיצע פון דיא איטאליענישע קאמפאזיטארס. ער איז געבארען געווארען אין לוקא, אין 1858; ער איז פון דיא זעלבע יאהרען וויא לעאנקאוואלא און מיט דריי יאהר עלטער פון מאסקאני.

דיא פיער וויכטיגסטע אפעראס וואס פוטשיני האט דער וועלט געגעבען אין זיין טהעטיגקייט פון בּיינאהע א פערטעל יאהרהונדערט אלס קאמפאזיטאר, זיינען: „מאנאן לעסקאט", „לא

באָהעם", „טאָסקאַ" און „מאַדאַם באַטערפליי". אנדערע צוויי אָפּעראַס, וועלכע זיינען בעשאַפען געוואָרען אין 1884 און 1889 („לע ווילי" און „עדגאַר"), ווערען שוין לאַנג ניט געשפּיעלט, ווייל קיין גרויסער ערפאָלג זיינען זיי קיינמאָל ניט געווען. „מאַדאַם באַטערפליי" איז פערטיג געוואָרען אין 1903, און אָבוואָהל זיא איז גלייך געוואָרען פּאָפּולער איבעראַל וואו מען האָט איהר אויפגעפיהרט איז „לאַ באָהעם" דאָך פערבליעבען דיא פּאָפּולערסטע אָפּערא פון פּוטשיני.

„לאַ באָהעם" איז צוערשט אויפגעפיהרט געוואָרען אין 1896. אין אַמעריקא האָט דיעזע אָפּערא ניט געהאַט קיין ריכטיגע אויפ־פיהרונג בעפאָר 1900. ווען דיא וועלט־בעריהמטע זינגערין מעלבא איז אויפגעטראָטען אין דער הויפּט פּרויען־ראָלע, מימי, אין ניו יאָרקער מעטראָפּאָליטאַן אָפּערא האַוז.

דאָס מערקווירדיגסטע וועגען „לאַ באָהעם" איז וואָס זיא איז ערפאָלגרייך אַלס אַן אָפּערא, טראָץ דעם וואָס דראַמאַטיש איז זיא הינטערשטעליג אין טעכניק. דראַמאַטיש איז „לאַ באָהעם" ניט מעהר וויא אַ סעריע בילדער פון יענעם קווארטאַל אין פּאַריז וואו עס וואָהנען דיא סטודענטען און דיא פערשיעדענע ארטיסטען — דער לאַטיינישער קווארטאַל וועגען וועלכען דער פראַנצויזישער שרייבער הענרי מיורזשע האָט אָנגעשריעבען אַן אינ־טערעסאַנטען בוך אונטער דעם טיטעל „סצענען פון בעהמישען לעבען". פון דיעזען בוך האָט טאַקע פּוטשיני געצויגען זיין הויפּט־מאַטעריאַל פאַר דער אָפּערא, אָבוואָהל ער אַליין האָט פון דעם לעבען אין דיעזען קווארטאַל געוואוסט דורך אייגענע ערפאַהרונג.

דער סוזשעט איז אַן איינפאַכער. צוויי איינוואָהנער פון לאַטיינישען קווארטאַל אין פּאַריז, אַ דראַמאַטישער פּאָעט און אַ מאַהלער מיט דיא נעמען רודאָלפאָ און מאַרסעלאָ, זייַ־נען פערליעבט — דער ערשטער אין אַ מיידעל מיט'ן נאָמען מימי און דער צווייטער אין אַ מיידעל מיט'ן נאָמען מוסעטא. דיא ליעבע געהט אָבער ניט צו גלאַט, וויא געליעבטע ווינשען זיך. עס הויבט זיך אָן קריעגערייען. איינער ווערט אייפערזיכטיג אויפ'ן

צווייטען. דיא געליעבטע ווערען צושיידט איינע פון דיא אַנדערע, און ווען זיי קומען זיך ענדליך ווידער צוזאַמען איז שוין צו שפּעט. מימי שטאַרבט אין דיא אָרעמס פון איהר געליעבטען — אַן אָרעמע, אַ פערלאָזענע, אַ שוואַכע, אַן אונגליקליכע.

דאָס איז אַלעס. אין דיעזען איינפאַכען סוזשעט שפּיעגעלט זיך אָב דער לעבען פון דיא וואָס פערברענגען זייערע יאָהרען, אָפטמאָל זייערע בעסטע יאָהרען, אין דעם לאַטיינישען קוואַרטאַל אין דער הויפּטשטאַדט פון פראַנקרייך. אין דיא פיער אַקטען אין וועלכע „לא באָהעם" איז איינגעטהיילט איז דאָ דער הומאָר און דיא טראַגעדיע פון דיעזען סאָרט לעבען; און פוטשיני האָט דעם גייסט דערפון אויסגעטייטשט מוזיקאַליש — ניט זעהר טיעף אפילו, ניט זעהר גלענצענד, ניט בעזאָנדערס רייך אין קאָליר און מעלאָדיע, אבער דאָך ציעמליך קלאָר, גוט און איינדרוקספאָל.

ערשטער אַקט.

אין דעם ערשטען אַקט ווערט פאָרגעשטעלט אַ צימער אין אַ פּאַריזער לאָדזשינג הויז, וואו עס וואָהנען דער פּאָעט רודאָלפאָ, דער מאָהלער מארסעלאָ, דער פילאָזאָף קאָלין און מוזיקער שאונאַרד. ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף זעהען זיך נור דיא ערשטע צוויי. רודאָלפאָ קוקט ארויס דורכ'ן פענסטער, אויף דיא שנעע'דיגע דעכער, וועהרענד מארסעלאָ מאָהלט אַ בילד, אָבער מארסעלאָ'ס פינגער זיינען אַזוי פערפראָהרען פון קעלט, אַז ער קען קוים זיין ארבייט טהאָן. אַ חוץ דיא קעלט ליידען זיי אויך פון הונגער. דיא פערצווייפלונג פון ביידע איז אַזוי גרויס, דאָס רודאָלפאָ כאַפּט אַ מאַנוסקריפּט וועלכען ער האָט אָנגעשריעבען און מאַכט אַ פייער דערפון, אום זיי זאָלען זיך ביידע קענען וואַרעמען אַ ווײלע.

עס קומט אריין דער פילאָזאָף קאָלין און דערצעהלט דאָס אַזוי וויא עס איז ערב קריסטמאַס זיינען אַלע פּאַון־שאָפּס געשלאָסען און עס איז נישטאָ קיין האָפנונג דאָס זיי זאָלען קריגען וואָס זיי דארפען אַזוי נויטיג. באַלד אָבער קומט אריין דער מוזיקער שאונאַרד און ברענגט פרעהליכע גייעס. ער האָט געמאַכט אַ

ביסעל געלד און זיי וועלען אלע קענען האבען א ווארימען סאפער אין א קאפע. דערוויילע האט ער שוין געבראכט הייץ־מאטעריאל, א ביסעל עסענוואַרג און וויין, און דיא הונגעריגע ארטיסטען ווערען מלא שמחה. עס קומט אבער אין מיטען אריין בענוא, דער לענדלארד, נאך זיין רענט. דערזעהענדיג דאס זיינע לאדזשערס האבען ביי זיך אזוי פיעל גוטע זאכען, צורעדט ער זיך מיט זיי און הויבט אן דערצעהלען לוסטיגע געשיכטען, ביז דיא לוסטיגע ארטיסטען שטופען איהם אין גאנצען ארויס פון צימער. דערנאך געהען אלע אוועק אין א דערבייאיגען קאפע, און נור רודאלפא פערבלייבט א ווייל צו ענדיגען אן ארטיקעל וועלכען ער האלט אין שרייבען.

זיצענדיג אליין אין צימער דערהערט ער א קלאפ אין טהיר. „ווער איז דארט?“ פרעגט ער. „ענטשולדיגט“ — הערט ער א פרויען־שטימע; — „מיין ליכט איז אויסגעגאנגען און אין האל איז זעהר פינסטער“. רודאלפא עפענט דיא טהיר און עס פאלט אריין מעהר טויט וויא לעבעדיג מימי, וועלכע וואהנט אין דערזעלבער הויז. דאס איז דיא ערשטע בעגעגעניש צווישעןביידען און עס נעהמט נים לאנג ביז זיי פערליעבען זיך איינער אין דעם צווייטען. מימי פערליערט איהר שליסעל פון אויפרעגונג, ווען זיא קומט אריין, און שפעטער ווען דער ווינד פערלעשט אויך רודאלפא'ס ליכט און ביידע בלייבען אין דער פינסטער, קריכט ער ארום אויפ'ן פלאאר אויף אלע פיער זוכענדיג דעם שליסעל. זיא טהוט איהם נאך און ביידע שטויסען זיך אן. זייער קאמישע לאגע מאכט זיי אינטים, און ווען רודאלפא געפינט שוין דעם שליסעל בעהאלט ער עם ביי זיך. אונטערדעסען הערען זיך דיא שטימען פון מארסעלא, קאלין און שאונארד. „גראמען־שרייבער— וואס איז מיט דיר געווארען“ — הערט זיך קאלין'ס שטימע דורכ'ן פענסטער. רודאלפא עפענט דיא פענסטער און הייסט זיינע חברים געהן אין מאמוס'עס קאפע. ער וועט אהין קומען מיט נאך אימיצען, זאגט ער; און א קעהר טהאן זיך צו מימי'ן לאדעט ער איהר איין צו געהן מיט איהם און זיינע חברים עסען סאפער. זיא

נעהמט אַן דיא איינלאַדונג און ביידע געהן ארוים וויא צוויי אַלטע גוטע פריינד.

צווייטער אַקט.

אין דעם צווייטען אַקט זעהען מיר שוין דיא גאַנצע קאָמפּאַניע אין דעם קאַפעע. עס איז ערב קריסטמאַס פארנאַכט און ארום דעם קאַפעע איז זעהר לעבעדיג. צווישען אַנדערע קומען אריין מוסעטטא געאַרעמט מיט איינעם וואָס הייסט אַלטשינדאָרא. מאַרסעלא׳ס אויגען הויבען אָן ברענען פון אייפערזוכט, אבער ער קאָנטראָלירט זיך און מאַכט זיך וויא עס ארט איהם ניט וואָס זיין פריהערינע געליעבטע זיצט מיט אַן אַנדער מאַן. זיין קאַלטקייט ווירקט אָבער שטאַרק אויף מוסעטאַ׳ן, וועלכע האָט אַ שטיפעדיגע נאַטור. זיא ארבייט מעשים צו ציהען מאַרסעלא׳ס אויפמערקזאַמ־קייט, ברעכט דיא געפּעס, און טהוט אַן צרות איהר קאָמפּאַניאַן. ענדליך געפינט זיא אַ מיטעל וויא פון אַליטשאַנדאָראַ׳ן פּטור צו ווערען. זיא שיקט איהם ארוים קויפען איהר אַ פּאָר שיך, שרייענ־דיג אַז עס קוועטשען איהר דיא פיס. איהר בעגלייטער נעהמט איינעם פון איהרע שיך, בעהאַלט עס אונטער׳ן ראָק און לויפט אַוועק קריגען איהר אַ פּאַאר שיך מיט אַ נומער גרעסער. עס נעהמט ניט קיין מינוט ביז מוסעטאַ איז אין דיא אָרעמס פון מאַרסעלאָ, און דיא קאָמפּאַניע ווערט נאָך לוסטיגער.

עס קומט אָבער דיא צייט צו בעצאָהלען פאַר׳ן סאַפּער און חברים זעהען זיך ארום אַז ביי זיי איז גאָר ניטאָ געגוג געלד. מוסעטאַ קומט זיי דאָ צו הילף, זאָגענדיג דעם ווייטער, אַז איהר קאָמפּאַניאָן וועלכער וועט זיך באַלד צוריק קעהרען מיט אַ פּאָר שיך וועט פאַר אַלעמען בעצאָהלען. דערווייל דערהערט זיך אַ טומעל פון ווייטען. עס מאַרשירען ערגעץ סאָלדאַטען מיט אַ בענד מוזיק. פון אַלע זייטען קומען אָן מאַסען מענשען, און אין דעם מאָמענט ווען דיא סאָלדאַטען געהן פאַרביי דעם קאַפעע נעהמען מאַרסעלאָ און קאָלין מוסעטאַ׳ן אויף זייערע שולטערס און טראָגען איהר אַוועק, בעגלייטעט פון רודאָלפאָ, מימי און שאונאַרד. וויא אַזוי אַלטשינדאָראָ פּיהלט ווען ער קעהרט זיך צוריק און געפינט

אוים דאס מוסעטא איז אוועקגעגאנגען מיט איהרע אלטע פריינד און האט איהם איבערגעלאזען אזא גרויסען ביל ביים וויימער — וויא אזוי ער פיהלט, דאס קען יעדער זעלבסט פערשטעהן. ער פאלט צוריק אין א שטוהל, קוים כאפענדיג דעם אטהעם.

דריטער אקט.

אין דריטען אקט טרעפען מיר ווידער דיא פערליעבטע צוויי פאארלעך, אבער אונטער פערקעהרטע אומשטענדען. רודאלפא און מימי זיינען פונאנדערגעשיידעט, וועהרענד מארסעלא און מוסעטא לעבען יעצט וויא טייבעלעך. דיא סצענע קומט פאר צום גאס פון א פאריזער שענק, וואו מארסעלא איז בעשעפטיגט מאהלענדיג בילדער. דער שענק איז גראדע גענענאיבער א שליאבאן, וואו פארבייגעהערס אדער פארבייפאהרערס ווערען אב־געשטעלט פון צאלל־בעאמטע. עס איז ווינטער, אין א קאלטען פריהמארגען. פויערטעס טראגען פערשידענע זאכען צום פער־קויפען אין מארק. אלע דארפען דורכגעהן א טויער אריינצוגעהן אין שטאדט, און ווען דער פארהאנג הויבט זיך אויף שטעהן אויף דעם אנדער זייט פונ'ם טהויער עטליכע שנעע־קעהרערס און בעטען מען זאל פאר זיי עפענען דיא טהיר. עס איז ביטער קאלט. זיי ווילען זיך דערווארעמען אין שענק, פון וואנען עס הערט זיך א פרעהליכער טומעל. דיא טהיר ווערט געעפענט און צווישען דיא וואס קומען אריין איז דא אויך מימי.

מימי פרעגט זיך נאך אויף א שענק וואו עס ארבייט א מאהלער. מען צייגט איהר אן אויף דעם שענק נעבען שליאבאן. זיא געהט צו אהין און בעט א פרוי ארויסרופען מארסעלא'ן. דער מאהלער קומט ארויס און בעט איהר אריינצוקומען אין א ווארימען צימער. זיא וויל אבער ניט. זיא וויל זיך ניט בעגעגענען מיט רודאלפא'ן. זיא בעראטה זיך מיט מארסעלא'ן וואס צו טהאן. איהר רודאלפא איז אייפערזיכטיג אויף איהר און זיא קען מיט איהם ניט אויסקומען. מארסעלא זאגט אז דאס בעסטע פאר איהר איז צו שיידען זיך מיט רודאלפא'ן. זיא שטימט איין. רודאלפא קומט שפעטער ארויס פון שענק און צווישען ביידע קומט פאר

אַ ריהרענהע באַגעגעניש. יאַ, זיי ליעבען זיך. זיי דערמייהנען זיך אויף דיא גליקליכע שטונדען און טעג וואָס זיי האָבען פערבראַכט צוזאַמען. דאָך, ווייטער צו וואָהנען צוזאַמען איז אונמעגליך. זיי בעשליסען צו טהאָן וויא מאַרסעלאָ האָט זיי געראַטהען; און וועהרענד זיי שיידען זיך ברעכט אויס אַ קריעג צווישען מאַרסעלאָ און מוסעטאַ איבער דעם וואָס דיא לעצטע האָט געמאַכט חן'דעלאַך צו אַ פרעמדען מאַן אין שענק.

פיערטער אַקט.

אין דעם פערטען אַקט זעהען מיר צוריק דעם לאַזשי־צימער פון אונזערע קבצנ'ישע אַרטיסטען. ביידע, רודאָלפאָ און מאַרסעלאָ, דערמאָהנען זיך אויף זייערע ליעבעס און קענען ניט פערגעסען מימי'ן און מוסעטאַ'ן. רודאָלפאָ דערמאָהנט זיך אויף דער ראָזרויטער היטעלע וואָס ער האָט געקויפט זיין מימי'ן דעם ערשטען מאָל וואָס ער האָט זיך מיט איהר בעקענט. דיזער היטעלע קושט ער יעצט אַזוי ווי מימי'ן. זיינע טרויעריגע געדאַנקען ווערען איבערגעשלאָגען פון שאָונאַרד און קאָלין, וועלכע ברענגען וואָס צו עסען, און חברה ווערען וויעדער לוסטיג. אין מיטען זייער לוסטיגקייט קומט אָבער אָן מוסעטאַ, וועלכע זאָגט דאָס זיא האָט מיט זיך מימי'ן געבראַכט, אָבער דיא אונגליקליכע האָט ניט קיין כח אַרויפצוגעהן דיא טרעפ. רודאָלפאָ און מאַרסעלאָ לויפען אַרונטער און ברענגען איהר אַרויף. זיא איז דערפראָהרען און קראַנק; מען לעגט איהר אַריין אין בעט און אין דעם צימער וואו אַ מינוט פריהער האָט מען געטאַנצט און געהוילעט ווערט יעצט טרויעריג. מען האָרף מעדיצין פאַר מימי'ן, און מוסעטאַ נעהמט פון זיך אַרונטער דיא ביסעל דזשולערי צו פער'משכונ'ען, וועהרענד קאָלין זעגענט זיך זעהר פאַטהעטיש פון זיין אַלטען איבערראָק און טראָגט עס אויף אָפּ אין פאָן־שאָפּ. אַלע זיינען בערייט אָװעקצוגעבען זייער לעבען פאַר דער קראַנקער מימי, אָבער זיא איז שוין געווען צו קראַנק; און נאָך איידער מען האָט איהר געקענט ברענגען היפּע הויכט זיא אויס איהר לעצטען אָטהעם. מיט אַ ביטערען געוויין פאַלט

ארויף רודאלפא אויף דעם טוידטען קערפער פון זיין געליעבטער מימי.

דערמיט ענדיגט זיך דיא האנדלונג. דיא פיער אקטען זיינען ניט מעהר וויא פיער בעזונדערע בילדער. און געוויסערמאסען איז דיא מוזיק אויך א סארט צוברעקעלטע, צופיצעלטע, ספעציעל אין צווייטען אקט, ווען עס ווערט געשילדערט די סצענע אין דעם קאפע. אבער דאך איז דיא פיקאנטקייט פון דער ארקעסטראציאן, דיא מעלאדיושקייט פון דיא אריען און דיא פליסיגקייט פון מוזיקאלישע הארמאניע פון דאס בעסטע וואס איטאליענישע קאמפאזיטארס האבען אין דער לעצטער צייט בעשאפען.

אזוי פיעל איז זיכער: פוטשיני׳ן איז געלונגען אין דיעזער אפערא פארצושטעלען דעם פרייען, האלב־קאמישען און האלב־פאטהעטישען לעבען פון ארעמע סטודענטען. מאנכע סצענעס זיינען דיא שעהנסטע קאמעדיע וואס מען קען זיך פארשטעלען, וויא צום ביישפיעל, ווען דער לענדלארד בענוא קומט אריין אין ערשטען אקט צו דיא ארטיסטען אויפ׳ן קווארטיער נאך רענט, אדער ווען דיא לוסטיגע מוסעטא וויל פטור ווערען פון איהר בעגלייטער אלטשינדארא אין צווייטען אקט, אין מאמום׳עס קאפע, אדער ווען דיא קבצנ׳ישע ארטיסטען טאנצען פון הונגער און צרות אין פיערטען אקט, איידער מימי ווערט אריינגעטראגען אין א שטער־בענדען צושטאנד. חערפאר זיינען דא אבער אנדערע סצענעס וועלכע זיינען זעהר ריהרענדע, וויא צום ביישפיעל, דיא בעגעגעניש צווישען מימי און רחאלפא ביים שנעע, אין דריטען אקט, אדער ווען מימי שטארבט, אין פיערטען אקט, אריינגעלעגט אין בעט און אלע ארטיסטען זיינען בערייט אוועקצוגעבען זייערע לעבענס איהר צו העלפען. אין ערשטען אקט איז העכסט פראכטפאל דער זינגען פון רודאלפא און מימי, ווען זיי בעקענען זיך און דערצעהלען איינער דעם צווייטען זייער יחוס. „איך בין, איך בין, איך בין א פאעט“, זינגט רודאלפא. „מיך רופט מען מימי, אבער איך ווייס ניט וואָרום“, זינגט מימי. אין דעם צווייטען אקט זינגט העכסט איינדרוקספאל מוסעטא, ווען זיא וויל צוציהען דיא אויפמערקזאמ־

קייט פון איהר פערלאָזענעם געליעבטען מארסעלאָ; און אין דיא איבריגע צוויי אקטען זייטען דורכגעוואָרפען מעלאָדיען, וועלכע מאַכען דיא צושויער אויף א מאָמענט ניט פערגעסען דיא בעזאָנדערע אטמאָספערע אין וועלכע דיא ארטיסטען לעבען.

אין אלגעמיין איז „לא באָהעם„ אן אָפּערא מיט וועלכע קיין קאָמפּאָזיטאָר האָט זיך ניט וואָס צו שעהמען. פּוטשיני איז יעצט מעהר פאָרזיכטיג מיט דיא סוזשעטען וואָס ער קלייבט פאַר זיינע אָפּעראָס און אין יעדע נייע אָפּערא וואָס ער פּרעזענטירט דער מוזיקאלישער וועלט בעווייזט ער דאָס ער בעזיצט פיעל אָריגינאלי־טעט און גרויס בעשאַפונגס־קראַפט.

MADAME BUTTERFLY — Puccini

מאדאם באטערפליי

פון זשאקאמא פוטשיני

פערזאנען:

ליוטענאנט פינקערטאן — טענאר ; קאנסול שארפלעס — באריטאן ; גארא — באס ; דער באנזע (גלח) — באס ; אן אדעלמאן — טענאר ; טשא־טשא־סאן (מאדאם באטערפליי) — סאפראנא ; סוזוקי — מעצא־סאפראנא ; קייטי — סאפראנא.

שאקאמא פוטשיני, דער קאמפאזיטאר פון אזעלכע אפעראס וויא „לא באהעם, „טאסקא" און „מאנאן לעסקאט", האט זיך אין דיא יאהרען 1906—1907 שטארק בעריהמט געמאכט מיט זיין נייעסטער קונסטווערק: „מאדאם באטער־פליי".

דאס מיינט גראדע ניט אז „מאדאם באטערפליי" איז א בעסערע אפערא וויא דיא אנדערע פון דעם זעלבען קאמפאזיטאר. עס איז נאך ניט פערבייגעגאנגען גענוג צייט אז מען זאל קענען אויסדריקען א גאנץ זיכערע מיינונג איבער דעם פונקט. דיא אפערא איז נאך ניט גענוג אויפגעפיהרט געווארען. אבער אז „מאדאם באטערפליי" האט געמאכט א זעהר גוטען איינדרוק איבעראל וואו זיא איז אויפגעפיהרט געווארען, אין אמעריקא אזוי גוט וויא אין אייראפא, איז קיין צווייפעל ניט.

וואס איז אבער דער סעקרעט פון איהר פאפולאריטעט? וואס איז דיא אורזאכע פון איהר גרויסען ערפאלג?

דער ענטפער איז: „מאדאם באַטערפליי“ איז אַן אָפּעראַ־טראַגעדיע פון דעם סאָרט וואָס אַפּעלירט שטארק צום דורכשניט־ליכען עולם. הערענדיג די אָפּערא דארף מען זיך ניט אָנשטרענגען שטאַרק צו פערשטעהען די מוזיק. עס זיינען אין איהר ניטאָ קיין געהיימניספאָלע טענער, וויא ביי וואַגנער'ס אַן אָפּערא. די מוזיק איז איינפאַך, אזוי וויא די נשמה פון דער הויפּט־העלדין איז דער אָפּערא איז איינפאַך. די מעלאָדיען זיינען ניט קיין בעזאָנדערס זיסע, וויא ביי ווערדי'ס אַן אָפּערא, אָבער זיי פליסען איינע נאָך די אנדערע וויא א רוהיג וואסעריל אין די בערג וועלכער קען פאר זיך קיין טיעפען וועג ניט אויסשלאָגען, אבער וועלכער צוגיסט זיך אזוי שעהן...

איין זאַך איז זיכער, און דאָס איז אז ווען ניט דער פּראַכט־פאָלער סוזשעט פון „מאדאם באַטערפליי“ וואָלט די אָפּערא געהאט א דורכפאַל.

וועמעס סוזשעט איז עס אָבער? ווער האָט פערפאַסט די טראַגעדיע צו וועלכער פוטשיני האָט געשריעבען מוזיק?

דיעזע פראַגען האָבען אַן אינטערעסאַנטען אַנטוואָרט, ווייל קיין איטאַליענישער אָפּערא־סוזשעט האָט, דוכט זיך, ניט דורכ־געמאַכט אזוי פיעל פערשיעדענע הענד וויא „מאדאם באַטערפליי“. די גאַנצע אָפּערא, אין איהר יעצטיגער פאָרמע, איז אַן עכט אינטערנאַציאָנאַלער פּראָדוקט.

צוערשט איז דער סוזשעט ערשיענען אין דער פאָרמע פון א ראָמאַן, געשריעבען פון א פילאַדעלפיער מיט'ן נאָמען ד ז ש א ן ל. ל א נ ג. דערנאָך איז געקומען דער בעוואוסטער אידיש־אמעריקאַנער מעגעדזשער און דראַמאַטורג פון ניו יאָרק, ד י י וו י ד ב ע ל א ס ק אָ, און האָט דערפון געמאַכט א דראַמאַ, וועלכע האָט געהאַט א גרויסען ערפאָלג. דאַן זיינען געגאַנגען צוויי איטאַליענער מיט די נעמען ל. א י ל י ק א און ג. ד ז ש י אַ ק אָ ס אַ און האָבען די פּראָזע'אישע דראַמאַ איבערגעאַרבייט אין פערזען. דאָס האָט פוטשיני'ן געגעבען די געלעגענהייט צו שרייבען די אָפּערא; און דאַן ערשט איז די איטאַליענישע „ליברעטאָ“

צוריק איבערזעצט געוואָרען אין ענגליש פון ר. ה. עלקין.

דיא האַנדלונג קומט פאָר אין נאַגאַסאַקי, יאַפּאַן, און איז איינגעטהיילט אין 3 אַקטען.

ערשטער אַקט.

ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף פאַר'ן ערשטען אַקט זעהט זיך אַ יאַפּאַנעזישע הויז און גאָרטען אין נאַגאַסאַקי. דיזע הויז האָט אָבגעדונגען ליטענאַנט פינקערטאָן, פון דיא יונייטעד סטייטס נייווי, פאַר זיך און זיין יאַפּאַנעזישע ווייב, וועלכע ער געהט הייראַטהען דעם זעלבען טאָג — מעהר אויף שפּאַס וויא אויף ערנסט. זיין גוטער פריינד שאַרפּלעס, דער אַמעריקאַנער קאָנסול, ווארנט איהם אפילו אז דער שריט איז אַ צו ערנסטער, אַז זיין יאַפּאַנעזישע כלה נעהמט די זאַך פיעל מעהר ערנסט וויא ער; אַז ביי איהר קען עס זיין אַ פראַגע פון לעבען און טויט; אבער דעם יונגען ליטענאַנט איז אַזוי געפעלען דיא גאַנצע זאַך, דער יאַפּאַנעזישער שדכן גאָראָ און דיא יאַפּאַנעזישע כלה טשאָ־טשאָ־סאַן, וועלכע האָט דעם צו־נאָמען באַטערפליי, אַז ער וויל ניט טראַכטען פון קיינע קאָנזעקווענצען.

מען גרייט זיך צו דער חתונה. עס קומט אָן די כלה מיט איהרע פריינד און געסט. קאָנסול שאַרפּלעס האָט דיא געלעגענ־הייט אריינצוגעהן מיט איהר אין אַ געשפּרעך און זיא פערטרויט איהם דאָס זיא האָט דעם זעלבען טאָג זיך ענטזאַגט פון איהר גלויבען, פון דער רעליגיאָן פון איהרע עלטערן און אור־עלטערן, אום זיא זאָל קענען מיט אַ פרייערער הארץ ליעבען איהר אַמעריקאַ־נער מאַן. שאַרפּלעס זעהט איין, אַז דיא מיידעל איז שטאַרק פערליעבט אין דעם אַמעריקאַנער נייווי־אָפיסער, אָבער ער קען שוין מעהר גאָר ניט טהאָן, ווייל אונטערדעסען זיינען אָנגעקומען אַלע איבריגע געסט וואָס דיא כלה האָט געלאַדען און דיא חתונה־צערעמאָניע פאַנגט אָן. מען טרינקט צום געזונד פון חתן־כלה און **מען איז זיך משמח.**

פלוצלונג קומט אן אויף דער סצענע א מאדנע פיגור. דאס איז דער באנזע (א גלח), וועלכער איז דער כלה'ס אן אנקעל. דיזער האט אויסגעפונען דאס באטערפליי האט זיך ענטזאגט פון איהר גלויבען און ער איז געקומען איהר פערשילטען. ער פאדערט אויף אלע קרובים, צווישען וועלכע עס געפינט זיך באטערפליי'ס מוטער, צו פערלאזען און פערשטויסען איהר אויף עוויג, און דער טומעל ווערט אזוי גרויס דאס דער חתן איז געצוואונגען אלעמען ארויסצוטרייבען. ער בלייבט אליין מיט זיין פערשטויסענער באטערפליי, וועלכע וויינט ביטער און קלאגט אויף איהר שיקזאל. אבער פינקערטאן ווערט יעצט צו איהר אזוי שטארק צוגעצויגען דאס ער קושט אוועק איהרע טרעהרען און מאכט איהר פיהלען זיך העכסט גליקליך אין זיינע ארעמס.

און דא, ביים ארונטערפאלען פון פארהאנג אויפ'ן ערשטען אקט, האבען מיר איינע פון דיא שעהנסטע און זיסעסטע מוזיקא־לישע מאמענטען — א ליעבע־סצענע צווישען דאס יונגע פאארעל, דעם לייכטזיניגען אמעריקאנער און דיא טיעף־פערליעבטע יאפא־נעזערין.

צווייטער אקט.

ווען דער פארהאנג הויבט זיך אויף פאר'ן צווייטען אקט זיינען שוין דריי יאהר פערלאפען. דיא סצענע קומט פאר אין באטערפליי'ס וואהנונג, אן איינפאך, ריינעם יאפאנעזישעס צימער מיט א סך ליכט און לופט, דיא פענסטער פערקלעפט מיט געאילטע פאפיער. באטערפליי'ס אמעריקאנער מאן איז שוין לאנג אוועק־געפאהרען. דיא אמעריקאנער רעגיערונג האט איהם צוריקגערופען נאך אמעריקא. נאטירליך, ער האט איהר צוגעזאגט צוריקצוקומען, און זיא ווארט שוין אויף איהם דאס דריטע יאהר, מיט א קינד וואס איז איבער צוויי יאהר אלט. ביי איהר געפינט זיך א יאפא־נעזישע דיענסט, סוזוקי, א גוטע איבערגעבענע נשמה, וועלכע איז איהר בעל הבית'טעס בעסטע פריינדין.

סוזוקי גלויבט ניט דאס לייטענאנט פינקערטאן וועט זיך שוין צוריקקעהרען, אבוואהל זיא בעט גאט אז ער זאל זיך צוריק־

סעהרען, ווייל איהר בעל הבית׳טע ביינקט נאך איהם אזוי שטארק. באטערפליי, וועלכע גלויבט פון איהר חתונה און אין דער קריסט־ליכער רעליגיאן, ווארפט איהר אוים דאס איהר פעהלט דער ריכטיגער גלויבען און דערפאר צווייפעלט זיא אזוי שטארק. דיא סצענע צווישען דיענסט און בעל הבית׳טע איז איינע פון דיא שעהנסטע וואס מען קען געפינען אין אפערא. באטערפליי, זעהענדיג וויא סוזוקי בעט דיא יאפאנעזישע געטער פאר איהר, זאגט צו איהר דיענסט.

„פויל און מאכטלאז
זיינען די געטער פון יאפאן,
דער גאט צו וועלכען מיין מאן בעט
וועט געבען אן ענטפער פיעל שנעלער
צו יענע וואס גלויבען אין איהם.
נור איך האב מורא אז יענער גאט וויים ניט
דאס מיר ביידע וואהנען דא“.

וויא נאאיוו! זיא וויים אבער איין זאך, און דאס איז, אז זיא ליעבט איהר מאן זעהר שטארק. ווען גארא, דער שדכן, קומט צוגעהן און רעדט איהר א שידוך, א יאפאנעזישען אדעל־מאן, טרייבט זיא איהם ארוים פון הויז מיט כעס. „וויא קען איך הייראטהען, ווען איך בין שוין פערהייראטה“, טענה׳ט זיא. גארא זאגט איהר, אז דיא ווייב וועלכע ווערט פון איהר מאן פער־לאזען האט א רעכט צו קריגען א גט. אבער אויף דעם ענטפערט דיא אונשולדיגע באטערפליי:

„דאס קען זיין איז א יאפאנעזישע געזעץ,
אבער ניט דאס געזעץ פון מיין לאנד“.

עס קומט אין הויז אריין שארפלעס, דער אמעריקאנער קאנסול, מיט א בריעף פון לייטענאנט פינקערטאן. דיא מעלדונג, אז עס איז דא א בריעף צו איהר מאכט באטערפליי אזוי אויפגערעגט, דער געדאנק אז ער האט זיך אויף איהר ניט פערגעסען מאכט איהר אזוי גליקליך, דאס שארפלעס האט קיין הארץ ניט צו לעזען פאר איהר דעם גאנצען איינהאלט, נעמליך: דאס ער, פינקערטאן,

קומט טאַקי צוריק צופאַהרען נאָך נאַגאַסאַקי, אָבער אין דער בעגלייטונג פון אַן אַמעריקאַנער ווייב, א ווייב וועלכע ער האָט געהייראַטה אויף אַן אמת. דאָך פּרובירט שאַרפּלעס איהר צו געבען אַנצוהערעניש אַז עס וואָלט געווען בעסער און געזינטער פאַר איהר, איהם צו פערגעסען. אַלס ענטפער טראַגט זיא אריין איהר קינד און ווייזט עס איהם, דעם קאָנסול, און פרעגט אויב מען קען דאָס פערגעסען, אויב זיא קען דיא געפיהלען פון א ווייב און א מוטער דערשטיקען. דער קאָנסול איז געצוואונגען צו נעהמען אבשיעד, ניט אויספיהרענדיג זיין מיסיאָן, איבערלאָזענדיג באַטערפליי און איהר דיענסט סוזוקי אין דער שטאַרקסטער אויפרעגונג.

מיט א מאָל דערהערען זיך קאַנאָנען־שיסע. אין נאַגאַסאַקי האַפען קומט אַן אַן אַמעריקאַנער קריעגס־שיף, מיט'ן נאָמען „א י י ב ר ע ה ע ם ל י נ ק אָ ל ן", אויף וועלכע פינקערטאָן איז ליטענאַנט. באַטערפליי'ס פרייד האָט יעצט קיין גרענעץ ניט. מיט'ן טעלעסקאָפּ אין האַנד שטעהט זיא ביים אָפענעם פענסטער און שרייט נערוועז:

„ליגנערס! ליגנערס! אָבער איך
האָב אימער — איך — וועלכע ליעב איהם.
(צו סוזוקי'ן)
נו, יעצט זעהסטו שוין דיא דומהייט פון דיין צווייפלען?
ער קומט! ער קומט!
ערשט דעם מאָמענט האָט איהר אַלע געזאָגט:
איך זאָל איהם פערגעסען. מיין ליעבע געווינט!
מיין ליעבע און גלויבען האָבען אין גאַנצען געזיעגט —
ער איז דאָ — ער ליעבט מיך!"

און יעצט פאַנגט זיך אַן א מערקווירדיגע סצענע אין דיעזער קליינער יאַפּאַנעזישער הויז. וויינענדיג און לאַכענדיג פון פרייד און גליק און זיסע האָפנונג נעהמט זיך באַטערפליי מיט איהר דיענסט אויסצופוצען דיא וואָהנונג; און דאָס ווערט געטהאָן אויפ'ן יאַפּאַנעזישען שטייגער. דער גאַנצער פלאָר ווערט

בעשאַטען מיט בלומען, אלע וועגט ווערען בעהאַנגען מיט בלומען. בלומען ווערט אַנגעשטעקט איבעראַל, ביז דיא צוויי פרויען קוקען אליין אויס וויא צוויי גרויסע לעבעדיגע בלומען. באַטערפליי טהוט זיך אַן אין איהרע חתונה קליידער, און מיט איהר קינד און דיענסט ביים זייט שטעלט זיא זיך אוועק ביים פענסטער קוקען אויף דער קריעגס־שיף א גאַנצע נאַכט. זיא מאַכט דריי לעכלעך אין דעם געאַילטען פענסטער־פּאַפּיער, אום אלע דריי זאָלען קענען קוקען. ווען דער פאַרהאַנג לאָזט זיך אַרונטער שטעהען שוין אלע דריי אויף זייער וואַכע און עס הערט זיך פון ווייטען דער זינגען פון דיא מאַטראָזען אין האַפען. דיא מוזיק דערגרייכט דאַן א הויכע שטופע פון פּאָעטישע זיסקייט.

דריטער אַקט.

עס איז טאָג, ווען דער פאַרהאַנג הויבט זיך אויף פאַר דעם דריטען אַקט. סוזוקי זיצט ביים פענסטער און שלאָפט. דיא בייבי ליעגט אויפ'ן פלאָר און שלאָפט אויך. נור באַטערפליי שטעהט וויא א סטאַטוע און קוקט אויפ'ן שיף, קוקט און קוקט און חלומ'ט פון איהר מאַן, איהר טרייען מאַן, וועלכער האָט איהר ניט פערגעסען. „ער וועט קומען; ער וועט קומען" — מורמעלט זיא. „איך ווייס דאָס ער וועט קומען". סוזוקי כאַפּט זיך אויף און בעט איהר בעל הבית'טע צו נעהמען דאָס קינד און געהן צולעגען זיך אין שלאָפצימער, אום זיא זאָל זיין אויסגערוהט ווען איהר מאַן וועט קומען. זיא זאָגט איהר צו אויפצואוועקען אזוי שנעל וויא איהר מאַן וועט נור אריין אין הויז.

באַטערפליי געהט אוועק צוצולעגען זיך, און גלייך נאָכדעם קומט אריין לייטענאַנט פינקערטאָן אין דער בעגלייטונג פון אמעריקאַנער קאָנסול. סוזוקי וויל לויפען רופען איהר ב"ר הבית'טע, אָבער פינקערטאָן לאָזט איהר ניט. סוזוקי בעמערקט דאַן א פרוי שטעהן אויפ'ן גאַס, און ווען זיא פרעגט ווער איז עס, ענטפערט איהר דער קאָנסול, אז זיא איז פינקערטאָן'ס אמת'ע ווייב, וועלכע איז מיט איהם געקומען פון אמעריקאַ. סוזוקי ברעכט אויס אין א ביטערען געוויין, רייסענדיג זיך דיא האָר און דערצעהלענדיג אין דער

זעלבער צייט וויא באַטערפליי האָט דאָס געליטען אַלע דיעזע יאָהרען, וויא זיא האָט דאָס געגלויבט אז ער וועט צוריק קומען, וויא זיא האָט אויף איהם געוואַרט דיא גאַנצע נאַכט שטעהענדיג ביים פענסטער, קוקענדיג אויפ'ן שיף. פינקערטאָן געפינט ערשט יעצט אויס זיין טעות, זיין פערברעכען, זיין לייכטזיניגקייט, און עס פּלאָגט איהם שרעקליך דער געוויסען. איבערלאָזענדיג א סך געלד מיט'ן קאָנסול פאר באַטערפליי, און בעטענדיג דאָס ער זאָל פועל'ן ביי איהר אז זיא זאָל איהם דאָס קינד געבען, לויפט ער ארויס פון הויז אין גרויס פערצווייפלונג.

עס קומט דערנאָך אריין זיין אמעריקאַנער ווייב, ק י י ט י, רעכנענדיג דאָס זיא וועט פיעלייכט קריגען באַטערפליי'ס פערציהונג פאר איהר מאַן. וועהרענד זיא רעדט מיט'ן קאָנסול און דער פערוויינטער סוזוקי דערהערט זיך באַטערפליי'ס שטימע:

„סוזוקי, סוזוקי, וואו ביזט דו?"

סוזוקי בעט זיך ביי איהר זיא זאָל אין צימער ניט אריינקומען, אָבער באַטערפליי לויפט אריין און שרייט נערוועז און אויפגערעגט:

„ייִר איז דאָ — וואו איז ער בעהאַלטען?

(דערזעהט שאַרפּלעס'ן)

דאָ איז דער קאָנסול — און וואו איז ער? — וואו איז? —

(קוקט איבעראַל)

דאָ ניט!

(דערזעהט דער אַמעריקאַנער ליידי)

ווער זייט איהר?

וואָס דאַרפט איהר דאָ? — קיינער ענטפערט ניט!

(צו סוזוקי)

ווארום וויינסטו?

ניין, ניין, דערצעהל מיר גאָר ניט — גאָר ניט.

איך קען נאָך שטאַרבען פון שרעק פאַר דיינע ווערטער.

דו, סוזוקי, ביזט דאך אזוי געטריי — וויין ניט, איך בעט דיך!
דו ליעבסט דאך מיך אזוי שטארק, זאג־זשע מיר „יא“ אדער „ניין“
אין דער שטיל —

לעבט ער נאך?“

„יעס, ער לעבט“, זאגט איהר סוזוקי. אבער זיא שטעלט אנדערע פראגען און פערשטעהט גלייך אז דיא שעהן געדרעסטע ליידי איז איהר מאן'ס אמעריקאנער ווייב, דיא ריכטיגע ווייב, דיא געזעצליכע ווייב. וויא אונגליקליך זיא פיהלט זיך דאן! וויא הילפלאז! וויא געבראכען זיא ווערט אין גייסט, אין האפנונג, אין גלויבען! אבער זיא איז שטאלץ, זיא איז א יאפאנעזערין. זיא מאכט זיך הארץ און פערצייהעט איהר אמעריקאנער מאן. זיא וועט איהם געבען דאס קינד אויך, זאגט זיא, אויב ער וועט קומען אין א האלבע שטונדע ארום עס אוועקנעהמען. שארפלעס און מרס. פינקערטאן געהען אוועק אנזאגען דיא פרעהליכע נייעס צו פינקערטאן; און באטערפליי, דיא אונגליקליכע יאפאנעזישע באטערפליי מאכט זיך גרייט צום שטארבען.

א טראגישע סצענע קומט דא פאר צווישען באטערפליי, איהר בייבי און איהר דיענסט. דיא לעצטע וויל איהר בעל הבית'טע ניט איבערלאזען אליין, אבער באטערפליי שטופט איהר ארויס אין אן אנדער צימער; און גראדע ווען באטערפליי האלט ביים ארייישטעכען א קינזשאל זיך אין ברוסט שיקט סוזוקי אריין דאס קינד צו איהר. דערזעהענדיג דאס קינד פאלט ביי איהר דער קינזשאל ארויס פון דיא הענד. זיא פערגיסט א ים טרעהרען אויף דער בייבי'ס שעהן פנים'ל. אבער איהר בעשלוס צו שטארבען ווערט ניט געענדערט. זיא באנדאזשירט דער בייבי'ס אויגען, זינגט א יאפאנעזישע בייבי ליעד, אום דאס קינד צו פערשפיעלען, און דערשטעכט זיך. ווען לייטענאנט פינקערטאן קומט אוועק־נעהמען דאס קינד געפינט ער באטערפליי ליעגען אין א טייך בלוט.

דאס, נאטירליך, איז דיא ענדע. דער לעצטער אקט איז מוזיקאליש ניט אזוי געלונגען וויא דער צווייטער אקט, אבוואהל דיא ענדע איז אזא טראגישע. דער צווייטער אקט, פון אנפאנג

ביז ענדע. איז א מייסטערהאפטע ארבייט. אזוי פיעל איידעלקייט אין דער מוזיק! אזא רעאליזמוס אין דער האנדלונג! מיט דיא זאנפטעסטע, צערטליכסטע מוזיקאלישע טענער וואָס מען קען זיך פאַרשטעלען ווערט אויסגעדריקט דיא טיעפע בענקעניש פון טשאַ־טשאַ־סאַן, דיא זיס־פנים׳דיגע, עהרליך־ליעבענדע, אונגליקליך־פיהלענדע אָבער ניט האָפנונג־פערליערענדע מאדאם באַטערפליי. וויא שעהן, וויא פאַטעטיש, וויא קונסטפאָל איז דיא סצענע בייס צווייטען אקט ווען באַטערפליי שטעלט זיך אוועק מיט איהר קינד און דיענסט צו וואַטשען דיא אַנגעקומענע שיף א גאנצע נאכט! קיינער ווערטער אויף פאפיער קענען אויסדריקען דאָס וואָס דער אויג זעהט און דער אויער הערט דאַן.

דער סוזשעט איז א מעהר געלונגענע זאך וויא דיא אָפערא — דיא דראמא איז א גרעסערער ערפאָלג וויא דיא מוזיק. אָבער ביידע צוזאמענגענומען מאכען א שעהנע, ווערטהפאָלע קונסטווערק, מיט וועלכע יעדער וואָס האָט נור געהאט א האנד אין איהר בעשאפונג קען שטאָלצירען. „מאדאם באַטערפליי“ גיט וויטערע האָפנונג דער וועלט אז פוטשיני וועט נאָך בעסערעס בעשאפען אין דער צוקונפט.

CAVALLERIA RUSTICANA — Mascagni

קאוואלעריא רוסטיקאנא

פון פיעטרא מאסקאני

פערזאנען:

טורידו — טענאר; אלפיא — באריטאן; סאנטוצא — סאפראנא; לאלא — מעצא־סאפראנא; לוציא — קאנטראלטא.

דאס איז ניט קיין צופאל וואס כמעט יעדען מאל ווערען דיא צוויי אפעראס „קאוואלעריא רוסטיקאנא“ און „פאליאטשי“ אויפגעפיהרט צוזאמען, אין איין אבענד. עס איז אויך ניט דעריבער וואס דיא ערשטע הערמאנטע אפערא בעשטעהט פון 1 אקט און די צווייטע פון 2 אקטען, און צוזאמען זיינען זיי 3 אקטען פון אפערא'טישע אמיוזמענט. ניין, עס איז דא אן אנדער אורזאכע. ביידע אפעראס — דיא ערשטע פון פיעטרא מאסקאני, און דיא צווייטע פון רודיערא לעאנ־קאוואלא — זיינען פון איין זארט, פון איין קלאסע, פון איין שולע, פון איין צייט. אבוואהל אין זייערע טהעמאס, אין זייער סושעט, זיינען דיא צוויי אפעראס פערשיעדען, דאך זיינען זיי איינס אין די ארט און ווייזע וויא דיא סושעטען זיינען מוזיקאליש אויסגעארבייט. אין אנדערע ווערטער — איינס אין דעם כאראק־טער פון דער מוזיק.

ביידע אפעראס — אי „קאוואלעריא רוסטיקאנא“ אי „פא־ליאטשי“ — זיינען פאפולער איבער דער גאנצער וועלט. ביידע

זיינען איטאליענישע אפעראס אין פולסטען זינן דאס ווארט, סיי אין דער דראמאטישער האנדלונג און סיי אין דער מוזיק געפינט זיך עטוואס וואס מאכט ביידע אפעראס כאראקטעריסטיש איטאליעניש. דער לעבען וואס ווערט אין דיזע אפעראס געשילדערט דראמאטיש און מוזיקאליש איז ניט קיין געקינצעלטער, ניט קיין אויסגעטראכטער, זאנדערן דער איינפאכער, אפענהערציגער לעבען פון דאס פראסטע פאלק, פון דאס בויערן פאלק. קיין וואונדער ניט וואס „קאוואלעריא רוסטיקאנא" און „פאליאטשי" ווערען גערופען רעאליסטישע אפעראס. זיי זיינען רעאליסטיש— דראמאטיש און מוזיקאליש. דיא מוזיק דריקט אויס דאס וואס דיא דראמאטישע האנדלונג פאדערט. דיא עלעמענטארסטע מענשליכע געפיהלען — געפיהלען פון ליעבע און האס, פון נקמה און אייפערזוכט — ווערען אויסגעדריקט מיט אזא קראפט, מיט אזא קלאהרהייט, מיט אזא אפעלירענדע, מיטרייסענדע, מעלאדישע און צוויבערהאפטע זיסקייט, דאס די נעמען פון מאסקאני און לעאנקאוואלא זיינען בעוואוסט איבער דער גאנצער וועלט דורך דיעזע צוויי אפעראס אליין.

מאסקאני איז געווען דער ערשטער איטאליענישער קאמפאזיטאר וואס איז ארויס מיט רעאליזמוס אין אפערא. ער האט זיך פאר זיין „קאוואלעריא רוסטיקאנא" בענוצט מיט א סקיצע פון דעם לעבען אין סיציליען, געשריעבען פון דעם איטאליענישען רעאליסטישען שרייבער ווערגא, און ארום דעם לעבען פון דיזע מענשען, ביי וועלכע דער סטילעט שפיעלט אזא גרויסע ראלע, האט ער פערפלאכטען א מוזיקאלישעם ווערק פון גרויס אינטערעסע.

דאס מערקווירדיגע פון „קאוואלעריא רוסטיקאנא" איז דיא שנעלקייט און דיא נאטירליכקייט מיט וועלכע דיא גאנצע דראמאטישע האנדלונג ענטוויקעלט זיך. אין 1 אקט ווערט אויסגעדריקט אזוי פיעל! דיא שטארקסטע, ליידענשאפטליכסטע געפיהלען פון מענש, פון דעם איינפאכען, ניט־פערשטעלטען מענש, פון דעם מענש וואס שטעהט אין נאהענטע בעריהרונג מיט דער אויסערליכער נאטור, ווערן אויסגעדריקט אזוי דראמאטיש שטארק, אזוי

מוזיקאליש טיעף, דאס זעהר וועניג מענשען בלייבען גלייכגילטיג ווען זיי זיינען אנוועזענד ביי דער אויפפיהרונג פון דיעזער אפערא.

דער דראמאטישער סוזשעט איז קורץ און איינפאך, וויא פאלגט:

א דארף־יונג מיט'ן נאמען טורידו, דער זוהן פון דער שענקערין לוציא, איז פערליעבט אין א מיידעל מיט'ן נאמען לאלא. ער פאהרט אבער אוועק צום מיליטערישען דיענסט, און וועהרענד זיין אבוועזענהייט האט לאלא חתונה מיט'ן פוהר־מאן אלפיא.

קומענדיג צוריק אין דארף שפיעלט טורידו א ליעבע מיט אן אנדער מיידעל, וועלכע הייסט סאנטוצא. דאס מאכט לאלא'ן אייפערזיכטיג און זיא זוכט איהר געוועזענעם געליעבטען אבצו־ציהען צוריק צו זיך.

אין דעם האט זיא ערפאלג; און סאנטוצא, וועלכע ליעבט טורידו'ן מיט'ן גאנצען פייער פון אן איטאליענישע מיידעל, בעקלאגט זיך פאר לאלא'ס מאן. און מעהר דארף מען ניט! אלפיא בעגעגענט זיך מיט טורידו, און אויפ'ן אמת סיציליאנישען אופן בייסט איהם טורידו אין אויער — א צייכען אז ער רופט איהם ארויס אויף א דועל. טורידו'ן ווערט גלייך נאכדעם ביטער אויפ'ן הארצען. איהם פערדריסט דיא גאנצע געשיכטע. ער האט רחמנות אויף סאנטוצא'ן. אבער ער קען זיך שוין מעהר ניט העלפען. ער געהט צום דועל און ווערט דער'הרג'עט.

דאס איז אלעס! דיא אלטע מעשה פון ליעבע און אייפער־זוכט, וועלכע איז אימער נייע! אבער דיא לעבעדיגקייט, דיא שטארקייט, דיא נאטירליכקייט מיט וועלכען דאס איז געשילדערט, אי דראמאטיש אי מוזיקאליש, איז ניי און פריש אין דער קונסט פון אפערא. מעלאדיש איז דיא אפערא פון אנפאנג ביז ענדע, אבער ניט מעלאדיש גלאט אין דער וועלט אריין, זאנדערן מיט לאגישען צוזאמענהאנג. דיא מעלאדיע פאסט דיא האנדלונג. דיא מעלאדיע איז אן אויסדרוק פאר'ן אויער פון דעם וואס עס קומט פאר פאר'ן אויג.

„קאוואלעריא רוסטיקאנא“, וויא מיר האבען שוין פריהער געזאגט, בעשטעהט פון 1 אקט. איידער דער פארהאנג הויבט זיך אויף, אריינגעפלאכטען אין דעם „פארשפיעל“, הערט זיך דיא שטימע פון טורידו דעם לייכטזיניגען סאלדאט זינגענדיג א סערענאדא צו לאלא'ן. ווען דער פארהאנג הויבט זיך ענדליך אויף זעהט זיך א סקווער, א קירכע אויף איין זייט, א שענק אויפ'ן צווייטען זייט. עס איז דער קריסטליכער פסח. מען געהט אין קירכע. אלע פיהלען זיך יום טוב'דיג. נור סאנטוצא'ס זעעלע איז אונרוהיג. זיא ווייס שוין אז לאלא רויבט ביי איהר אוועק איהר געליעבטען. זיא זוכט איהם. זיא וויל זיך מיט איהם דורכרעדען, און פרעגט ביי זיין מאמען, דיא שענקערין לוציא, וואו ער איז. דיא שענקערין בעט איהר אריינגעהן צו איהר אין הויז, אבער סאנטוצא ענטזאגט זיך אריבערצוטרעטען איהר שוועל; און איידער זיא האט א געלעגענהייט צו דערצעהלען וואס איהר דריקט אויפ'ן הארצען קומט אן אלפיא מיט זיין פוהר און ווערט בעגריסט ווארם פון דיא דארפס־לייטע. אלפיא פערברענגט א צייט ביים שענק און ערשט ווען דיא צערעמאניעס אין קירכע פאנגען אן געהט ער אהיים.

ווען אלע געהן אריין אין קירכע בלייבט לוציא א קורצע צייט מיט סאנטוצא'ן און פרעגט איהר וואס זיא וויל איהר זאגען. דא עפענט סאנטוצא איהר הארץ און זינגט איהר וואונדער־שעהנעם ראמאנס, דערצעהלענדיג וויא טורידו האט איהר פערפיהרט און וויא לאלא האט פון איהר טורידו'ן אבגערעדט. לוציא פיהלט אז אן אומגליק קומט אויף איהר פאמיליע און מיט א צודולטען קאפ לויפט זיא אריין אין קירכע בעטען גאט.

עס קומט אריין טורידו. „דו ביזט גאר דא, סאנטוצא“ זאגט ער. „איך ווארט אויף דיר“, ענטפערט זיא איהם. „ביזט גאר נים אין קירכע?“ פרעגט ער ווייטער. „ניט יעצט“, ענטפערט זיא; „איך האב מיט דיר עפעס צו רעדען“.

טורידו וויל אויסמיידען ריידען מיט איהר יעצט, אבער דאס געלינגט איהם ניט. צווישען ביידע קומט דאן פאר א שרעקליכע

קריעג. איינער בעליידיגט דעם צווייטען. סאנטוצא בעשולדיגט איהם אין שפיעלען א ליעבע מיט לאלא'ן; טורידו בעשולדיגט איהר אין שפיאנירען איהם; און אין מיטען קריעג קומט נאך אן לאלא, פערפוצט וויא א קאקעטקע, און גיסט בוימעל אויפ'ן פייער. זיא מאכט חן'דלאך צו טורידו'ן און בעליידיגט סאנטוצא'ן; און צווישען ביידע פרויען וואלט געווים פארגעקומען א מלחמה אויפ'ן פלאץ ווען טורידו וואלט זיך ניט ארייגעמישט. דעם פוהרמאן'ס ווייב געהט אריין אין קירכע, איבערלאזענדיג טורידו און סאנטוצא אין א העכסט אויפגערעגטען צושטאנד. עס נעהמט נאטירליך ניט לאנג ביז צווישען ביידע ברעכט אויס דאס קריעג נאך שטאר־קער וויא פריהער. טורידו גיט סאנטוצא'ן א שליידער אן דער ערד און פערשווינדט דורכ'ן טהיר פון קירכע.

סאנטוצא בלייבט אליין פאר'ן קירכע און וויינט אויף איהר ביטערען שיקזאל, און עס קומט אן אין יענעם מאמענט לאלא'ס מאן — אלפיא. קען זיא זיך איינהאלטען פון נעהמען ראכע? ניין! זיא דערצעהלט אלעס. זאל זיין וואס עס וועט זיין! און ווען אלפיא דערוויסט זיך פון זיין ווייב'ס טריילאזיגקייט און פון טורידו'ס פאלשקייט, ווערט ער אויפגעקאכט טאקע וויא נור אן איטאליענער קען און שווערט ראכע צו נעהמען פון ביידען. דיא מוזיק גרייכט ביי דעם פונקט דיא העכסטע שטופע פו: ברוטאלען רעאליזמוס. אבער גלייך נאכדעם וויא אלפיא און סאנטוצא פערלאזען דעם סקווער ווערט פון דעם ארקעסטער געשפיעלט דיא בעריהמטע און אלגעמיין־בעליעבטע „א י נ ט ע ר־מ ע צ א", וועלכע ווירקט אויף דיא אויפגערעגטע נערוועז פון דיא צושויער מיט וואונדערבארען צויבער און אידעאליזירט אין דער שעהנסטער מוזיקאליש־פאעטישער פארמע דיא גאנצע פאסירונג.

נאך דער „אינטערמעצא" קומען אלע ארויס פון קירכע. דער עולם שטעלט זיך אב ביי לוציא'ס שענק און מען נעהמט צו גלעז־לאך. טורידו און לאלא זיינען גאנץ לוסטיג. עס קומט אן אלפיא, וועלכער איז פאר א צייט בעפאר געשטאנען פון ווייטען און

נעקוקט. טורידו הערלאַנגט איהם אַ גלאַז וויין, אבער אַלפיאַ ענטפערט איהם בייסענד: „איך קען דיין וויין ניט טרינקען; ווער וויים — פיעלייכט האָסטו סם אריינגעלעגט אין גלאַז!“ אלע פערשטעהען גלייך דיא טיעפע בעליידיגונג. טורידו גיסט אוים דעם גלאַז וויין ביי אַלפיאַ׳ם פים. דיא פרויען נעהמען אוועק לאָלאַ׳ן פון פּלאַץ. דיא מענער צוטהיילען זיך אין גרופּען. אין דער לופט פיהלט זיך, אז דער פריעדליכער יום טוב איז געשטערט.

און אזוי איז עם טאַקע. טורידו בייסט איין אַלפיאַ׳ם אויער און ביידע שטימען איין צו געהן אויף אַ דועל אין עטליכע מינוט ארום. אלע געהן אוועק צום דועל־פּלאַץ, און טורידו בלייבט זיך זעגענען מיט זיין מוטער. דאָס איז דיא לעצטע סצענע פון דיזער מערקווירדיגער אָפּערא — דיא לעצטע אָבער דיא שטאַרקסטע. דיא פידלען פון דעם אָרקעסטער גיבען זיך אַ רים אזוי רייסענד שטאַרק, פּונקט וויא טורידו׳ם שוואַכע הארץ וואָלט זיך פאר זיי געעפענט און זיי, דיא פידלען, וואָלטען אויסגעדריקט זייער רחמנות. „מאַמאַ!“ רופט טורידו צוויי מאָל, און אין דיעזען איינציגען וואָרט איז דאָ אזוי פיעל געזאָגט, אז דיא הארץ פון יעדען איינעם גיט זיך ניט ווילענדיג אַ צאַפּעל. דיא מוטער קומט ארוים. טורידו וויל איהר ניט דערצעהלען וואָס צווישען איהם און לאָלאַ׳ם מאַן איז פאָרגעקומען. ער זאָגט איהר נור אז טרינקענדיג האָט ער אַ ביסעל איבערגעכאַפּט דיא מאָס און ער דארף אוועק געהן. „אָבער בענש מיך, מאַמאַ, וויא אין דעם טאָג ווען איך בין אוועק דיענען“, זאָגט ער. דאַן בעט ער איהר אז זיא זאָל אכטונג געבען אויף סאַנטוצאַ׳ן, וועמען ער איז געוועזן אונגעטריי; און קושענדיג זיין אַלטע מוטער עטליכע מאָל לויפט ער אוועק — צו זיין טויט.

דיא אַלטע שענקערין בלייבט שטעהן אַ צוטומעלטע אויף איהר פּלאַץ, ניט וויסענדיג וואָס מיט איהר זוהן איז געוואָרען. עס לויפט אריין סאַנטוצאַ אין דער העכסטער אויפרעגונג. באַלד נאָך איהר לויפען אריין מענער און פרויען, מאַכענדיג מיט דיא הענד וויא עטוואָס שרעקליכעס וואָלט פּאַסירט. עס דערהערט זיך אַ פרויען־שטימע אויסשרייען: „טורידו איז דער׳הרג׳עט!“

און סאַנטוצאַ פאַלט אויף דער ערד אין חלשות.

דערמיט ענדיגט זיך דיא קורצע טראַגעדיע.

מאַסקאַני האָט בעשאַפען אַנדערע אָפּעראַס, וויא „ל'אַמיקאָ פריטץ“, גוגליעמאָ ראַטקליף“, „סילוואַנאַ“ און „איריס“. אָבער זיי זיינען אַלע מעהר אָדער ווענינער אַ דורכ־פאַל. ווען „קאַוואַלעריאַ רוסטיקאַנאַ“ איז פערטיג געוואָרען איז מאַסקאַני נאָך גאָר ניט געווען בעוואוסט. ער איז דאַן אַלט געווען 27 יאָהר און זיין אָרימקייט איז געווען אזוי גרויס דאָס ער האָט ניט געהאַט מיט וואָס אויסצוצאָהלען פאַר אַ פּיאַנאָ, וועלכע איז אזוי נויטיג צו זיין פּראָפעסיאָן. גליקליכערווייזע האָט ער זיך דאַן בענוצט מיט אַן אָנבאָט פון אַ פרייז וואָס אַ מוזיק־פּובלישינג פירמע האָט געמאַכט צו אונבעקאַנטע קאָמפּאָזיטאָרס, און ער האָט אריינגעשיקט זיין „קאַוואַלעריאַ רוסטיקאַנאַ“, וועלכע האָט געוואונען דעם פּרייז; און אין איין טאָג איז דער אונבעקאַנטער קאָמפּאָזיטאָר געוואָרען בעריהמט און — רייך.

פיעלע מוזיק־קריטיקער זיינען מיט דער מיינונג, אז „קאַוואַ־לעריא רוסטיקאַנאַ“ האָט פון מוזיקאַלישען שטאַנדפּונקט ניט פער־דיענט אזא פּאָפּולאַריטעט וויא זיא האָט אונטער דער מאַסע אין אַלע לענדער. אָבער דיעזע פערגעסען אַ זעהר וויכטיגען פּונקט, נעמליך: דאָס עס איז ניטאָ קיין איינציגע 1 אַקטיגע אָפּערא וואו דיא דראַמאַ און דיא מוזיק זאָלען זיין אזוי קונסטפאָל צוזאַמענ־געבונדען און וואו אזוי פיעל פערשיעדענע מענשליכע געפיהלען זאָלען אזוי שטאַרק אויסגעדריקט ווערען וויא אין מאַסקאַני'ס וואונדערבאַרע „קאַוואַלעריאַ רוסטיקאַנאַ“. איהר האָט דאָרט ליעבע, ליידענשאַפט, קאָקעטסטוואָ, אייפערזוכט, האַס און פערדרוס פאָרגעשטעלט און מוזיקאַליש אויסגעדריקט אזוי דייטליך, אזוי רעאַליסטיש, אזוי אָפען, אזוי איינפאַך, און געוויסערמאַסען אזוי מייסטערהאַפט, דאָס עס איז עד היום אַ רעטעניש וואָרום מאַסקאַני קען ניט בעשאַפען אַן אַנדער אָפּערא וואָס זאָל זיין אזוי גוט.

PAGLIACCI — Leoncovallo

פאליאטשי

פון רודיערא לעאנקאוואלא

פערזאנען:

קאניא — טענאר; טאניא — באריטאן; סילוויא — באריטאן; בעפע — טענאר; נעדא — סאפראנא.

דיא 2 אקטיגע קונסטווערק „פאליאטשי", פון רודיערא לעאנקאוואלא, איז נעבסט צו „קאוואלעריא רוסטיקאנא" פון פיעטרא מאסקאני, דער בעסטער ביישפיעל פון רעאליזמוס אויף דער אפערא ביהנע. פיעלעס וואס איז געזאגט געווארען פון מאסקאני'ס מייסטערוועק גילט אויך פאר לעאנקאוואלא'ס מייסטערווערק. אין „פאליאטשי" איז דער סוזשעט ניט אזוי איינפאך וויא אין „קאוואלעריא רוסטיקאנא", אבער דאך איז אין דער אפערא צו געפינען דיזעלבע קלארהייט, שטארקייט און וואונדערבארע שנעלקייט פון דראמאטישע ענטוויקלונג. אין דיא צוויי אקטען פון „פאליאטשי" קומט פאר זעהר פיעל.

לעאנקאוואלא ווערט איבעראל אנערקענט פאר א גרעסערען טאלאנט וויא מאסקאני. עטליכע פון זיינע אנדערע אפעראס, א חוץ „פאליאטשי", ווערן פון מוזיקאלישע מבינים בעטראכט פאר גרעסערע מייסטערווערקע וויא „קאוואלעריא רוסטיקאנא", אבוואהל אין דער געשיכטליכער ענטוויקלונג פון אפערא רעכענט זיך

לעאָנקאָוואַלאָ פאַר א שילער פון מאַסקאַני. לעאָנקאָוואַלאָ איז אויך א ליטעראַט און ער האָט אַליין פערפאַסט דיא ווערטער פון זיינע אָפּעראַס. ער זאָגט דאָס דיא טראַגעדיע וועלכע ער האָט דראַמאַטיש און מוזיקאַליש געשילדערט אין „פּאַליאַטשי“ איז גענומען פון ווירקליכען לעבען, פון דעם לעבען אין דיא בערג פון קאַלאַבריען. אָבער דיא אידעע פון זיין „פּאַליאַטשי“ איז ניט קיין גאַר נייע אין דער דראַמאַטישער ליטעראַטור.

דער סוזשעט איז וויא פאָלגט:

ערשטער אַקט.

אין א חערפיל אין קאַלאַבריען, אין דער צייט פון א גרויסען יריד, קומט אָן א קליינע טרופע שוישפּיעלער וועלכע בעשטעהט פון דעם בעל הבית קאַניאָ, זיין ווייב נעדאַ, דער פּאַיאַץ טאָניאָ און נאָך איינער מיט׳ן נאָמען בעפּע.

נעדאַ איז אָבער ניט שטאַרק פערליעבט אין איהר מאַן. זיא איז פון אַן איידעלערע נאַטור וויא ער און איהר איז נמאס דער ארומשלעפּען זיך פון דאָרף צו דאָרף. עס איז דאַרום קיין וואונדער ניט וואָס אין דעם דאָרף האָט זיא זיך פערליעבט אין א יונגען פּריץ מיט׳ן נאָמען סילוויאָ.

אין איהר איז אָבער ליידענשאַפטליך פערליעבט דער פּאַיאַץ טאָניאָ. ער איז א העסליכע בריאה, מיט א האָרב; און ווען ער לאָזט וויסען זיינע געפיהלען צו איהר, לאַכט זיא זיך אויס פון איהם. דאָס מאַכט איהם אָבער מעהר ליידענשאַפטליך און ער פערגעסט זיך אַזוי ווייט אַז ער וויל איהר מיט געוואַלד א קוש טהאָן. נעדאַ כאַפּט א בייטש, וועלכע בעפּע האָט איבערגעלאָזען אויף דיא טרעפּ פון טהעאַטער׳ל און דערלאַנגט איהם איבער׳ן געזיכט. מיט שמערץ שפּרינגט ער אָב פון איהר, און וויא א פערוואונדעטע חיה שווערט ער צו נעהמען נקמה ביי דער ערשטער געלעגענהייט.

זיין געלעגענהייט קומט און ער בענוצט זיך מיט איהר מיט דער פולער ביטערקייט פון זיין צוקריפּעלטע נשמה. ער דער־שמעקט פון סילוויאָ׳ס פערהעלטניסע צו נעדאַ׳ן, און פאַר נאַכט,

ווען סילוויא און נעדא שווערען זיך ליעבע איינער דעם אנדערן, ברענגט ער קאניא׳ן אויף חער סצענע.

וואס עס קומט דאן פאר קען מען זיך געוויסערמאסען פאר־שטעלען. איטאליענער פון קאלאבריען האבען ניט קיין געלאסענע נאטורען און קיין מעסערס פעהלט זיי אויך ניט. דער אויפגערעג־טער בעטראגענער קאניא יאגט זיך צוערשט נאך סילוויא׳ן, וועלכער שפרינגט אריבער א פארקאן און אנטלויפט. זעהענדיג אז ער קען איהם ניט כאפען, קעהרט זיך קאניא צוריק און וויל שטעכען זיין אונגעטריישע ווייב. אבער בעפע רייסט פון איהם ארויס דאס מעסער און בעט איין אלעמען אז זיי זאלען אויסמיידען א סקאנדאל, ווייל דיא פארשטעלונג פון אבענד דארף גלייך פאר־קומען און דער עולם קלייבט זיך שוין. אויף דעם אופן מאכט ער אויף דערווייל שלום און דיא קליינע טרופע טעהמט זיך גרייטען פאר דער פארשטעלונג פון דעם אבענד.

צווייטער אקט.

אין א קורצער צייט ווערט גאנץ לעבעדיג ארום טהעאטער, וועלכער געפינט זיך אין א געצעלט אויפ׳ן פעלד. עס קומען אן מענער און פרויען, זיי זעצען זיך אוים אויף בענק און אויף דער ערד. בעפע און נעדא, אנגעטאן אין זייערע אקטיארסקע קליידער געהען ארום צווישען עולם קלייבען געלד. זיא בעגעגענט צווישען דיא אנוועזענהע איהר געליעבטען סילוויא. ענדליך הויבט זיך אויף דער פארהאנג פון דעם טהעאטער׳ל און דיא פארשטעלונג פאנגט אן.

דאס וואס דיא טרופע שפיעלט פאר דעם דארפישען פובליקום איז א קאמעדיע, אין וועלכע עס ווערט געשילדערט וויא א ווייב מיט׳ן נאמען קאלומביין (נעדא) נארט אב איהר מאן פונטשיעלא (קאניא) דערמיט וואס זיא ליעבט זיך מיט איינעם וואס הייסט הארלעקין (בעפע). דער מאן וואלט ניט געוואוסט דערפון ווען זיין דיענער טאדעא (טאניא) וואלט עס איהם ניט דערצעהלט און בעוויזען. אין אנדערע ווערטער, דיא קאמעדיע וואס דיא טרופע שפיעלט פאר דיא פויערן איז אן

אָבשפּיעגלונג פון דעם וואָס עס האָט מיט אַ קורצע צייט בעפאָר פּאַסירט אין דעם ווירקליכען לעבען צווישען דיא מיטגליעדער פון דער טרופּע. עס איז דאַרום קיין וואונדער ניט וואָס שפּיעלענדיג זיין ראָלע אין דער קאָמעדיע פערגעסט דער אויפגערעגטער קאַניאָ אויף וואָס פאַר אַ העלט ער איז, און דער־שטעכט אויף אַן אמת זיין ווייב. סילוויאָ לויפט ארויף אויף דער ביהנע צו רעטען זיין געליעבטע נעדאַ, אבער קאַניאָ פערשטעהט ערשט העד סילוויאָ איז און ער שטעכט איהם אויך. פון קאַניאָ'ס בלוטיגע האַנד פאַלט דאַן ארויס דער מעסער צו דער ערד, און ער זאָגט צו דעם אויף־טויטט־דערשראָקענעם דאָרפישען עולם: „דיא קאָמעדיע איז צו ענדע!“

אַ בלוטיגע קאָמעדיע! דער איינפאַל איז אַ זעהר גוטער פאַר אַ ביהנע פאָרשטעלונג. אַ פאָרשטעלונג אין אַ פאָרשטעלונג— אַ פּיעסע אין אַ פּיעסע! חעם רעאַליזמוס דערפון קען יעדער אליין פאַר זיך פאָרשטעלען. אַקטיאָרען שפּיעלען אויף דער ביהנע דאָס וואָס ביי זיי האָט פּאַסירט אין ווירקליכען לעבען, אָדער פערקעהרט, ביי זיי פּאַסירט אין ווירקליכען לעבען דאָס וואָס זיי שפּיעלען אויף דער ביהנע. וואָס פאַר איראָניע! פון אַ קאָמעדיע ווערט אַ ווירקליכע טראַגעדיע.

און דיא מוזיק דריקט דאָס אַלץ אויס!

אויך אין „פּאַליאַטשי“ איז דאָ אַ מערקווירדיגער „פאָר־שפּיעל“, אין וועלכען עס איז אריינגעפלאָכטען אַן איינדרוקס־פולע אריא פאַר דעם פּאַיאַץ פון דער אָפּערא — טאָניאָ. אבער אנשטאָט צו זינגען הינטער'ן פאָרהאַנג קומט ער ארויס פאַר'ן פאָרהאַנג. אין זיין אריא דערצעהלט ער, אַז ער פערטרעט אַ טרופּע אַקטיאָרען, אַז דאָס וואָס דיא טרופּע שפּיעלט איז געבויט אויפ'ן ווירקליכען לעבען, און אַז דיא טרעהרען פון דיא אַקטיאָרען זיינען אמת'ע ניט קיין פאַלשע. „מיר זיינען מענשען וויא איהר, אין פריידען און ליידען“, זינגט ער: „עס איז דערזעלבער ברייטער הימעל איבער אונז, דיזעלבע איינזאַמע וועלט פאַר אונז.“ און ווען ער ענדיגט זינגען הויבט זיך ערשט אויף דער פאָרהאַנג.

אין דעם ערשטען אַקט איז דאָ פּראַכטפאָלע כאָר־מוזיק ביים אָנפאַנג. נעדאַ האָט אַ זעהר זיסע אַריאַ צו זינגען ווען זיא בלייבט איינע אַליין. צוערשט דריקט זיא אויס איהר שרעק טאָמער האָט איהר מאַן אויסגעפונען אַז זיא האָט אַ געליעבטען. „וויא ווילד ער האָט געקוקט און מיך געהיט,“ זינגט זי, מיינענדיג איהר מאַן. „גאָט! ווען ער זאָל מיך נור פערדעכטיגען, ער מיט זיין ברוטאַלע נאַטור... אבער ס׳מאַכט ניט! כ׳האָב ניט מורא. דאָס זיינען ניט מעהר וויא פּוסטע חלומות.“ און זיא זינגט דאָ; פון דער ליכטיגער, וואַרעמער, שיינענדער זון, פון דער אַרומיגער, לעבעדיגער נאַטור, פון דער זיסער ליעבע און פון דעם לעבענס גענוס. זיא ציהט זיך אויס אויף דיא טרעפּ פון דעם דאָרפישען טהעאַטער און דריקט אויס איהרע געפיהלען אין זיסע, טרילערדע טענער. זיא ווערט אָבער גלייך איבערגעשלאָגען פון טאָניאָ׳ן, מיט וועמען זיא האָט דיא אונאַנגענעהמע סצענע, און נאָכהעם קומט פאַר דיא איינדרוקספאָלע סצענע צווישען איהר און איהר געליבטען סילוויאָ. אָבער דער שטאַרקסטער מאָמענט אין דיעזען אַקט איז ווען דער אויפגערעגטער און אייפערזיכטיגער קאַניאָ, נאָכדעם וויא ער האָט זיך געיאָגט נאָך סילוויאָ׳ן, קעהרט זיך אום צו איהר, זיין נעדאַ, וועלכע ער האָט געליעבט וויא זיין לעבען ביזהער, און מיט אַ קינזשאַל אין האַנד פאָדערט ער ביי איהר דעם נאָמען פון איהר געליעבטען. זיא וויל ניט זאָגען. דאָס מאַכט איהם ווילד מיט אייפערזוכט און פערדרוס. ער וואַרפט זיך מיט׳ן קינזשאַל אויף איהר. און ווען עס וואָלט זיך ניט אַריינגעמישט בעפּע, דער איינציגער מיטגליעד פון דער גרופּע, וואָלט ער איהר נעווים ערמאָרדעט. בעפּע׳ן געלינגט אַריינצושלעפּען נעדאַ׳ן אין דעם טהעאַטער׳ל און קאַניאָ בלייבט אַליין.

אָנגעטהאָן אין דיא רויטע, ווייסע קליידער פון אַ פּאַיאַץ זיצט קאַניאָ פערטיעפט אין זיינע טרויעריגע געדאַנקען, קוים איינהאַלטענדיג דעם כעס אין זיך, און דערנאָך בעקלאָגט ער זיך אויף דעם וואָס אַלס פּאַיאַץ, אַלס איינער וואָס שפּיעלט קאָמעדיע, קען ער גאָר ניט אויסקוקען וויא ער פיהלט. „ביזט ניט קיין מענש,

ביזט נור א פאיאץ", זינגט ער... „מענשען צאהלען זייער געלד און מען מוז זיי מאכען לאכען"... „לאך, פאיאץ! דיא וועלט וועט שרייען בראוואָ"... „פערטרינק דיינע טרעהרען און דיינע שמערצען אין דיין געלעכטער"... „זינג און זיי לוסטיג, שפיעלענ־דיג דיין ראָלע"..

קאניאָ וויינט, דיא מוזיק וויינט, און ביי פיעלע פון דיא צו־הערער ווערען אָפטמאָל דיא אויגען אביסעל פייכט. דיעזע לעצטע אריאַ פון ערשטען אקט איז אימער א זעהר אינטערעסאנטער מאָמענט ביי דער אויפפיהרונג פון „פאַליאַטשי". דיא מוזיק איז אזוי רעאַליסטיש ברוטאַל, אזוי הערצרייסענד טיעף, דאָס ביים ענדע רייסט זיך ביי דיא צוהערערס אימער ארויס א געוואלדיגער שטורם פון אפּלאָדיסמענטען און געשרייען פון „ביס!" „ביס!" און „בראַוואָ!"

דיא מוזיק אין דעם צווייטען אקט איז פיקאנט, רייך אין קאָליר און מעלאָדיע, און זעהר קונסטפאָל אויסגעאַרבייט. ווען קאניאָ אין דער קאָמעדיע ראָלע פון פונטשינעלאָ פערגעסט אויפ'ן פובליקום און גיט נאָך זיינע נאַטירליכע געפיהלען, ווען ער נעהמט פאָדערן גאַנץ ערנסט פון זיין נעדאַ'ן דעם נאָמען פון איהר געליעבטען, מיינען די פויערן אז דאָס דארף אזוי זיין אין דער קאָמעדיע. נעדאַ וויל אָבער איהר מאַן דערמאָנען אז ער איז איצט אויף דער ביהנע און זיא מאכט זיך לוסטיג אזוי וויא קיין זאַך וואָלט ניט געווען אויסערגעוועהנליך. איהר גלייכגילטיגקייט, איהר לוסטיגקייט, איהר קאָקעטסטוואָ רעגט אָבער אלץ מעהר און מעהר אויף קאניאָ'ן, און ווען דיא פויערן פערשטעהען אז עטוואָס ווירקליך טראַגיש און ניט קאָמיש קומט פאָר איז שוין צו שפעט. נעדאַ'ס קערפּער און גלייך נאָך איהר סילוויאָ'ס קערפּער קייקעלט זיך ארונטער פון דיא טרעפּ פון דער ביהנע, און דער צומישטער, וואהנ־זיניגער קאניאָ שרייט צוטומעלט: „דיא קאָמעדיע איז צו ענדע!"

לעאָנקאוואלאָ האָט אויך געשריעבען אנדערע אָפּעראָס: „קאטערינע דע מעדיטשי", „סאוואָנאראָלאָ", „צעזארע באָרדזשיאַ", „ראָלאנד פון בערלין",

„לא באהעם“ און „זאזא“ — דיא לעצטע צוויי זייענדיג מעהר אדער וועניגער אן ערפאלג פון מוזיקאלישען שטאנדפונקט. אבער דורך דעם וואס פוטשיני'ס „לא באהעם“ איז א גרויסער ערפאלג מוז לעאנקאוואלא'ס „לא באהעם“ פערבלייבען אין הינטערגרונד; און דערווייל מוז זיך „„פאליאטשי“ רעכענען פאר לעאנקאוואלא'ס גרעסטע קונסטווערק.

לעאנקאוואלא איז אלט געווען 32 יאהר, ווען ער האט „פאליאטשי“ פערטיג געמאכט. ער האט דיא אפערא אויך אריינגעשיקט צו דער זעלבער מוזיק פובלישינג פירמע צו וועלכער מאסקאני האט געשיקט זיין „קאוואלעריא רוסטיקאנא“, מיט דער האפנונג צו קריגען דעם פרייז. לעאנקאוואלא האט אבער דעם פרייז ניט געקענט קריגען איבער דעם אליין וואס זיין אפערא איז בעשטאנען פון 2 אקטען און האט דארום ניט אויסגעהאלטען דיא בעדינגונגען פון דעם פרייז־אנבאט. דיא פירמע האט איינגעזעהן אז זיין אפערא איז א קונסטווערק און זיא האט עס פון איהם אבגעקויפט און אויפגעפיהרט מיט גרוים ערפאלג. יעצט ווערען געוועהנליך דיא צוויי אפעראס, „פאליאטשי“ און „קאוואלעריא רוסטיקאנא“, אויפגעפיהרט צוזאמען, אוןביידע זיינען גלייך בעליעבט, ביידע ווערען איבעראל אויפגענומען מיט דיא זעלבע ווארימקייט און ענטהוזיאזמוס.

LUCIA DI LAMMERMOOR — Donizetti

לוציא די לאמערמור

פון גאעטאנא דאניצעטי

פערזאנען:

עדגאר — טענאר; הענרי — באריטאן; ריימאנד — באס; ארטהור — טענאר; נארמאן — טענאר; לוציא — סאפראנא; — עליס — סאפראנא.

איינע פון דיא פיעלע איטאליענישע אפעראס וועלכע זיינען שוין מעהר וויא א האלבער יאהרהונדערט אלט, אבער וועלכע ווערען נאך רעגעלמעסיג אויפ־געפיהרט יעדען סיזאן אין דיא הויפט אפערא־הייזער פון דער וועלט, איז „לוציא די לאמערמור“, פון גאעטאנא דאניצעטי.

דיעזע אפערא איז ספעציעל בערידהמט צווישען מוזיק־ליעבענדען עולם איבער איין סצענע וואס קומט פאר אין דריטען אקט, דיא סצענע אין וועלכער לוציא איז משוגע. אבער אין אלגעמיין איז דיעזע אפערא ניט אזא וואס קען בעזאנדערס אפעלירען צו יענע וואס זיינען ערצויגען געווארען אויף דיא בעסערע קונסטווערקע פון ראסיני, ווערדי און זאגאר פוטשיני.

דאניצעטי איז געבארען געווארען אין בערגאמא, איטאליען, אין 1797, און זיין „לוציא די לאמערמור“ האט ער בעשאפען אין 1835. עס איז אלזא שוין באלד דריי־פערטיל יאהרהונדערט זייט דיעזע אפערא האלט זיך אויף דער וועלט־ביהנע, און דאס נאטיר־ליך בעווייזט אז זיא האט אין זיך עטוואס מעהר וויא דיא הער־

מאהנטע סצענע. וואס איז עס? וואס מאכט דיזע אפערא אזוי פאפולער אין א צייט ווען עס זיינען דא אזעלכע אפעראס וויא „א א י ד א", „ט א נ ה י י ז ע ר", „ק א ר מ ע ן" און „ל א ב א ה ע ם"?

דער ענטפער אויף דעם איז א גאנץ אייגפאכער: דיא אפערא „לוציא די לאמערמור" איז פול מיט יענער פליסענדער מעלאדיע וועלכע האט בערימט געמאכט א גאנצע רייהע מיט איטאליענישע קאמפאזיטארס. דאניצעטי האט נאכגעטאנצט צוויי פון איטאליען'ס בעריהמטע מעלאדיסטען פון יענער צייט — ר א ס י נ י און ב ע ל י נ י. מען קען ניט זאגען אז ער האט זיך אזוי אויסגעצייכענט וויא זיי, ספעציעל וויא ראסיני; אבער אז ער איז געווען א געטרייער שילער פוןביידען, אין דעם איז קיין צווייפעל ניט. אין אלע פון זיינע אפעראס האט ער געזוכט ארויסצוברענגען מעלאדישע עפעקטען, און דאס איז איהם אויך גאנץ אפט געלונגען. דער ארקעסטער האט ביי איהם געוועהנליך א קליינע ראלע געשפיעלט; נור פאר „צובאמקען" פלעגט ער דיא אינסטרומענטען בענוצען. „ער פלעגט דעם ארקעסטער בעהאנדלען וויא א גרויסען גיטאר", זאגט א בעוואוסטער שרייבער. פון דעסטוועגען האט ער מעהר וויא איין מאל בעוויזען דאס ער בעזיצט דעם נויטיגען מוזיקאלישען טעמפעראמענט אויסצודריקען זיך שארף און ליידענשאפטליך אין זיינע אפעראס, פון וועלכע ער האט איבערגעלאזען א זעכציג אין צאהל.

איינע פון די הויפט פעהלערן פון דאניצעטי'ס אפעראס איז דאס וואס זייערע סוזשעטען זיינען צו מעלאדראמאטישע, אזעלכע וואס קענען ניט מעהר אפעלירען צום היינטיגען הויך־ענטוויקעלטען דראמאטישען געשמאק פון עולם. דער זעלבער פעהלער איז צו געפינען אין דיא מיינסטע איטאליענישע אפעראס פון יענער צייט. דאס איז פיעללייכט ניט דיא שולד פון דיא קאמפאזיטארס, וויל אין יענער צייט איז דיא ריינע דראמא ניט געווען אזוי הויך ענטוויקעלט וויא יעצט. אבער דער פאקט בלייבט אז פאר דיא יעצטיגע דורות איז גאנץ שווער צו פערדייען דיא „ניט־געשטויגענע,

ניט־געפלוינגענע" דראמאטישע האנדלונגען אויף דער ביהנע, אפילו ווען אין א שעהנער מוזיקאלישער ראהם.

דער סוזשעט פון „לוציא די לאמערמור" איז גענומען פון סער וואלטער סקאט'ס א ראמאן מיט'ן נאמען: „דהי בראיד אוו לאמערמור" („די כלה פון לאמערמור") און איז וויא פאלגט:

לארד הענרי עשטאן, פון לאמערמור, און סער עדגאר, פון ריווענסוואוד, זיינען שכנים; אבער דיא צוויי פאמיליען זיינען טויטליכע שונאים איינער דעם אנדערן זייט פיעלע יאהרען לאנג. איינמאל איז לוציא, דיא שוועסטער פון לארד הענרי, געגאנגען שפאציערען איינע אליין אין פארק ווען זיא איז בעפאלען געווארען פון א ווילדען אקס. זיא וואלט זיכער צוטראטען געווארען אונטער דיא פיס, אויב ניט צולעבערט געווארען פון דיא הערנער, פון דער בלוטדורשטיגער חיה, ווען סער עדגאר וואלט עס ניט צוגעזעהן און מיט א קויל פון זיין ביקס דעם ווילדען אקס דער'הרג'עט. זייט דאן האט זיך צווישען דעם רעטער און דיא געראטעטע ענטוויקעלט א פלאמענדע ליעבע, אין געהיים נאטירליך — א ליעבע וועלכע האט געפיהרט צו שרעקליכע רעזולטאטען.

ערשטער אקט

ווען דער פארהאנג הויבט זיך אויף פאר'ן ערשטען אקט זעהט זיך א האל אין לארד הענרי'ס שלאס. הענרי, וועלכער ווייס ניט פון דער ליעבע צווישען זיין שוועסטער און עדגאר, קומט אריין פערטראכט און מרה־שחורה'דיג. זיינע פריינד, דער גייסטליכער ריימאנד און נארמאן, פרעגען איהם וואָרום ער איז אזוי טרויעריג און ער ענטפערט דאס ער קען ניט פערשטעהען וואָרום זיין שוועסטער לוציא וויל ניט וויסען פון דעם שידוך וועלכען ער רעדט איהר. ער וויל זיא זאל הייראטהען א געוויסען לארד ארטהור באקלאו, א זעהר רייכער מאן, דורך וועלכען ער, הענרי אליין, קען פיעל געהאלפען ווערען פינאנציעל און פאליטיש; אבער לוציא וויל איהר ברודער ניט נאכגעבען. נארמאן, וועלכער

וויים עטוואָס פון לוציא׳ס ליעבע בענוצט זיך יעצט מיט דער געלעגענהייט צו דערצעהלען איהם וועגען דעם.

צוערשט גלויבט הענרי ניט, אבער ווען ער איבערצייגט זיך אז עס איז אזוי, שווערט ער צו טהאָן צוויי זאכען: צו צווינגען זיין שוועסטער צו הייראַטהען לאָרד באָקלאָו און צו טויטען זיין שונא סער עדגאַר.

(פערהאַנדלונג.)

דיא סצענע וואַנדעלט זיך אום אין א פּאַרק, וואו מיר זעהן ארומשפּאַציערען לוציא מיט איהר בעגלייטערין על י ס. עס איז קלאָהר אז לוציא איז אונרוהיג, אז זיא ערוואַרטעט אימיצען, איהר געליעבטען עדגאַר, פערשטעהט זיך! איהר בעגלייטערין וויים פון לוציא׳ס געהיימער ליעבע, און ווען עדגאַר בעווייזט זיך ענדליך האָט זיא שכל צו פערשווינדען.

עדגאַר דערצעהלט לוציא׳ן דאָס מאָרגען אין דער פריה מוז ער פערלאָזען זיין היים און לאַנד און אוועקפאָהרען נאָך פראַנקרייך וועגען א פּאָליטישער מיסיאָן. „שאָטלאַנד נויטיגט זיך אין מיין דיענסט", זאָגט ער איהר. פאַר לוציא׳ן איז דיא נייעס נאַטירליך ניט קיין פרעהליכע. אָבער זיא קען זיך ניט העלפען און דיא געליעבטע גיסען אוים זייערע געפיהלען אין א רועט פון שטאַרקע ליידענשאַפט און זיסקייט, שווערענדיג עוויגע ליעבע און טריייהייט איינער צום אנדערן.

צווייטער אקט.

ביים אָנפאַנג פון צווייטען אקט זעהען מיר א צימער אין לאָרד הענרי׳ס שלאָס. נאָרמאַן קומט אריין און זאָגט הענרי׳ן דאָס זיין שוועסטער לוציא וועט באַלד אריינקומען. הענרי בעמערקט אז ער האָט מורא צו בעגעגענען זיך מיט זיין שוועסטער. זיא איז אַן איינגעשפּאַרטע און וויל איהר געליעבטען ניט פערגעסען; און ווען זיא זאָל זיך נאָך יעצט אויך ענטזאָגען פון דעם שדוך, דאַן וועט זיין א שאַנדע און א סקאַנדאַל. אלע געסט זיינען שוין פערזאַמעלט. אלעס וואָס פעהלט נור איז דער חתן, לאָרד ארטהור באָקלאָו. ער קען אָבער יעצט אָנקומען יעדען מאָמענט

אויף דעם ענטפערט נארמאן אז עס איז ניט אזוי געפעהרליך. עס איז שוין א לאנגע צייט זייט עדגאר איז אבוועזענד, און אזוי וויא זיינע בריעף צו איהר זיינען איבערגענומען געווארען און זיא האט קיינע בריעף פון איהם ניט נעקראגען אזא לאנגע צייט, איז איהר שוין געווים נמאס געווארען בייגקען נאך איהם. א חוץ דעם איז דאך דא דער געפעלשטער בריעף, אין וועלכען עס ווערט בעוויעזען עדגאר'ס אונטריהייט. עס איז דארום קיין צווייפעל ניט אז יעצט וועט זיין לייכט צו ווירקען אויף לוציא'ן דאס זיא זאל הייראטהען מיט סער ארטהור באקלאו.

עס קומט אריין לוציא און נארמאן לאזט איהר איבער מיט הענרי'ן. דער ברודער שפיעלט זיין לעצטע קארט: ער בעווייזט איהר דעם בריעף וואס ער האט געלאזען פעלשען. לוציא פערליערט זיך אין גאנצען ווען זיא לעזט איבער דעם בריעף און לאזט זיך בעאיינפלוסען פון איהר ברודער. זיא געהט צו דער חופה, אבער מעהר מיט געוואלד וויא מיט איהר אייגענעם ווילען. אפילו דער גייסטליכער רייםאנד, וועלכער איז איהרער א פערטרויטער פריינד און האט אין געהיים מיט א וואכען פינף בעפאר געשיקט א בריעף פון איהר צו עדגאר'ן נאך פראנקרייך, אפילו ער ראטה איהר נאכ־צוגעבען איהר ברודער. קיין ענטפער פון עדגאר'ן איז ניט אנ־געקומען, און עס ווייזט אוים אז ער האט איהר פערגעסען און פער־לאזען.

(פערוואנדלונג.)

דער באל־רום פון לארד הענרי'ס שלאס ווייזט זיך. דיא חתונה קומט פאר. דער חתן, לארד ארטהור, איז שוין אנגעקומען. דיא כלה ווערט אריינגעפיהרט. איהרע אויגען זיינען פול מיט טרעהרען און עס איז מיט א שווערע הארץ דאס זיא אונטער־שרייבט זיך ענדליך אויף דער כתובה. אבער גראדע דאן קומט אן סער עדגאר. ער האט זיך צוריקגעקעהרט פון פראנקרייך מיט'ן צוועק צו פאדערען דיא האנד פון לוציא, אבער ער איז אנגעקומען צו שפעט. אויף דער חתונה ווערט א סקאנדאל. לארד הענרי הייסט זיין שונא ארוים פון הויז און זידעלט איהם שטארק אן.

סער עדגאר פערשוויינט איהם ניט. ביידע ציהען ארויס דיא שווערדען, און עס וואלט זיכער געקומען צו א בלוט־פערגיסונג ווען עס וואלט זיך נישט אריינגעמישט דער גייסטליכער פון דער עשטאן פאמיליע. סער עדגאר פערלאזט דעם פלאץ, אבער ערשט נאכדעם וויא ער פערפלוכט דיא גאנצע הויז פון לאמערמור.

דריטער אקט.

יעצט ווייזט זיך שוין א צימער אין דעם טהויער פון סער עדגאר׳ס שלאס. עס איז דיזעלבע נאכט פון לוציא׳ס חתונה. עדגאר האט זיך ערשט צוריק געקעהרט א היים נאך דעם סקאנדאל ביי זיין געוועזענער געליעבטער און זיצט פערטיעפט אין זיינע טרויעריגע געדאנקען. ער קלאגט אויף זיין שיקזאל און ווערט פלוצלונג איבערראשט דורך דעם אריינקומען פון זיין ביטערסטען שונא, לוציא׳ס ברודער — הענרי.

פערשטעהט זיך, צווישען הענרי און עדגאר קומט ניט פאר קיין ליעבע־סצענע. דער האס וואס איז געלעגען פערבארגען אין זייערע הערצער יאהרען לאנג ברעכט יעצט ארויס אונבעהערשט; און דיא ביטערע בעגעגעניש אין דיזער נאכט ענדיגט זיך מיט דעם וואס ביידע שטימען איין צו טרעפען זיך אויף א לעבען און טויט קאמפף מארגען אין דער פריה.

(פערוואנדלונג)

א צימער אין הענרי׳ס פאלאץ. הענרי קומט צוריק פון עדגאר׳ן און טרעפט ביי זיך א נאך שרעקליכערע סצענע וויא ער האט ערשט אליין דורכגעלעבט. זיין שוועסטער לוציא איז וואהנזיניג. זיא האט איהר מאן, לארד ארטהור באקלאו, דערשטאכען, וועהרענד ער האט זיך מיט איהר געפונען אין שלאף־צימער.

אלע געסט און הויז־מענשען זיינען אין דער העכסטער אויפרעגונג. הענרי רייסט זיך די האאר פון קאפ אויס געוויסענביסע און פערצווייפלונג. ער קען ניט צוזעהן וויא זיין שוועסטער געהט ארום א וואהנזיניגע און ער אנטלויפט וואוהין דיא אויגען טראגען איהם. זיין וואהנזיניגע שוועסטער שטארבט פארטאג.

(פּערוואַנדלונג.)

עס איז טאָג. עדגאַר, וועלכער ווייס ניט פון דער טראַגעדיע ביי זיין שונא אין הויז, קומט אין דעם קירכען־הויף פון ריווענס־וואוד צו ערווארטען אויפ'ן דועל לאָרד העגרי און איז גרייט צו שטאַרבען אין דעם קאַמפף מיט איהם. אבער אנשטאַט העגרי נעהען פאַרביי אין טיעפען טרויער דיא געסט פון העגרי'ס פּאַלאַץ, וועלכע זאָגען איהם אָן פון דער שוידערליכער פּאַסירונג. וועהרענד זיי רעדען דערהערט זיך דער קלינגען פון גלאָק, אַ צייכען דאָס לוציאַ איז שוין געשטאָרבען. דערהערענדיג דאָס דערשטעכט זיך עדגאַר און פאַלט טוידט צווישען דיא קברים פון זיינע עלטערן און אור־עלטערן.

און אזוי וויא עס שטאַרבען אויס און פערשווינדען אלע הויפּט־פיגורען פון דער דראַמאַטישער האנדלונג ענדיגט זיך דאָ נאַטירליך דיא אָפּערא.

דיא הויפּט־ארבייט אין דיעזער אָפּערא האָט, פערשטעהט זיך, דיא סאָפּראַנאָ זינגערין וועלכע טרעט אויף אין דער טיטעל־ראָלע. לוציאַ'ס זינגען אין דער סצענע ווען זיא איז משוגע, נאָכ־חעם וויא זיא טויטעט דעם ערשט־געהייראַטהען מאַן איהרען, איז ווירקליך אַן אויסערגעוועהנליך־פּאַרטרעפליכער מאָמענט אין דער אָפּערא. דיא אריאַ, וועלכע איז פול מיט טרעלען פון אָנפאַנג ביז ענדע, ווערט אַקאָמפּאַנירט פון דעם פליוט, און צייטענווייז קומט אויס וויא דיא שטימע און דער אינסטרומענט וואָלטען קאָנקורירט איינער מיט'ן צווייטען. עס איז אַן אריאַ פון גראַציעזע זיסקייט און וואונדערבאַרע שעהנהייט. ווייטער האָט פיעל צו זינגען אין דיעזער אָפּערא דער הויפּט־טענאָר, וועלכער שפּיעלט אלס סער עדגאַר. אין לעצטען אקט ספּעציעל האָט ער אריאַס אין וועלכע ער גיסט אויס זיינע פערוואונדעטע און בעליידיגטע געפיהלען. אין דעם צווייטען אקט, ביי דער חתונה־סצענע, איז דאָ אַ סעקסטעט וואָס האָט אַ גרויסען מוזיקאַלישען ווערטה. ווייטער איז אין דיזער אָפּערא ניטאָ קיין בעזאָנדערס שטאַרקע מאָמענטען.

אזאַ אָפּערא וויא „לוציאַ די לאַמערמור“ וועט זיין פּאָפּולער

זאָלאַנג מענשען וועלען זיין פעראליעבט אין קאָלאָראַטור־סאָפּראַנאָ שטימען. אבער, ס׳דוכט זיך, אַז קיין ווייטע צוקונפט איז פאַר אַזעלכע אָפּעראַס ניטאָ. „לוציאַ די לאַמערמור“ בעלאַנגט מעהר צו דער פערגאַנגענהייט וויא צו דער צוקונפט.

דאָניצעטי איז געוועזן אַ פליסיגער קאָמפּאָזיטאָר. ער האָט געקענט פערפאַסען אַן אָפּערא אין אַ פיעל קירצערער צייט וויא עס האָט גענומען אַנדערע קאָמפּאָזיטאָרס צו פערפאַסען נור איין אַקט, אָדער דיא אָוערטיורע אליין. דער פאַקט, דאַס ער האָט בעשאַפען אַ זעכציג אָפּעראַס צווישען 1818, ווען זיין ערשטע אָפּערא איז פערטיג געוואָרען, און 1848, ווען ער איז געשטאָרבען, בעווייזט דאַס. „לוציאַ די לאַמערמור“ איז פערטיג געוואָרען אין זעקס וואָכען צייט. דער לעצטער אַקט פון זיין בעריהמטער אָפּערא „לאַ פאַוואָריטאַ“, וועלכע ווערט בעטראַכט פאַר זיין מייסטערווערק, איז בעשאַפען געוואָרען אין וועניגער וויא פיער שטונדען צייט. אַ חוץ „לוציאַ די לאַמערמור“ און „לאַ פאַוואָריטאַ“ זיינען דאָ נאָך צוויי אָפּעראַס וועלכע זיינען פּאָפּולער עד היום. דיעזע זיינען „לאַ פיל די רעזשימאַן“ („די טאָכטער פון רעגימענט“) און „דאָן פּאַסקאַל“.

I PURITANI — Bellini

פיוריטאני

פון ווינדזשענזאָ בעליני

פערזאָנען:

לאָרד ארטהור — טענאָר; סער ריטשאַרד — באַריטאָן; סער דזשאָרדזש — באָס; לאָרד וואָלטער — באָס; סער ברונאָ — טענאָר; עלווירא — סאָפּראַנאָ; הענריעטאָ — סאָפּראַנאָ.

צווישען דיא גרויסע מייסטערס וואָס האָבען געוועלטיגט אין איטאַליען אויף דעם פעלד פון מוזיק אין דער ערשטער העלפט פון נייגצענטען יאהר־הונדערט מוז אריינגערעכענט ווערען ווינדזשענדזאָ בעליני. ער איז נאָך גוט בעקאַנט צו דיא יעצטיגע דורות אויך, און צוואָר דורך זיינע אָפּעראַס „סאָמנאַבולא“, „נאָרמא“ און „פּיוריטאַני“. דיא לעצטע דערמאָהנטע אָפּערא האָט ער געשריעבען א יאָהר פאר זיין טוידט, אין 1834.

אין אַלגעמיין גערעדט בעלאָנגט בעליני צו דער גרופּע איטאַליענישע קאָמפּאָזיטאָרס וועלכע האָט געלעגט דעם גרעסטען געוויכט אויף איינפאַכע מעלאָדיע, ניט אַכטענדיג פיעל אויף דער דראַמאַטישער ענטוויקלונג. צו דיעזער גרופּע האָבען בעלאַנגט דיא קאָמפּאָזיטאָרס מערקאַדאַנטע און דאָניצעטי. אבער אין זיין לעצטער אָפּערא האָט בעליני געוויזען דאָס ער שטעהט ניט אויף איין אָרט און דאָס ער איז ניט געבונדען פון טראַדיציאָ־

נען. אין „פיוריטאַני“ קען מען שוין דערקענען דעם איינפלוס פון דער פראַנצויזישער שולע, וועלכע איז געוויסערמאַסען אַן אויס־בעסערונג איבער דער איינפאַכער פאָרמע פון איטאַליענישע אָפּערא. בעליני האָט געלעבט ניט מעהר וויא 33 יאהר, און אין דיזער קורצער צייט האָט ער זיך געמאַכט זעהר בעריהמט.

דיא אָפּערא „פיוריטאַני“ האָט בעליני פערפאַסט אין פאַריז. דער סוזשעט איז גענומען געוואָרען פון יענער שטורמישער פעריאָדע אין דער געשיכטע פון ענגלאַנד, ווען עס איז אָנגעפיהרט געוואָרען דער ביטערער, בלוטיגער קאַמפּף צווישען דעם פּאַרלאַמענט און דעם קעניג טשאַרלס דער ערשטער, ענדיגענדיג זיך מיט דעם קעניג'ס היגריכטונג. דיא פּיוריטאַנער, וועלכע זיינען געווען רעפאָרמער אין יענער צייט, האָבען געפיהרט דיא רעדעל, און אין דעם הויף פון איינע פון דיא הויפּט־פיהרער פון דיא פּיוריטאַ־נער קומט פאָר דיא גאַנצע האַנדלונג פון דער אָפּערא, וועלכע איז וויא פאָלגט:

ערשטער אַקט

ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף פאַר'ן ערשטען אַקט זעהט זיך א פעסטונג, מיט בריקען וועלכע הויבען זיך אויף און לאָזען זיך אַרונטער, מיט טהויערן און אַנדערע נויטיגע זאַכען אין אזא פּלאַץ און אין אזא צייט. סאָלדאַטען שטעהען אויף דער וואַכע. סער ריטשאַרד, וועלכער איז א פּיוריטאַנער אָפיציער, קומט אַריין און בעקלאָגט זיך פאַר זיין קאָלעגע סער ברונאָ וויא עס געהט איהם ניט אין ליעבע. לאָרד וואַלטער האָט איהם צוגעזאָגט דיא האַנד פון זיין טאָכטער עלווירא, דערצעהלט ער, און קומענדיג צו איהר געפינט ער גאָר אויס, אז זיא ליעבט שטערבליך דעם קאַוואַליער לאָרד אַרטהור, וועלכער בעלאַנגט צו דער אַרמעע פון דעם קעניג. איהר פאָטער זאָגט אז ער האָט געמיינט גוט, אָבער אז זיין טאָכטער וויל ניט קען ער גאָרניט העלפען. סער ריטשאַרד איז שטאַרק בעזאָרגט וועגען דעם, און דיא טרויסטענדע ווערטער פון זיין פריינד ברונאָ ווירקען אויף איהם וועניג. ער געהט אָפּ זעהר פערטרויערט.

שפעטער קומט עלווירא געארעמט מיט איהר אנקעל **סער רזשארדש**, וועלכער זאגט איהר אן א פרעהליכע בשורה. ער האט אויסגעפיהרט ביי איהר פאטער, דערצעהלט ער, דאס זיא זאל הייראטהען מיט איהר געליעבטען לארד ארטהור און נאך היינט וועט ער, ארטהור, אריינגעלאזען ווערען אין לאגער צו דער האכ־ציים. עס נעהמט ניט לאנג ביז עס הערען זיך סיגנאלען פון דעם פיינדליכען לאגער, און דיא סאלדאטען אויף דער וואכע מעלדען דאס לארד ארטהור קומט.

(פערוואנדלונג)

דיא סצענע ווערט פערוואנדעלט אין א האל, אין וועלכען עס קומען אריין דער חתן לארד ארטהור, דיא כלה עלווירא, איהר פאטער לארד וואלטער, איהר אנקעל סער רזשארדזש און סער ברונא, בעגלייטעט פון געסט און סאלדאטען. צווישען דיא אנ־וועזענדע געפינט זיך אויך **הענריעטא**, דיא אלמנה פון דעם אונגליקליכען קעניג טשארלס דער ערשטער. ווער זיא איז אין דער ווירקליכקייט ווייס קיינער ניט פון דיא אנוועזענדע. מען האט איהר דארט אין פעסטונג געהאלטען א געפאנגענע, אונטער דעם איינדרוק האט זיא שטעהט אין נאהענטע פערבינדונג מיט דער פערפאלגטער קעניגליכער פאמיליע.

עלווירא'ס חתן בעמערקט דיעזע אריסטאקראטישע פרוי, וועלכע האט פון איהם איהרע אויגען ניט ארונטער געלאזען. זיא ווייס אז ער איז א קאוואליער, אן אנהענגער פון דעם קעניגליכען צד, אבוואהל ער געהט הייראטהען מיט א טאכטער פון א פיורי־טאנער; און ביי דער ערשטער געלעגענהייט ווען ייי בלייבען אונטער פיער אויגען דערצעהלט זיא איהם ווער זיא איז. „מיין ענדע איז נאהענט", זאגט זיא; „מען וועט מיך באלד היגריכטען."

דערהערענדיג דאס פלאקערט זיך פונאנדער ביי לארד ארטהור דיא ליעבע צו זיין צד, און ער זאגט איהר דאס ער וועט איהר פון דער פעסטונג ארויסנעהמען. זייער געשפרעך ווערט אונטער־בראכען פון עלווירא'ן, וועלכע קומט אריין אין דיא קליידער פון א כלה, מיט א לאנגען שלייער אויפ'ן ארם. זיא איז לוסטיג און

גליקליך. זיא לויפט צו צו הענריעטא'ן (ניט וויסענדיג אז זיא איז דיא קעניגין) און טהוט איהר אָן דעם שלייער, צו זעהן וויא עס פּאַסט אויף איהר. דאַ פאלט איין דעם חתן א געדאַנק אין קאָפּ. מיט דיעזען שלייער אויף הענריעטא'ס קאָפּ וועט דיא וואַך מיינען אז זיא איז דיא כלה עלווירא, און אויף דעם אופן וועט ער איהר קענען ארויספיהרען פון דער פעסטונג. ווען ער בלייבט ווידער אליין מיט איהר זאָגט ער איהר וועגען דעם און זיא שטימט איין צו ריזיקירען. אָבער גראַדע ווען זיי האלטען אין אַנטלויפען קומט אריין סער ריטשארד. מיינענדיג אז לאָרד ארטהור וויל דאָס אַנטלויפען פון דער פעסטונג מיט עלווירא'ן, וועלכע ער ליעבט אזוי שטארק, רופט ער ארויס זיין געגנער אויף א דועל. ביידע ציהען ארויס דיא שווערדען, אבער הענריעטא מישט זיך דאַ אריין, און אין אויפרעגונג פאלט פון איהר ארונטער דער שלייער. זעהענדיג אז דיא פרויענצימער איז נאַר דיא געפאַנגענע אריסטאָקראַטין און ניט עלווירא, הייסט ער זיי לויפען. „איך וועל אייך ניט פערהאלטען", זאָגט ער, צו דער גרויסער איבער־ראשונג פון לאָרד ארטהור און הענריעטא.

א ווײַלע שפּעטער קומען אריין אַלע צו דער האָכצייט, אבער גרויס איז דער געדודער און שטארק איז דיא ענטוישונג ווען מען רערוויסט זיך דאָס דער חתן איז אַנטלאָפען צוזאַמען מיט דער געפאַנגענער דאַמע. אין פעסטונג ווערט געקלאַפּט טרעוואָגע, מען שיסט, מען שיקט רייטערס נאָכצויאָגען דיא אַנטלאָפענע, און דיא כלה ווערט געריהרט פון זינען.

צווייטער אַקט.

אין צווייטען אקט ווערט פאָרגעשטעלט א גרויסער צימער אין דעם הויף פון לאָרד וואַלטער. אַלע וואָס זיינען אויף דער סצענע בעקלאָגען שטארק דעם צושטאַנד פון דער אונגליקליכער עלווירא, וועלכע איז וואַהנזיניג. דאָקטוירים גיבען האָפנונג: זיא קען געזונד ווערען ביי א פּלוצליכען פרייד. איהר אָנקעל סער דזשאָרדזש נעהמט ארום מיט א צובראָכענער הארץ און איהר פּערעהרער סער ריטשארד זאָגט אָן דיא סאָלדאַטען אז לאָרד ארטהור איז פון

פארלאמענט פעראורטהיילט געווארען צום טוירט. מען דארף איהם אבער ערשט פאנגען. עס קומט אויף אריין עלווירא און זיא הערט ניט אויף צו רעדען פון איהר ארטהור'ן.

דער גוטהערציגער סער דזשארדזש, ניט קענענדיג צוזעהן דעם צער פון זיין פלימעניצע, שטעהט ענדליך צו צו סער ריטשארד'ן אז ער זאל זיין גענגער אין ליעבע רעטען און דערמיט אויך רעטען דעם לעבען פון עלווירא'ן. סער דזשארדזש גיט סער ריטשארד'ן אנצוהערען דאס ער וויים, אז לארד ארטהור וואלט ניט געקענט אנטלויפען מיט דער געפאנגענער, ווען ער וואלט ניט געקראגען א פרייען וועג, און צוואר פון סער ריטשארד זעלבסט. ער וויל דארום אז ווען לארד ארטהור וועט זיך צוריק קעהרען וויא א פריינד, אהן וואפען, זאל מען איהם פערגעבען זיין פערברעכען. סער דזשארדזש, וועמעס הארץ איז צוריסען מיט ליעבע פאר עלווירא'ן, שטימט איין, אוןביידע קאלעגען און פריינד דריקען אוים זייער אפמאך אין א שטארקען, זיסען, פאטריאטישען און וואונדערשעהנעם דועט.

דריטער אקט.

ביים דריטען אקט זעהען מיר א פרעכטיגען גארטען ניט וויים פון עלווירא'ס וואהנונג. עס איז אבענד.

עס לויפט אריין לארד ארטהור און פון זיינע ווערטער איז קלאר אז עס איז דעם טאג געוועזען א שלאכט צווישען דיא פיוריטאנער און דער קעניגליכער ארמעע. ער דערזעהט וויא אונטער'ן פענסטער פון איהר וואהנונג געהט עלווירא, פערטראכט און פערדאגה'ט. ער האט מורא צוצולויפען צו איהר, ווייל ער הערט טריט און פערשטעהט אז מען האט איהם געמוזט זעהן לויפען אין דער ריכטונג און מען זוכט איהם. אזוי איז עס טאקע. ער בעהאלט זיך. ווען דיא וואס זוכען איהם געהען פארביי קומט ער ווידער ארוים, און דיעזען מאהל לויפט ער שוין צו צו עלווירא'ן, וועלכע פיהלט זיך וויא אין זיבעטען הימעל אין זיינע ארעמס. ער דערצעהלט איהר ערשט יעצט דאס דיא געפאנגענע פרוי מיט וועלכע ער איז אין דער האבצייט-נאכט אנטלאפען איז געוועזען קיין אנדערע

וויא קעניגין העגריעטא. זיא פערציייהעט איהם און קריעגט צוריק איהר פערשטאנד — אזוי שטארק ווירקט אויף איהר דער צוריק־קומען פון לארד ארטהור!

דערמיט ענדיגט זיך כמעט דיא גאנצע האנדלונג. עס לויפען אריין קוריערען און זאגען אן אז דיא ארמעען פון פארלאמענט האבען געזיעגט איבער דיא ארמעען פון קעניגליכען צד, און דאס אלע געפאנגענע זיינען בעפרייט. דאס גיט צו א פרעהליכע ענדע צו דער אפערא און לארד ארטהור גיסט אויס זיין הארץ אין הויכע טענארען־טרעלען, אונטערגעהאלפען פון דעם כאר.

וויא מען זעהט אלזא איז דער סוזשעט הא דיא רייגסטע מעלא־דראמא, אהן פיעל פאעטישע אדער דראמאטישע קונסט. דיא איטאליענישע קאמפאזיטארם פון יענער צייט האבען זייער גאנצע קראפט אוועק געלעגט אויף דער איינפאכער מעלאדיע, אהן פיעל צוזאמענהאנג, אבי מעלאדיע אין דער פארמע פון סאלאס, דועטען, קווארטעטען, און אזוי ווייטער; און אין „פיוריטאני“ פעהלט ניט קיין זיסע מעלאדיע. דיא אפערא גיט א גוטען טענאר, א גוטען באריטאן, א גוטען באס און א גוטער סאפראנא א געלעגענהייט צו ווייזען וואס פאר שטימען זיי האבען, אבער דאס איז ווייט פון זיין דער צוועק פון ריכטיגע אפערא.

דאך, אזוי וויא בעליני איז נור איינער פון א קלאסע קאמפא־זיטארם וואס איז נאך יעצט אויך בעליעבט ביי א גרויסען עולם, מוז מען צוגעבען אז אין דיזער קלאסע איז ער א גרויסער שטערן און אז זיין „פיוריטאני“ איז פיעלייכט דער בעסטער ביישפיעל פון זיין גרויסען טאלאנט. עס איז צו בעדויערן וואס ער איז געשטארבען אזוי יונג און האט ניט געהאט דיא געלעגענהייט צו געבען זיין טאלאנט דיא פולסטע ענטוויקלונג פון א פולען, ערפאה־רענעם לעבען.

IL BARBIERE DI SIVIGLIA — Rossini

באַרבער פון סעוויל

פון זשואַקענאָ ראָסיני

פערזאָנען:

גראַף אַלמאַוויוואַ — טענאָר; פיגאַראָ — באַריטאָן; דר. באַרטאָלאָ — באַס; דאָן באַזיליאָ — באַס; פיאָרעלאָ — טענאָר; ראָזינאַ — סאָפּראַנאָ; בערטהאַ — סאָפּראַנאָ.

איינע פון די בעסטע ביישפּיעלע פון דאָס וואָס מען רופט אין דער מוזיקאַלישער שפּראַך „אָפּעראַ־בופע“ איז „דער באַרבער פון סעוויל“, פון זשואַקענאָ אַנטאָניאָ ראָסיני.

דיעזע קלאַסישע מייסטערווערק איז דער פּראָדוקט פון נור 13 טעג אַרבייט. אַבער אין די ביינאַהע 100 יאָהר וואָס זיא ווערט אויפגעפיהרט אין אַלע וועלט־טהיילען האָט זיא קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו זיין בעליעבט ביים מוזיקאַלישען עולם, אפילו אין די לעצטע יאָהרען אויך ניט — ווען מען האָט אַזוי שטאַרק הנאה פון אַזעלכע „גרענד אָפּעראַס“ וויא „דיא הוגענאָטען“, „אַאידאַ“ און „טאַנהייזער“.

„באַרבער פון סעוויל“ איז מיט פיעלייכט דיא אויסנאַהמע פון דער גרענד־אָפּעראַ „ווילִיאַם טעל“ דאָס בעסטע מוזיקאַלישע ווערק וואָס דער אונשטערבליכער ראָסיני האָט בעשאַפען. עס איז אַן אָפּעראַ פול מיט הומאָר ניט נור אין דעם סוזשעט נור אויך אין דער מוזיק. פון אָנפאַנג ביז ענדע הערט דער אָרקעסטער ניט אויף צו ציהען דיא אויפמערקזאַמקייט פון דיא צוהע־

רערס, סיי דיא זינגער זיינען אויף דער ביהנע און סיי ניט — אזוי פיעל לעבעדיגקייט, וויץ, פיקאַנטע מעלאָדיע, קאפּריז און אַלגעמיינע מוזיקאַלישע זיסקייט איז דאָ.

דער בעסטער בעוויז דאָס ראָסיני איז געווען א גרויסער בריה אויף שרייבען מוזיק פאר אַן אָרקעסטער איז זיין אָוערטיורע צו דער אָפּערא פון „וויליאם טעלל“ — און ווער האָט דיעזע אָוערטיורע ניט געהערט? ראָסיני איז אָבער אויך געווען א גרויסער בריה אויף שרייבען מוזיק פאר דער מענשליכער שטימע, און צוואר דיא מעלאָדיש׳סטע מוזיק וואָס מען קען זיך פאָרשטעלען. דיא מיינסטע אָפּעראס פון דיזען קאָמפּאָזיטאָר ווערען יעצט ניט אויפגעפיהרט איבער דעם אליין וואָס עס זיינען דאָ זעהר וועניג זינגער הייניטיגע צייטען וואָס קענען זינגען אין זיי.

דיא אָפּערא „באַרבער פון סעווויל“ איז פון אַלע ראָסיני׳ס אָפּעראס דיא בעסטע בעקאַנטע צו דיא יעצטיגע דורות. כמעט קיין סיזאָן געהט ניט דורך אז מען זאָל דיעזע אָפּערא ניט אויפפיהרען, און יעדען מאָל וואָס מען הערט איהר שעפּט מען גרויס פערגניגען.

דעם סוזשעט פאר דיזער אָפּערא האָט ראָסיני געפונען אין איינע פון דיא ווערקע פון דעם בעריהמטען פראַנצויזישען הומאָריסטישען דראַמאַטורג באָמארשע, מיט וועמעס ווערקע דער אונשטערבליכער קאָמפּאָזיטאָר מאָצארט האָט זיך אויך בענוצט. „באַרבער פון סעווויל“ איז דראַמאַטיש ניט וועניגער הומאָריסטיש וויא מוזיקאַליש, און איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פון דעם סאָרט טהעאַטראַלישע פאָרשטעלונג פון דער צייט אין וועלכע עס איז געשריעבען געוואָרען. דיא דראַמאַטישע האַנדלונג איז וויא פאָלגט:

גראַף אַלמאַוויווא איז פערליעבט ביז איבער דיא אויערן אין ראָזינא, וועלכע וואָהנט ביי איהר אָפּעקון דר. בארטאָלאָ. ער זוכט אַלץ מיטלען וויא אזוי צו ציהען דיא אויפמערקזאַמקייט פון דער מיידעל צו זיך, און אָבוואָהל דאָס געליננט איהם, ווייס ער דאָך ניט וויא אזוי צוצוקומען צו איהר, וויא

אזוי אין דער וואהנונג פון דעם אלטען דר. בארטאלא ארייגצושטעקען א פוס און מיט ראזינא'ן צו ווערען פערזענליך בעקאנט. דער גראף דענקט דאס דר. בארטאלא איז ראזינא'ס פאטער.

ערשטער אקט.

איינמאהל, נאכדעם וויא גראף אלמאוויוא האט געבראכט שפעט ביינאכט א גאנצען ארקעסטער צו שפיעלען אונטערן פענסטער פון דער מיידעל, וועלכע ער ליעבט, האט ער זיך דארט בעגעגענט מיט פ י ג א ר א, א בארבער. דיעזער בארבער איז געווען א לץ אין פולען זינען דאסווארט, האט געקענט אלע וויכטיגע איינוואהנער פון סעוויל, האט געהאט זיינע קונדען אין דיא גרעסטע הייזער, האט געטהאן פערשיעדענע ארבייט, וויא א בארבער אין יענע צייטען — האט געגאלט, געשניטען האאר, געריסען צייהן, געהיילט וואונדען און קאפ וועהטאגען און דערצו נאך דורכגעפיהרט „דיפלאמאטישע מיסיאנען", ספעציעל פאר דאמען וואס האבען געהאט געליעבטע הינטער דעם מאן'ס פלייצע, אדער מיידלאך וואס האבען געוואלט אז מען זאל פון זייערע ליעבעס ניט וויסען.

דורך דיעזען בארבער דערוויסט זיך דער גראף דאס דר. בארטאלא איז ניט מעהר וויא ראזינא'ס אפטרופוס וועלכער קלייבט זיך צו הייראטהען מיט איהר. דאס מאכט איהם מעהר וועלען צוצוקומען צו זיין געליעבטע, און פיגארא, וועלכער איז אן איינגעהער ביי דעם אלטען דאקטאר, זאגט איהם צו זיין הילפע.

און וועהרענד זיי ריידען צווישען זיך דערזעהען זיי וויא אויפ'ן באלקאן בעווייזען זיך ראזינא און דר. בארטאלא. דיא ערשטע, וועלכע האט וויא עס וויזט אויס געהערט דעם גראף'ס סערענאדע, האלט יעצט א צעטעלע ביי זיך אין האנד פאר איהם. איהר שומר פרעגט איהר וואס זיא האלט אין האנד, טראכט זיא אויס א תירוץ אוןווארפט עס ארונטער, זאגענדיג אז א בלעטעל נאטען האט זיך ארויסגעליטשט פון איהר האנד. דר. בארטאלא לויפט ארונטער עס אויפהויבען. אבער דער צעטעלע איז שוין געוועןן

אין דיא הענד פון גראַף, וועלכער האָט צו זיין פרעהליכער איבער־ראשונג דאָרט געלעזען פאָלגענדעס:

„איהר האָט אויפגערעגט מיין נייגירדע. מיין אָפּעקון וועט אין גיכען פערלאָזען די הויז. אַזוי שנעל ווי איהר וועט איהם זעהן אוועק־געהן געפינט אַ מיטעל ווי אַזוי מיך בעקאַנט צו מאַכען מיט אייער נאָמען, אומשטענדען און אַבזיכט. איך קען זיך קיינמאָל ניט בעוויייזען אויפ'ן באַלקאָן אָהן די אויפמערקזאַמקייט פון מיין טיראַן. זייט דאָרום זיכער אַז איך בין בערייט צו פאַטאַנדער רייסען די קייטען וועלכע האַלטען מיך געבונדען.

„דיא אונגליקליכע ראָזינאַ."

פיגאַראָ גיט דעם גראַף אַן עצה. ער הייסט איהם פערקליידען זיך פאַר אַ שכור'ן סאָלדאַט. דעם אַלטען דאָקטאָר קען מען איינ־ריידען אַז אין שטאָדט איז אָנגעקומען אַ נייער רעגימענט. ביי אַ פריינד אַן אָפיציער קען דער גראַף קריגען אַ צעטיל אַז פאַר זיין קוואַרטיר איז בעשטימט דר. באַרטאָלאָ'ס וואָהנונג. דער גראַף איז ערפרעהט מיט דער עצה.

אונטערדעסען פערלאָזט טאַקע דר. באַרטאָלאָ זיין הויז, וויא ראָזינאַ האָט פאָראויס געזאָגט אין איהר צעטעלע צום גראַף; און וועהרענד דער גראַף געהט אוועק צו פערקליידען זיך פאַר אַ סאָלדאַט כאַפּט זיך דער באַרבער אריין אין דר. באַרטאָלאָ'ס וואָה־נונג.

(פערוואַנדלונג)

אין אַ צימער פון דר. באַרטאָלאָ'ס וואָהנונג געהט ארום ראָ־זינאַ און חלום'ט פון דעם שעהנעם יונגען מאַן וואָס דרעהט זיך אימער ארום אונטער איהר פענסטער. עס קומט אריין פיגאַראָ, וועלכער וויל איהר בעקאַנט מאַכען מיט אַלעס, אָבער ער האָט ניט קיין געלעגענהייט, ווייל זיין געשפּרעך מיט איהר ווערט אונטער־בראָכען פון דר. באַרטאָלאָ, וועלכער קעהרט זיך אום אין דער בע־גלייטונג פון ד אָ ן ב א ז י ל י אָ, אַ שאַרלאַטאַנסקער מוזיק־לעהרער און שדכן. דערפאַר האָט אָבער דער באַרבער דיא געלע־גענהייט צו הערען וויא דר. באַרטאָלאָ פּלאַנט מיט דאָן באַזיליאָ צו פערהייראַטהען זיך מאַרגען מיט ראָזינאַ'ן, סיי זי וועט וועלען

און סיי ניט. דאן באזיליא רעדט איהם נאך איין דערצו. ער דערצעהלט איהם דאס גראף אלמאוויווא איז שטארק פערליעבט אין ראזינא׳ן און ראטה איהם צו טהאן עפעס וואס זאל דעם גראף פערטרייבען פון שטאדט.

ווען דאן באזיליא געהט אוועק און דר. בארטאלא געהט אריין אין א פריוואט־צימער אויסצושרייבען דעם חתונה־קאנטראקט, דערצעהלט פיגארא ראזינא׳ן דאס דער קאוואליער וועלכער ליעבט איהר אויף אן אמת איז א סטודענט מיט׳ן נאמען ל י נ ד א ר א. זיינער אן איינענער קאזין. ער הייסט איהר אנשרייבען א שטי־קעל בריוועלע צו איהם, אום ער זאל האבען א זיכערען בעוויז דאס זיא ליעבט איהם אויך. דיא אונשולדיגע ראזינא שעהמט זיך כלומרשט, אבער זיא נעהמט דערנאך ארויס א בריוועלע, וועלכען זיא האט שוין פריהער אנגעשריעבען צו איהר אונבעקאנטען גע־ליעבטען, און גיט עס איבער צום בארבער. דער בארבער איז ער־שטוינט. „וואס פאר א נאר איך בין צו דענקען דאס מיר מענער קענען דיא פרויען עפעס לערנען!"

דער בארבער געהט אוועק און שפעטער א ווייל בעווייזט זיך גראף אלמאוויווא, פערשטעלט אלס א שכור׳ער סאלדאט. ער לאזט פון זיך שטארק הערען. ער שרייט און גוואלדעוועט. אלע פון הויז לויפען אריין. דר. בארטאלא שרייט, אז ער איז א פריי־ווילעגירטער בירגער, און ביי איהם אין הויז קענען ניט איינשטעהן קיינע סאלדאטען. ער לויפט אוועק ווייזען זיינע דאקומענטען, און דער גראף האט דאן א געלעגענהייט אריינצורוימען ראזינא׳ן אין אויער, דאס ער איז דער סטודענט לינדארא. אין דעם טומעל גע־לינגט איהם איהר איבערצוגעבען א בריוועלע פון זיך. דר. באר־טאלא שרייט און פראטעסטירט. עס קומען אן סאלדאטען צו ארעסטירען דעם שכור, אבער דער לעצטער רוימט אריין א סוד דעם אפיציער אין אויער און דיא סאלדאטען דערוויסענדיג זיך פון זיין ראנגע גיבען איהם אפ מיליטערישע עהרע. דר. בארטאלא בלייבט שטעהן וויא א לייםענער גולם און דער פארהאנג פאלט.

צווייטער אַקט.

דיא צווייטע העלפט פון דער אָפּעראַ קומט אויך פאָר אין דער וואָהנונג פון דר. באַרטאָלאָ. דער שטאַרק פערליעבטער גראַף אַל־מאוויוואַ קומט ווידער אַהין פערשטעלט, דיעזען מאָל אַלס מוזיק־לעהרער מיט'ן נאָמען ד אָ ן א ל אָ נ ז אָ. ער דערצעהלט אַז דאָן באַזיליאָ איז קראַנק און האָט איהם געשיקט אויף זיין פּלאַטץ צו געבען אַ מוזיק לעססאָן ראָזינאַ'ן. אין דערזעלבער צייט בע־ווייזט ער באַרטאָלאָ'ן דאָס צעטעלע וועלכע ראָזינאַ האָט איהם אַליין צוגעשיקט דורך דעם באַרבער און זאָגט אַז דיעזען צעטעלע האָט דער גראַף פערגעסען ערגעץ און ער, דאָן אַלאָנזאָ, האָט עס געפונען. ער מאַכט דארום אַ פאָרשלאַג: מיט דיעזען צעטעלע וועט פיעלייכט געלינגען אָפּצוקיהלען ראָזינאַ'ס ליעבע פאַר'ן גראַף. ער וועט איהר נור דערצעהלען אַז דאָס צעטעלע איז געפונען גע־וואָרען ביי איינע פון דיא פיעלע געליעבטעס וואָס דער גראַף האָט.

דר. באַרטאָלאָ איז צופריעדען. ער טראַכט ביי זיך דאָס דער הורכגעטריבענער דאָן באַזיליאָ האָט צו איהם געשיקט אַ דורכגע־טריבענעם שילער, און ער לאָזט דיעזען יונגען מוזיק־לעהרער אויס־פיהרען זיין פּלאַן.

ראָזינאַ קומט אריין און דערקענט אין דעם מוזיק־לעהרער איהר געליעבטען. דער גראַף אראַנזשירט מיט איהר אין דער שטיל צו קומען אין מיטען נאַכט דורך'ן באַלקאָן און אוועקנעהמען איהר. זיי וועלען מאַכען אַ שטילע חתונה און ווען דר. באַרטאָלאָ וועט אויפשטעהן אין דער פריה וועט שוין זיין נאָך אַלעמען. פאַר ראָזינאַ'ן איז דער גראַף נאָך אַלץ אַ יונגער סטודענט מיט'ן נאָמען לינדאָראָ; זיא ווייס ניט אַז ער איז גראַף אלמאוויוואַ. פיגאַראָ, דער באַרבער, בעטהייליגט זיך אין דער פערשווערונג. ער קריעגט אַרויס ביי באַרטאָלאָ'ן דיא שליסעל צום באַלקאָן, און אַלעס איז גרייט.

אָבער פּלוצלונג, וועהרענד דיא קאָנספּיראַטאָרען דענקען אַז אַלעס געהט גלאַט, קומט אָן דאָן באַזיליאָ. אַזוי וויא דאָן אַלאָנזאָ האָט דערצעהלט דאָס ער איז געשיקט געוואָרען פון דאָן באַזיליאָ.

וועלכער איז יעצט שטארק קראנק, קוקט דר. בארטאלא פריהער אויף דעם און דערנאך אויף יענעם, ניט וויסענדיג וואס דא טהוט זיך. אבער דער קלוגער פיגארא האט אן איינפאל. ער פיהלט דאן באזיליא׳ס פולס און זאגט אז ער האט סקארלאטינא און נוי־טיגט זיך אין מעדיצין. דער פערשטעלטער גראף רוקט דאן בא־זיליא׳ן אריין א בייטעל מיט געלד און העלפט שרייען דאס ער נוי־טיגט זיך אין מעדיצין און דארף בעסער געהר אהיים ליגען אין בעט. דער געזונדער דאן באזיליא פערשטעהט אן עסק — דיא פעטע בייטעל געלד עפענט זיין מוח און ער לאזט זיך איינריידען דאס ער איז קראנק און געהט אוועק. שפעטער אבער זעהט ער זיך מיט דר. בארטאלא און דערצעהלט איהם וואס דא האט פא־סירט. „דיעזער דאן אלאנזא מוז זיין דער גראף אליין,“ זאגט ער; „ווארום ווער דען אנדערש וואלט געקענט געבען אזא גרויסע בייטעל געלד?“ דר. בארטאלא גלויבט איהם און בעשליסט גלייך חתונה האבען מיט ראזינא׳ן, אום צו פערכאפען דעם וועג. ער שיקט דאן באזיליא׳ן נאך דעם נאטארוס.

דאן נעהמט דר. בארטאלא דעם בריעף וועלכען דער גראף, פערשטעלט אלס דאן אלאנזא האט ביי איהם איבערגעלאזען און ווייזט עס ראזינא׳ן. „זעהסט, דיין געליעבטער איז פאלש צו דיר; ער וויל נור מיט דער הילפע פון פיגארא איבערגעבען דיך אין דיא הענד פון גראף אלמאוויווא,“ דערצעהלט איהר דער דר. בארטאלא. זיא גלויבט איהם, זעהענדיג דעם בריעף אין זיינע הענד, און זיא איז שטארק אויפגעבראכט אויף לינדארא און פיגארא. „אויב אזוי וועל איך מיט דיר חתונה האבען,“ זאגט ראזינא צו איהר אפעקון, און דערצעהלט איהם וויא אזוי אלעס איז געווען אראנזשירט פאר איהר צו אנטלויפען אין מיטען נאכט. דר. באר־טאלא, דערהערענדיג דאס, הייסט איהר בלייבען אין איהר צימער, און אליין לויפט ער אוועק ברענגען פאליציי. „זאלען דיא צוויי, לינדארא און פיגארא, קומען אין מיטען נאכט; מיר וועלען זיי ערקלערען פאר גנבים און לאזען ארעטירען“ — פלאנעוועט ער.

דיא נאכט איז א שטורמדיגע. אבער דאס האלט ניט אפ דעם

געליעבטען מיט זיין בעגלייטער פון קומען אין דער ריכטיגער צייט. ביידע קריכען אריין דורכ'ן באַלקאָן־פענסטער. אָבער וויא גרויס איז זייער איבערראַשונג ווען ראָזינאַ בעגעגענט זיי מיט כעס, וועלכען זיא גיסט אויס אויף דעם גראַף, וועמען זיא האַלט נאָך אַלץ פאַר דעם סטודענט לינדאָראָ. זיא טענה'ט: ער, לינדאָראָ, וויל איהר איבערגעבען אין דיא הענד פון אַן אַנדער פערזאָן, אַ גראַף וועלכען זיא קען גאַר ניט, און זיא וויל פון איהם דאַרום ניט וויסען. אָבער דאָ ערקלערט לינדאָראָ דאָס ער אַליין איז דער גראַף און איהר פורכט איז אַן אומזיסטע. אויב אַזוי איז דיא זאַך גאַר אַנדערש און ראָזינאַ פיהלט זיך איבער גליקליך.

אין דעם מאָמענט קומט אָן דאָן באַזיליאָ מיט אַ נאָטאַרוס. גוט! דער גראַף און ראָזינאַ קענען טאַקע גלייך הייראַטהען, זאָגט פיגאַראָ. אָבער דאָן באַזיליאָ וויל ניט איינשטימען. ער ערוואַר־טעט דר. באַרטאָלאָ יעדע מינוט, זאָגט ער. אָבער דער גראַף גיט איהם אַ רינג און ווייזט איהם אַ רעוואָלווער, און ביידע זאַכען ווירקען דאָפּעלט שטאַרק וואו איינס פון דיא ביידע וואָלט וואהר־שיינליך שטאַרק גענוג געווירקט. דאָס פערליעבטע פּאָאר'ל ווערט ערקלערט מאַן און ווייב גראַדע ווען דאָן באַרטאָלאָ פאַלט אריין מיט סאָלדאַטען און שרייט: „ארעטירט דיא גנבים!“ ער געפינט אָבער באַלד אויס זיין ביטערען טעות און אַלע ווינשען דעם גראַף מיט זיין שעהן ווייבעל אַ גליקליכען לעבען.

דערמיט, נאַטירליך, ענדיגט זיך דיא גאַנצע האַנדלונג. גע־וועהנליך ווערט דיא אָפּערא אויפגעפיהרט אין דריי אַקטען — דער ערשטער אַקט צום גאַס פון דר. באַרטאָלאָ'ס הויז און דיא אַנדערע צוויי אַקטען אין אַ גרויסען צימער פון דר. באַרטאָלאָ'ס וואָהנונג.

דער סוזשעט איז אַ ביסעל פערפּלאָנטערט, ווייט פון איינפאַך. דאָך געהט צו דיא ענטוויקלונג פון דעם סוזשעט גאַנץ שנעל, אָהן לאַנגווייליגען דעם עולם. הומאָר איז דאָ פיעל, וויא יעדער קען אַליין איינזעהן, און דיא מוזיק איז רייך אין קאָליר און מעלאָדיע. דיא אָווערטיורע פאַר'ן ערשטען אַקט איז בעזאָנדערס זיס און איינגדרוקספאָל. אין דעם דריטען אַקט, ווען דער גראַף, פער־

שטעלט אלס דאן אלאנזא, קומט געבען ראזינא'ן א מוזיק־לעסאן, זינגט ראזינא וואס זיא וויל, ווייל דאס וואס איז פון ראסיני'ן געשריעבען געווארען פאר'ן מוזיק־לעסאן איז פערלארען געגאנגען.

ראסיני האט געהאט דעם גליק אנערקענט צו ווערען נאר ביים אנפאנג פון זיין קאריערע פאר א גרויסען מוזיקאלישען טאלאנט. ער האט ארומגערייזט איבער אלע גרעסטע שטעדט פון אייראפא און איז איבעראל אויפגענומען געווארען מיט גרויס בייפאל.

אינטערעסאנט צו פערצייכענען איז דער מערקווירדיגער פאקט דאס ראסיני האט אלע זיינע מוזיקאלישע קונסטווערקע בעשאפען אין דיא ערשטע 37 יאהר פון זיין לעבען. ער איז געבארען געווארען אין פעסארא, איטאליען, אין 1792, און איז געשטארבען אין פראנקרייך אין 1868. ער איז אלט געוועז 24 יאהר ווען ער האט דער וועלט געגעבען זיין „בארבער פון סעוויל“ און 13 יאהר שפעטער האט ער בעשאפען זיין מייסטערהאפטע גרענד־אפערא „וויליאם טעל“. א חוץ דיעזע צוויי אפעראס איז דא נאך איינע וואס איז בעריהמט ער היום, און דיעזע איז „ס ע מ י ר א מ י ד“, וועלכע איז פערטיג געווארען אין 1823 — צו זיין 31טען יאהר.

אין אלגעמיין איז ראסיני געוועזן א רעפארמער אין מוזיק. ער האט אויסגעבריים דעם פעלד פון זינגען פאר דער מענשליכער שטימע און פערגרעסערט דעם ארקעסטער מיט ווינד־אינסטרומענטען. ער האט געשריעבען וויכטיגע ראלען פאר דער באס־שטימע און פאר דעם כאר. ער האט, אין קורצען, געהאט א זעהר גרויסען איינפלוס אויף דער געשיכטליכער ענטוויקלונג פון מוזיק אין אלגעמיין.

LES HUGUENOTS — Meyerbeer

דיא הוגענאָטען

פון זשאַקאָמאָ מייערבעער

פערזאָנען:

ראַאול—טענאָר; גראַף נעווער—באַריטאָן; גראַף סט. ברי—באַריטאָן; מאַרסעל—באַס; קאָסע—טענאָר; טאָוואַנע—טענאָר; מערי—באַריטאָן; טהאָרע — באַריטאָן; דע רעטץ — באַריטאָן; מאַורעווער — באַס; וואַלענטינע—סאָפּראַנאָ; מאַרגעריט—סאָפּראַנאָ; אירבען—מעצאָ־סאָפּראַנאָ.

„דיא הוגענאָטען“, פון זשאַקאָמאָ מייערבעער, איז אַ היסטאָריש־דראַמאַטישע אָפּערא פון גרויס וויכטיגקייט אין דער געשיכטע פון מוזיק־קונסט אין פראַנקרייך. אין קאָנטראַסט צו דער בעריהמטער לירישער אָפּערא „פאוסט“, פון שאַרל פראַנסואַ גונאָ, איז „דיא הוגענאָטען“ אַן אָפּערא אין וועלכען דאָס גרעסטע געוויכט איז געלעגט אויף דער אויסערליכער דראַמאַטישער ענטוויקלונג, אויף דעם אויסערליכען גלאַנץ מעהר וויא אויף דעם איגערליכען ווערטה.

בעטראַכטענדיג דעם כאַראַקטער פון אַזאַ אָפּערא וויא „דיא הוגענאָטען“ איז גוט צו האָבען אין זינען דעם אונטערשיעד צווישען דיזען פראָדוקט פון מייערבעער און אַזאַ אָפּערא וויא גונאָ'ס „פאוסט“.ביידע, „דיא הוגענאָטען“ און „פאוסט“, זיינען עכט פראַנצויזישע קונסט־ווערקע, בעשאַפען פון אונצווייפעלהאַפטע מוזיקאַלישע זשעניען. וועהרענד דיא ערשטע איז אַן אויסדרוק פון

דיא טיעפסטע אינערליכע געפיהלען פון מענשען, איז דיא צווייטע א שילדערונג פון אויסערליכע דראמאטישע האנד־לונגען פון מענשען. „דיא הוגענאטען" איז אן אפערא פול מיט בריליאנטענע דראמאטישע „עפעקטען", פול מיט געקינצעלטע, בלישצענדע, פערשיעדענארטיגע מוזיק; זיא איז געווען דער ערשטער און בעסטער ביישפיעל פון דאס וואס מען רופט גרענד אפערא.

„דיא הוגענאטען" איז דיא בערימטעסטע אפערא פון מייער־בעער. זיין לעצטע לעבענס־ווערק „ל'אפריקען", איז פיעל־לייכט פון מוזיקאלישען שטאנדפונקט א גרעסערע ווערק, אבער אין „דיא הוגענאטען" שפיגעלט זיך אפ שטארקער זיין אינדיווידואלי־טעט, זיין כאראקטער, זיין מעלאדראמאטישער סטיל, און דארום ווערט „דיא הוגענאטען" אימער פערבלייבען און ווערען אנערקענט אלס דיא גרעסטע קונסט־ארבייט פון מייערבעער. שוין מעהר וויא 70 יאהר זייט דיעזע אפערא איז צוערשט אויפגעפיהרט געווארען און דער אינטערעס אין איהר איז יעצט ניט ווייניגער גרוים וויא ווען בעפאר.

און „דיא הוגענאטען" איז אין דער ווירקליכקייט א מערק־ווירדיגע אפערא, ניט נור מוזיקאליש, זאנדערן אויך דראמאטיש. מייערבעער האט פאר דער וועלט אויפגעדעקט א קאפיטעל פראנ־צויזישע געשיכטע וועלכע איז פול מיט דראמאטישע מאמענטען, א קאפיטעל געשיכטע אין וועלכען עס שפיעגעלט זיך אפ דער רעליגיאנס־קאמפף וואס האט געפיהרט צו דער בלוטיגער ס ט. בארטאלאמעאוס נאכט, צו דער אויסשלאכטונג פון הוגענאטען (פראטעסטאנטען) דעם 24טען אויגוסט, 1572. יעדער איינער האט מעהר אדער ווייניגער געהערט פון דיעזער בלוטיגער עפיזאדע אין דער געשיכטע פון פראנקרייך, ווען קאטערינא דע מעדיטשי האט אין א פערשווערונג מיט פאנאטישע קאטאליקען בעשטימט דיא סט. בארטאלאמעאוס נאכט פאר דיא דורכפיהרונג פון ראכע אויף דיא פיהרער פון דיא פראטעסטאנטען. יעדער איינער איז עטוואס בעקאנט מיט דיא שוידערליכע איינ־

צעלהייטען, וויא טויזענדע פראָטעסטאַנטישע מענער, פרויען און קינדער זיינען אויסגעשאָכטען געוואָרען אין דיא גאַסען וויא שעפּסען, וויא זאָגאר קעניג שאַרל דעם 9טער האָט זיך אַמוזירט מיט שיסען אויף דיא פרויען און קינדער וואָס זיינען אַנטלאָפען פון דער ווילדער, צווישעטער, פאַנאַטישער און בלוטדורשטיגער קאַטאָלישער באַנדע. און דיעזע שרעקענס־צייט ווערט פאַר־געשטעלט אין מייערבעער׳ס אָפּערא מיט אַזא לעבעדיגקייט, אַזא קלאָהרהייט, אַזא רעאַליזמוס ; איינצעלהייטען ווערען געשילדערט מיט אַזעלכע פיינע שטריכען, מיט אַזעלכע שטאַרקע קאָלירען, מיט אַזא היסטאָרישער ריכטיגקייט, דאָס דיא אָפּערא איז פון דיא פראַנצויזען גלייך פון אָנפאַנג פערגעטערט געוואָרען.

פערשטעהט זיך, דיא פרומע און פאַנאַטישע קאַטאָליקען האָבען זיך מיט דער אָפּערא ניט געפרעהט, און ווען דיא בורבאָנען האָבען אין לעצטען יאָהרהונדערט געהערשט אין פראַנקרייך האָט מען „דיא הוגענאָטען" ניט געטאָרט אויפפיהרען. דאָך איז צווישען דעם יאָהר 1836 און דעם יאָהר 1876 דיא אָפּערא אויפגעפיהרט געוואָרען אין פּאַריז אליין 620 מאָל.

דיא ליברעטאָ (ווערטער) פון „דיא הוגענאָטען" איז פער־פאַסט געוואָרען פון צוויי פראַנצויזען : ס ק ר י ב און ד ע ש א ן. דיא האַנדלונג קומט פאָר אין 1572, דער ערשטער אַקט אין טוריין און דיא איבריגע אַקטען אין פּאַריז. דער סוזשעט איז וויא פאָלגט :

ר א א ו ל, א פראָטעסטאַנטישער קאַוואַליער, פערליעבט זיך אין א קאַטאָלישער מיידעל, וו א ל ע נ ט י נ ע, דיא טאָכטער פון גראַף ס ט. ב ר י. ער האָט אָבער מיט איהר ניט קיין פערזענליכע בעקאַנטשאַפט. ער האָט איהר געראַטעט פון א באַנדע לוסטיגע סטודענטען אויף א גאַס אין פּאַריז און האָט זיך ביי דיעזער ערשטער בעגעגעניש פערליעבט.

וואַלענטינע האָט זיך אויך פערליעבט אין דעם יונגען פּראָ־טעסטאַנטישען קאַוואַליער. זיא איז אָבער פערלאָבט צו גראַף נ ע וו ע ר ; און זייענדיג איינע פון דיא האָפדאַמען ביי קעניגין

מאַרגערִיט פון וואַלואַ, דיא טאָכטער פון קאַטע־רינע דע מעדיטשי, האָט זי פון איהר ליעבע דערצעהלט הער יונגער קעניגין. מאַרגעריט, וועלענדיג אויפהאַל־טען שלום צווישען דיא קאַטאָליקען און פּראָטעסטאַנטען, און זייענ־דיג אַליין פערלאָבט צו אַ פּראָטעסטאַנטישען פּרינץ, בעשליסט צו ברעכען דעם שדוך צווישען וואַלענטינע און נעווער און צו מאַכען אַ שדוך צווישען וואַלענטינע און ראַאול. דער רעזולטאַט איז דאָס זיא שיקט נאָכ׳ן יונגען פּראָטעסטאַנט.

ערשטער אקט

וועו דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף זעהט זיך אַ פּרעכטיגער באַנקעט זאַאל אין גראַף נעווער׳ס פּאַלאַץ. ביי שעהן געגרייטע טישען זיצען פיעלע קאַטאָלישע אַדעל־לייט, צווישען וועלכע עס זיינען, אַ חוץ נעווער אַליין, טאַוואַנע, קאָסע, דע רעטץ, מערי און טהאָרע. נעווער דערצעהלט פאַר דיא אנוועזענדע דאָס ער ערוואַרטעט נאָך אַ גאַסט, און צוואַר אַ הוגענאָט, מיט׳ן נאָמען ראַאול. דיא איבעריגע געסט ווערען סאַר־קאַסטיש. אבער ווען ראַאול קומט אַריין ווערט ער וואַרם אויפ־גענומען. נאָך אַ קורצער ווײלע ווערט דיא קאָמפּאַניע פרעהלאָך און עס ווערט פאָרגעשלאָגען דאָס יעדער זאָל דערצעהלען אַ ליעבעס־געשיכטע. ראַאול זינגט דאַן זיין ראָמאַנס אין וועלכען ער דערצעהלט וויא אַזוי און אונטער וועלכע אומשטענדען ער האָט זיך פערליעבט אין אַ מיידעל (וועלכע ער האָט שפּעטער אויס־געפונען איז וואַלענטינע, דיא טאָכטער פון גראַף סט. ברי). דער ראָמאַנס וועלכען ער זינגט איז איינע פון דיא טרילענדסטע מאָמענטען אין דער אָפּערא. נאָכדעם קומט אַריין ראַאול׳ס דיענער מאַרסעל, אַן אַלטער פּראָטעסטאַנטישער סאָלדאַט, וועלכער פיהלט זיך ניט זעהר אנגענעהם ווען ער דערזעהט זיין הערר צווישען אַזוי פיעל קאַטאָליקען. אָבער קאָסע דערלאַנגט איהם אַ גלאַז וויין און הייסט איהם זינגען אַ לוסטיגע ליעד. מאַרסעל שטעלט זיי צופריעדען מיט זינגען „פּיף, פּאַף, פּיף, פּאַף“, שיל־דערנדיג פאַר זיי וויא קוילען פליהען אויפ׳ן שלאַכטפעלד.

דיא לוסטיגקייט פון דער קאָמפּאַניע ווערט אונטערבראָכען מיט'ן אריינקומען פון וואַלענטינע אין גאָרטען וועלכער זעהט זיך אין הינטער־גרונד דורך דיא פענסטער. נעווער ווערט ארויס־גערופען צו רעדען מיט איהר. דיא געסט זיינען נייגיעריג. ראאול געהט צום פענסטער און דערקענט אין וואַלענטינע דיא אונ־בעקאַנטע פרויענצימער וועלכע ער האָט פריהער גערעטעט אויפ'ן גאַס. נעווער קומט אריין צוריק און דערצעהלט גוטמוטהיג דעם עולם דאָס דיא דאַמע איז געקומען בעטען איהם דאָס ער זאָל איהר בעפרייען פון איהר פערשפּרעכען צו חתונה האבען מיט איהם. דיא געסט רייצען זיך מיט נעווער, אבער דיעזען מאָל ווערט דיא לעבעדיגקייט אונטערבראָכען פון דעם אריינקומען פון דער קעניגין'ס פּאַזש אורבען, וועלכער זינגט דיא בעריהמטע בעגריסונגס־ליעד: „נאָבלע סעניאָר סאַלי!“ ער דערלאַנגט ראאול'ן א בריעף וועלכער לעזט זיך: „היינט פארנאכט וועט אויף אייך וואַרטען א קאַרעטע וועלכע וועט אייך אָבפיהרען ערגעץ מיט פערבונדענע אויגען“. „איך שטים איין“, ענטפערט ראאול, וועל־כער ווייזט דעם בריעף צו דיא איבעריגע געסט. אלע ווערען איבער־ראַשט, ווען זיי דערזעהן דאָס דער בריעף טראָגט דעם זיעגעל פון קעניגין מארגעריט, און זיי קוקען יעצט אויף דעם הוגענאָט מיט דעם גרעסטען רעספּעקט. אורבען פערבינדעט דיא אויגען פון ראאול און פיהרט איהם אָב.

צווייטער אַקט

דער צווייטער אַקט קומט פאָר אין קעניגין מארגעריט'ס גאָרטענס, וואו ראאול ווערט געבראַכט מיט פערבונדענע אויגען און פאַרגעשטעלט צוערשט פאר דער קעניגין און דערנאָך פאר וואלענ־טינע. אָרן דער זייט זעהט זיך א טייך, וואוהין דיא האָפדאַמען געהען זיך באָדען. וואַלענטינע קומט אָן און מארגעריט גיט איהר האָפנונג: ראאול וועט אין גיכען געבראַכט ווערען אהער! דער קעניגין'ס פּאַזש אורבען זינגט א וואונדער־שעהנע אריא, אין וועלכען ער דערצעהלט א מעשה'לע פון א קאַוואַליער מיט א שלייער איבער זיינע אויגען. דיא דאַמען לאַכען. ווען ראאול

קומט ענדליך אן הייסט מארגעריט ארונטערגעהמען פון זיינע אויגען דעם שלייער און דער יונגער הוגענאט ווערט בעצויבערט פון דעם וואס ער זעהט. ער פערשטעהט אז ער איז פאר דער קעניגין און ער איז בערייט איהר צו דיענען מיט לייב און לעבען. דיא קעניגין זאגט איהם דאס איינע פון איהרע טרייעסטע דאמען איז אין איהם פערליעבט און וויל מיט איהם הייראטהען; און ראאול, וויא אן עכטער פראנצויזישער קאוואליער פון יענער צייט, שטימט איין צו הייראטהען מיט וועמען דיא קעניגין וועט איהם הייסען. אבער ווען וואלענטינע ווערט פאר איהם פארגעשטעלט אלס זיין כלה ענטזאגט ער זיך צו האלטען זיין ווארט, ווייל ער האט זיט דיא ערשטע בעגעגעניש מיט איהר אויף'ן גאס אויסגעפונען דאס זיא איז געוועזען גראף נעווער'ס געליעבטע און ער איז אונטער דעם איינדרוק דאס איהר הארץ געהערט נאך יעצט אויך צו יענעם.

דיזע האנדלונג פון ראאול איז אבער א בעליידיגונג פאר אלעמען, וואלענטינע, דיא קעניגין און ספעציעל וואלענטינע'ס פאטער, גראף סט. ברי. דער לעצטער איז בערייט אבצואווישען דיא בעליידיגונג מיט ראאול'ס בלוט, אבער דיא קעניגין מישט זיך אריין און ענדיגט דעם סקאנדאל מיט דעם בעשלוס דאס וואלענטינע און איהר פריהעריגער חתן נעווער זאלען חתונה האבען.

דריטער אקט

דער דריטער אקט איז דער פאפולערסטער אין דער אפערא. דארט קומט פאר דיא חתונה־צערעמאניע צווישען גראף נעווער און וואלענטינע. עס זעהט זיך א סקווער, א קירכע, דער טייך סעין. אויפ'ן סקווער געפינען זיך סאלדאטען, אויף איין זייט פראטעסטאנטישע און אויפ'ן צווייטען זייט קאטאלישע. עס קומען אן בעהמישע טענצערינס (באלעט). עס איז פרעהליך. דיא כאר־מוזיק און באלעט־מוזיק זיינען פון דיא לעבעדיגסטע אין דער גאנצער אפערא. אלע בריליאנטענע עפעקטען וואס מייערבעער'ס זשעניע האט געקענט ארויסברענגען זיינען דא אין דיזען אקט. געוואלדיג רוישענד, פאנטאסטיש, רייצענד, אויפרעגענד, מעלא־דראמאטיש איז דיא סצענע. מיט גרויס פאמפ ווערען נעווער און

וואלענטינע געפיהרט אין קירכע, בעגלייטעד פון סט. ברי און די אנדערע פערוואנדטע. אלע קאטאליקען פאלען אויף דיא קניע, אבער מארסעל ארייןקומענדיג ענטזאגט זיך עס נאכצוטהאן. ער האט געבראכט פון ראאול'ן אן אויפפארדערונג פאר א דועל צו גראף סט. ברי. דער לעצטער קומט ארויס פון קירכע צוזאמען מיט נעווער און מאורעווער. נעווער געהט אפ ברענגען א שיף, אויף וועלכער אפצופיהרען זיין כלה א היים, און סט. ברי קריעגט דעם בריעף וואס ראאול האט איהם געשיקט דורך מארסעל'ן. פערשטעהט זיך, ער נעהמט אן דיא אויפפארדערונג, אבער אין דער זעלבער צייט פלאנעוועט ער מיט זיינע פריינד, אין דער קירכע, צו ערמארדען זיין יונגען געגנער. וואלענטינע וועלכע איז פערבליעבען אין קירכע בעטען ביי גאט גנאדע פאר איהרע זינד, הערט וויא דיעזער פלאן ווערט בעשפראכען און זיא ווארנט ראאול'ן דורך מארסעל. דיא סצענע צווישען איהר און דעם דיענער פון דעם מאן וועמען זיא ליעבט אויף אן אמת איז א העכסט איינדרוקספאלע מוזיקאליש. דער דועט וועלכען זיי זינגען איז דראמאטיש טרילענד אין העכסטען זין. דער רעזולטאט איז דאס ווען דער דועל קומט פאר לויפען צוזאמען א סך קאטאליקען און פראטעסטאנטען, צווישען וועלכע עס קומט פאר א שטרייט. גליקליכערווייזע קומט אן אויף דער סצענע קעניגין מארגעריט און זיא שטילט איין ביידע שטרייטענדע צדדים. דאן דערוויסט זיך ערשט סט. ברי דאס עס איז געוועזן זיין אייגענע טאכטער וואס האט אויפגעדעקט פאר זיינע שונאים דעם פלאן צו הרג'ענען ראאול'ן. ראאול דערוויסט זיך ערשט יעצט דאס וואלענטין ליעבט איהם אויף אן אמת און ניט גראף נעווער, מיט וועמען זיא האט חתונה געהאט, און ער איז בערוישט פון פרייד, אבוואהל זיין הארץ ווערט אין דערזעלבער צייט צוריסען פון דעם וואס זיין הערצענס־געליעבטע בעלאנגט שוין צו אן אנדערן. אונטערדעסען דערהערט זיך מוזיק אויף דעם טייך סעין און עס דערזעהט זיך א שיף, בעפוצט מיט אלערליי קאלירען. דאס קומט נעווער אבצופיהרען זיין כלה צו

זיך אין פּאַלאַץ, און דער פּאָרהאַנג פאַלט אויף אַ סצענע פון אויסער־געוועהנליכען גלאַנץ און רייכקייט.

פיערטער אַקט

אָבער אם שטאַרקסטען איינדרוקספאָל, אם טיעפסטען דראַ־מאַטיש, און אם טהייערסטען מוזיקאַליש איז דער פערטער אַקט, וועלכער קומט פאָר אין איינע פון דיא זאַאלען ביי גראַף נעווער אין שלאָס. וועהרענד וואַלענטינע איז שטאַרק בעזאָרגט וועגען דעם וואָס איהר איז אויסגעקומען צו הייראַטהען מיט אַן אַנדער מאַן וויא דעם יעניגען וועלכען זיא ליעבט, לייפט אַריין אין דער גרעסטער פערצווייפלונג ראַאול. ער האָט ריזיקירט מיט'ן לעבען צו קומען זעהן איהר פאַר'ן לעצטען מאָל. וואַלענטינע בעט איהם ער זאָל גלייך אַנטלויפען, אָבער — צו שפּעט. עס דערהערען זיך טריט פון איהר מאַן, איהר פאָטער און אַנדערע. זיא בעהאַלט ראַאול'ן אין אַן אַנדער צימער און עס קומען אין זאַאל אַריין דיא גרעסטע קאַטאָלישע אַדעל־לייט פון פראַנקרייך. סט. ברי איז זייער פיהרער. געקומען זיינען זיי צו בעשפּרעכען אַ פערשווערונג געגען דיא פּראָטעסטאַנטען און מען הייסט וואַלענטינע אַרויס־געהן. אבער נעווער מישט זיך אַריין און זאָגט דאָס זיין ווייב מעג מען טרויען. זיא בלייבט דאָרט זיצען.

סט. ברי זעצט זיך דאַן אוועק אַנטקעגען דיא איבריגע און לעגט זיי פאָר דעם פּלאַן פון קאַטערינע דע מעדיטשי, נעמליך: אַז אין דיעזער נאַכט, ווען דער סיגנאַל וועט געגעבען ווערען פון דעם קלינגען אין אַ קירכע, זאָלען אַלע פּראָטעסטאַנטען אויסגעשלאַכטעט ווערען. דער איינציגער וואָס שטימט ניט איין מיט דיא קאָנספּי־ראַטאָרען איז גראַף נעווער. ער ענטזאַגט זיך צו זיין אַ קאַלטער גזלן. איך בין אַ סאָלדאַט, זאָגט ער, אָבער ניט קיין מערדער. סט. ברי רופט אָבער אַריין סאָלדאַטען און הייסט זיי האַלטען גראַף נעווער אונטער אַרעסט ביז אין דער פריה. עס קומען דאַן אַריין גלחים, וועלכע בענשען דיא שווערדען און שפּיזען פון דיא קאָנ־ספּיראַטאָרס, וועהרענד נאָנען וויקלען אַרום דיא אָרמס פון דיא קאַטאָליקען מיט אַ ווייסען טוך — אַ צייכען דאָס זיי זאָל מען ניט

אטריהרען. דערנאך געהן אלע ארויס צו טהאן ריא בלוטיגע ארבייט. נור וואלענטינע בלייבט.

ראאול קומט ארויס פון זיין בעהאלטענעם ארט, און וויל גלייך לויפען ווארנען זיינע גלויבענס־ברידער. אבער וואלענטינע פערשטעלט איהם דעם וועג. זיא האט מורא, אז ער וועט דער ערשטער דער׳הרג׳עט ווערען. צווישעןביידע קומט דאן פאר א געוואלדיג שטארקע ליעבעס־סצענע. ביידע זיינען שטערבליך פערליעבט איינער אין צווייטען. ביידע זיינען בערייט אוועקצוגעבען זייערע לעבענס איינער פאר דעם אנדערען. ביידע זיינען בערייט צום העכסטען אפפער. אבער צווישען זיי איז דא א רעליגיעזע וואנד — דיא קאטאליקען האבען זיך אוועקגעלאזט איבער דיא גאסען פון פאריז אויסצוקוילען אלע פראטעסטאנטען. עס הערט זיך דער קלינגען פון א גלאק — א צייכען פאר אנצופאנגען דיא שחיטה. ראאול רייסט זיך צו העלפען דיא פראטעסטאנטען. וואלענטינע פאלט איהם צו דיא פיס, פערשטעלענדיג איהם דעם וועג. זיי זינגען א דועט דאן — א דועט פון אויסערגעוועהנליכען דראמאטיש־מוזיקאלישען צויבער. איהם רייסט צו לויפען אריינווארפען זיך אין קאמפף געגען דיא קאטאליקען, זיא לאזט איהם ניט מיט אלע איהרע קרעפטען, אויס מורא פאר זיין זיכערהייט. פאר א לאנגער צייט געלינגט איהר צו בעהערשען איהם. ער ווערט בעטרונקען מיט ליעבע. „אה, זיסע ליעבעס־נאכט", מורמעלט דער העלדישער ראאול, פיהלענדיג זיך מאכטלאז אין אזא מאמענט פון העכסטען גליק. אבער דאס געדויערט ניט לאנג. דורכ׳ן פענסטער פון דעם הויז וואו דאס פערליעבטע פאארל געפינט זיך דערזעהען זיך דיא פלאמען פון דעם פראטעסטאנטישען קווארטאל. וואלענטינע פאלט אין חלשות פון שרעק. פאר א ווייל'ע ווייס ראאול ניט וואס צו טהאן. אויף איין זייט איז ליעבע, אויף דער צווייטער—פפליכט. נאך א שווערען אינערליכען קאמפף קלייבט ער אבער אויס דעם וועג וואס פיהרט צו פפליכט. ער שפרינגט ארויס דורכ׳ן פענסטער און ווערט פערשוואונדען.

דא ענדיגט זיך דיא האנדלונג אין דער אפערא וויא זיא ווערט

געוועהנליך אויפגעפיהרט. אבער ווי מייערבעער האט דיא אפערא געשריבען איז דא נאך אן אקט, אין וועלכער עס ווערט פארגע־שטעלט דיא שחיטה, וויא פאלגט:

פינפטער אקט.

ראאול קומט אן אין האטעל דע סאן, וואו עס געהט אן א באל פון פראטעסטאנטען. ער שרייט אויס: „צו די וואפען“, און חערצעהלט וואס עס קומט פאר. אלע צולויפען זיך, מיט בלאנקע שווערדען אין זייערע הענד. דיא פראטעסטאנטען פאלען מאסענ־וויז. פיעלע פון זיי קלייבען זיך צוזאמען אויף א בית עולם, וואו עס געפינט זיך א האלבער איינגעפאלענער פראטעסטאנטישער קלויסטער. דארט קומען אן ראאול, מארסעל און וואלענטין. מארסעל דערצעהלט דאס גראף נעווער האט פערלארען זיין לעבען אין א פערזוך איהם צו רעטען. וואלענטינע בלייבענדיג אן אלמנה, בעט זיך ביי ראאול'ן, אז ער זאל ווערען א קאטאליק און זיך רעטען. ראאול ענטזאגט זיך. בעגרייפענדיג אין וואס פאר א געפאהר איהר געליעב־טער איז, ערקלעהרט זיא זיך פאר א פראטעסטאנטין און איז בערייט הייראטהען מיט ראאול'ן אויפ'ן פלאץ. מארסעל בענשט זיי און ערקלעהרט זיי מאן און ווייב. עס קומט אבער אן גראף סט. ברי מיט סאלדאטען און גיט דעם בעפעהל צו שיסען אויף אלעמען. זיין טאכטער וואלענטינע פאלט דיא ערשטע דורכגעלעכערט מיט א קויל.

דערמיט ענדיגט דיזע היסטארישע טראגעדיע, בעארבייט אין א מוזיקאלישער פארמע. דיא ווילדקייט פון דיא קאטאליקען און דיא מארטירערשאפט פון דיא פראטעסטאנטען ווערען אין דיזען געוועהנליך אויסגעלאזענעם לעצטען אקט געשילדערט דורך דער ארקעסטער מוזיק מיט מערקווירדיגער קונסט, מיט אויסערגעוועהנ־ליכע מוזיקאלישע קראפט, מיט גראנדיאזען עפעקט.

דיא מוזיק פון „דיא הוגענאטען“ איז כאראקטעריסטיש פראנצויזיש. מייערבעער, דער דייטש, איז געווארען דער גרעסטער פערטרעטער פון דער פראנצויזישער שוהלע, נאכדעם וויא ער האט אין זיינע איגגערע יאהרען פערפאסט דייטשע און איטאליענישע

אָפּעראַס. דאָס ווייזט וויא שנעל ער האָט זיך געקענט צופּאַסען צו פערשיעדענע אומשטענדען, וויא שנעל ער האָט געקענט בע־גרייפען דיא מוזיק פון א פרעמדע לאַנד, וויא אונבעגרענצט עס זיינען געווען זיינע מוזיקאַלישע פעהיגקייטען.

מייערבעער איז געווען, וויא עס איז צו אַלעמען בעוואוסט, א איד, דער זוהן פון א רייכען דייטשען באַנקיער. ער איז געבאָרען געוואָרען אין בערלין אין 1791 און געשטאָרבען אין פּאַריז אין 1864. זיין אמת'ער נאָמען איז געווען יעקב ליעבערמאַן בעער, אָבער צום לעצטען פאַמיליען נאָמען האָט ער אויף דעם פערלאַנג פון זיינעם א נאָהענטען און רייכען קרוב וועמען ער האָט גע'ירש'ענט צוגעטשעפּעט דעם נאָמען מייער, און פון דעם איז געוואָרען מייער־בעער. שפּעטער, ווען ער האָט געוואָהנט אין איטאַליען, האָט ער דעם ערשטען נאָמען איטאַליעניזירט און פון יעקב ליעבערמאַן בעער איז געוואָרען זשאַקאָמאָ מייערבעער.

דער קאָמפּאָזיטאָר פון „דיא הוגענאָטען" איז ניט געווען „א באַנקיער וואָס שפּיעלט זיך מיט דער מוזיקאַלישער קונסט", וויא זיין געגנער ריכארד וואגנער האָט אויף איהם געזאָגט. ער איז געווען איינער פון דיא גאַנץ גרויסע קאָמפּאָזיטאָרס אין דער וועלט, און זיין אָפּערא „דיא הוגענאָטען" איז, לויט דיא מיינונג פון פיעלע, דער בעסטער ביישפּיעל פון זיין מוזיקאַלישע גרייסקייט.

LE PROPHETE — Meyerbeer

לע פראָפעט

פון זשאַקאָמאָ מייערבעער

פערזאָנען:

יאָהאַנעס פאָן לעידען — טענאָר; גראַף אָבערטאַל — באַריטאָן; מאַטיסען — באַס; זאַכאַריע — באַס; יאָנאַס — טענאָר; בערטהאַ — סאָפראַנאָ; פידעס — מעצאָ־סאָפראַנאָ.

נאָך דעם ערפאָלג וואָס זשאַקאָמאָ מייערבעער האָט געהאַט מיט זיין גרויסע גרענד אָפערא, „די הוגענאָטען", זיינען דורכגעגאַנגען גאַנצע 13 יאָהר ביז ער האָט דער וועלט געגעבען נאָך אַ גרענד אָפערא, אונטער דעם נאָמען „לע פראָפעט". ער האָט אפילו צווישען דיזער צייט פערפאַסט אַן אנדער אָפערא, אונטער דעם נאָמען „פעלד לאַגער אין שלעזיען", אין וועלכער עס איז צום ערשטען מאָל אויפגעטראָטען דיא בעריהמטע זינגערין דזשעני לינד, אָבער דיזע אָפערא איז ניט געווען פון דעם סאָרט צו וועלכע מייערבעער'ס גרענד אָפעראַס בעלאַנגען; און פארגעסען דאַרף מען ניט דאָס אויב מייערבעער'ס אינדיווידואַליטעט האָט זיך אָפגעשפיגעלט אין דיא זאכען וואָס ער האָט מיט זיין מוזיקאַלישען זשעני בעשאַפען זוייען עס דיא גרענד אָפעראַס: „ראָבערט לע דיאַבל", „לע יוגענאָ", „לע פראָפעט" און „ל'אַפריקען".

דאָס מיינט ניט אז מייערבעער האָט זיך אין אנדערע אַ חוץ

גרענד אפעראס ניט אויסגעצייכענט. ווייט פון דעם! מייער־בעער איז געווען א פיעלזייטיגער קאמפאזיטאר. ער האט אלע פארמען פון מוזיקאלישע קאמפאזיציאנען געקענט און ער האט האט געהאט דעם סטיל פון אלע מוזיקאלישע שוהלען אויף זיינע פינגער. זייענדיג דער זוהן פון רייכע און אינטעליגענטע עלטערען האט מייערבעער גענאסען א זעהר גוטע בילדונג. ווען ער איז נאך גע־ווען א קינד האט מען געזעהען אז ער וועט זיין א מוזיקאלישער וואונדער, און צו זיין 11טען יאהר האט ער שוין געגעבען קאנ־צערט אויף פיאנא אין בערלין. מען האט איהם געשיקט צו די בעסטע מוזיקאלישע לעהרערס פון יענער צייט און ער האט זיך אלע מאל אויסגעצייכענט. ער האט שטודירט מיט דער צושטי־מונג פון זיין פאמיליע, דיא מיינסטע וועלכע זיינען געווען וועלט־ליכע מענשען אין ברייטסטען זינען דאס ווארט. זיין ברודער ווילהעלם בעער איז געווען א גרויסער אסטראנאם, זיין ברודער מיכעל בעער איז געווען א בעוואוסטער דראמאטישער פאעט, זא דאס דער יונגער מוזיקער האט ארום זיך געהאט גענוג ביישפיעלע פון פלייסיגקייט און אונערמיעדליכע גייסטיגע טהעטיגקייט; און דאס, נא־טירליך, האט געהאלפען ארויסברייגנען דיא בעסטע קרעפטען וואס זיינען געלעגען פערבארגען אין איהם.

זיין קאריערע אלס קאמפאזיטאר האט מייערבעער אנגעפאנגען זעהר פריה, ווען ער איז נאך קיין 20 יאהר ניט אלט געווען, און דער צווייפעלהאפטער ערפאלג פון זיינע ווערקע האט איהם ווייט פון צופריעדען געשטעלט. דאס האט איהם געטריעבען נאך אי־טאליען, וואו דער בעריהמטער קאמפאזיטאר ר א ס י נ י האט דאן געוועלטיגט, און ער האט זיך גענומען שטודירען דיא מוזיקאלישע ליטעראטור פון יענער מוזיקאלישער מדינה. עס האט ניט גענו־מען לאנג ביז זיין זשעני האט בעשאפען איין איטאליענישע אפערא נאך דער צווייטער. גאנצע 9 יאהר האט ער דארט פערבראכט, און דיא מיינסטע אפעראס וואס ער האט אין דער צייט בעשאפען זיינען וויעדער ניט געווען קיין ערפאלג, מיט דער אויסנאהמע פיעל־לייכט פון איין אפערא: „א י ל ק ר א צ י א ט א“. זיינע פריינד

אין זיין פאטערלאנד זיינע געווען שטארק אונצופריעדען וואס ער האט זיך אוועקגעלאזען זוכען „ביליגע פאפולאריטעט“ אין איטאליען, און ער האט זיך אין 1824 צוריק געקעהרט נאך דייטשלאנד.

דאן זיינען אוועק גאנצע 6 יאהר ביז ער האט בעשאפען אן אפערא. אין דיעזער צייט האט ער פיעל דורכגעמאכט אין פאמיליען לעבען און, מוזיקאליש, האט ער זיך גענומען צו שטודירען פראנצויזישע אפערא, אוועקפאהרענדיג צוליעב דעם נאך פאריז. אבער ווען עס איז פערטיג געווארען זיין ערשטע אפערא אונטער דיא נייע צושטענדע, אונטער פראנצויזישען איינפלוס, האט ער גלייך געוואוסט דאס ער האט בעשאפען זיין ערשטע גרויסע מייסטערווערק. דאס איז געווען אין 1831, ווען עס איז פערטיג געווארען זיין „ר א ב ע ר ט ל ע ד י א ב ל“.

דער ערפאלג פון דיזער אפערא איז געווען אונגעהויער גרויס — אזוי גרויס דאס ווען 5 יאהר שפעטער איז אויפגעפיהרט געווארען „דיא הוגענאטען“ אין פאריזער ראיאל אקאדעמי און מיוזיק איז דער עולם געווען א ביסעל ענטוישט. דיא אונצופריעדענהייט האט אבער לאנג ניט געדויערט, וויל נאך עטליכע פארשטעלונגען פון „דיא הוגענאטען“ האט יעדער איינגעזעהען דאס זיא איז א גרעסערע קונסטווערק וויא „ראבערט לע דיאבל“, דאס זיא איז אן אונצוויייפעלהאפטער פראדוקט פון א מוזיקאלישען זשעני, דאס זיא איז געוויסער מאסען אן עפאכע־מאכענדע אפערא. ווען דער עולם האט זיך אבער צוגעוואהנט צו „דיא הוגענאטען“ איז שוין געווען שווערליך פאר מייערבעער'ן צו קריגען זאפארטיגע אנערקענונג פון זיין „לע פראפעט“. אבער עס האט ווידער ניט גענומען לאנג ביז דער פראנצויזישער עולם האט איינגעזעהן אין דעם נייעסטען פראדוקט פון מייערבעער א גרויסע, פאפולערע מוזיקאלישע קונסטווערק.

„לע פראפעט“ איז פון דאס זעלבע לייננ וויא דיא איבעריגע פון מייערבעער'ס גרענד אפעראס, 5 אקטען, און בעהאנדעלט א היסטארישע פאסירונג. דיזען מאל איז עס וועגען דיא פויערן

אויפשטענדע אין דייטשלאַנד, אין ערשטען טהייל פון זעכצעהנטען
יאָהרהונדערט. דער הויפּט העלד פון דיזער אָפּערא, דער פּראָ־
פעט, איז יענער בעוואוסטער יאָהאַנעס פאָן לעידען, וועלכער האָט
געשפּיעלט א קורצע ראָלע אין דער געשיכטע פון דייטשלאַנד אַלס
קעניג פון דיא פאַנאַטישע אַנאַבאַפּיסטען (ווידער־טויפער) אין
דער שטאָדט מינסטער. מען קען ניט זאָגען אַז דראַמאַטיש איז דיא
אָפּערא גוט אויסגעאַרבייט, אַז דיא געשילדערטע כאַראַקטערע זיי־
נען וויא טאַקע פון לעבעדיגע פּערזאָנען, אָבער וואָס האָט דאָס
מייערבעער׳ן געאַרט זאָלאַנג ער האָט געהאַט א געלעגענהייט פאַר־
זיינע טהעאַטראַלישע קונצען!

דיא דראַמאַטישע ענטוויקלונג פון „לע פּראָפעט“ איז וויא
פאָלגט:

ערשטער אַקט

וועון דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף זעהט זיך דיא געגענד אַרום
דאָרדרעכט. רעכטס איז א פעאָדאַלער שלאָס, לינקס זיינען דיא
הייזקעס פון פויערן. עס איז פריהמאָרגען. פיעלע פאַנשטשיניקעס
קומען פון פעלד פריהשטיקען. פון איינע פון דיא הייזקעס קומט
אַרויס ב ע ר ט ה א, א פויערן מיידעל, א יתומה. זיא איז א כלה
פאַר י אָ ה א ן דעם שענקער און היינט דאַרף זיא צו איהם אָפּפאָה־
רען חתונה האָבען. זיא וואַרט אויף איהר חתן׳ס מוטער, פ י ד ע ס,
וועלכע איז ספּעציעל געקומען איהר אָפּפיהרען צו זיך א היים.
בערטהא דאַרף לאַנג ניט וואַרטען. פידעס קומט אָן פערטיג אָפּצו־
פאָהרען, אָבער בערטהא ערקלערט איהר דאָס זיא קען ניט חתונה
האָבען אָהן דיא ערלויבניס פון ג ר א ף אָ ב ע ר ט א ל, דעם הער־
שענדען פּריץ פון דער געגענד, וועלכען זיא וויל יעצט לויפען אויפ־
זוכען.

עס ווייזען זיך אָבער אויף דער סצענע דריי פרעמדע פּערזאָנען,
מאָדנע געקליידעט, וועלכע דערשרעקען א ביסעל דיא צוויי פרויען.
דיא דריי זיינען ז א כ א ר י ע, מ א ט י ס אָ ן און י אָ נ א ס. זיי
זיינען געקומען פערשפּרייטען דעם אויפשטאַנד צווישען פּראָסטען
פאָלק. זאַכאַריע איז דער הויפּט אַגיטאַטאָר. ער קעהרט זיך צו

דיא פויערן און זאגט זיי אז דיא צייט איז געקומען אז זיי זאלען זייערע דריקער צוטרעטען מיט דיא פיס און זעלבסט ווערן הער־שער איבער אלע לענדער און גיטער. דיא פויערן ווערן אויפגע־רעגט, בעגייסטערט פאר דער נייער אידעע, און כאפען זיך צו זיי־ערע ארבייטס-געצייג, שווערענדיג טרייהייט צו דער פראפאגאנדע. פלוצלונג עפענט זיך אבער דיא טהיר פון דעם גרויסען שלאס און עס קומט ארויס גראף אבערטאל, בעגלייטעד פון זיין סוויטע. ער פרעגט זיך נאך אויף דיא דריי פרעמדע מענשען, אויב זיי זיינען ניט פון דיא רעפארמער, פון דיא אנאבאפטיסטען, וועלכע ער האט געהערט אז זיי פערשפרייטען זיך איבער'ן גאנצען לאנד, און דיא דריי אנאבאפטיסטען ענטפערן אז יא. דער גראף קוקט זיך אין זיי איין און דערקענט אין יאנאס'ן א געוועזענעם דיענער זיינעם. ער הייסט זיינע סאלדאטען דיא רעבעלען פערטרייבען, און זיין בעפעהל ווערט פינקטליך דורכגעפיהרט.

דער גראף דערזעהט בערטהא'ן, וועלכע איז זעהר שעהן און רייצענד, און צוגעהענדיג צו איהר, פרעגט ער איהר וואס זיא וויל. א דערשראקענע בעט ביי איהם בערטהא דיא ערלויבניס צו הייראטהען מיט יאהאן, וועמעס מוטער געפינט זיך ביי איהר זייט. אבער דער גראף האט דיא פהיוויליגיע פון דער ערשטער נאכט און ער וויל איהר ניט בעפרייען. סאלדאטען נעהמען בערטהא און פידעס'ן מיט געוואלד אין שלאס אריין, און דיא פאנשטשיניקעס וואס האבען עס פון ווייטען צוגעזעהען קעהרען זיך אום צו דעם פלאטץ וואו דיא דריי אנאבאפטיסטען געפינען זיך. דער רעוואָ־לוציאנערער גייסט איז פערזייהט, דיא אונטערדריקטע פויערן זיי־נען פערקאכט אין דער נייער אידעע, און ווען זיי דערזעהן דיא דריי אגיטאטארס פאלען זיי אויף דיא קניע אוים התלהבות.

צווייטער אקט

אין דעם צווייטען אקט זעהט זיך שוין יאהאן'ס שענק, אין א פארשטעטיל פון לעידען. עס איז אבענד. פויערן זיצען און טרינ־קען און זיינען גאנץ לוסטיג. נור יאהאן איז פער'דאגה'ט. ער איז בעאונרוהיגט פון דעם וואס ניט זיין מוטער און ניט זיין כלה

וויזט זיך. עס קומען אריין די דריי אנאבאפטיסטען, און וויא
נור די אויגען פון יאנאס פאלען אויף'ן שענקער ווערט ער אויפ־
גערעגט און פערטרויט זיינע צוויי קאלעגען א סוד, דאס דער פנים
פון דיזען יונגען מאן איז זעהר עהנליך צו די בילד פון דוד המלך
וועלכע ווערט פון אלעמען אזוי שטארק בעוואונדערט אין מינסטער.
די דריי אנאבאפטיסטען קוקען זיך אן איינע די אנדערע. זיי
פאלט איין א געדאנק אין קאפ. דער יונגער מאן קען נוצען פאר־
זייערע צוועקען. „ווער איז דער יונגער מאן?" פרעגט יאנאס
ביי א פויער און צייגט אן אויף יאהאן. „דאס איז יאהאן, דער
ווירטה פון הויז," ענטפערט דער פויער; „א גוטער מענש איז ער,
און א געזונדער אויך! ער איז מוטהיג און אזוי פרום! ער קען דעם
גאנצען ביבעל אויף אויסענווייניג."

אונטערדעסען ווערט יאהאן נאך מעהר אונרוהיג. עס איז
שפעט. ער בעט די פויערן צו געהן א היים. די אנאבאפ־
טיסטען נעהמען פון איהם די אויגען ניט ארונטער, און זאכאריע
גיט איהם א פרעג גוטמוטהיג וואָרום ער געהט ארום אזוי פער־
זארגט. ער ענטפערט דאס ערווארט אויף זיין כלה און אויף זיין
מוטער. ער דערצעהלט אבער אויך דאס ער האט די פאריגע
נאכט געהאט א מאדנעם חלום. ער האט געטרוימט פון א קרוין,
פון א טהראן, פון גאלד און דימאנטען, פון א סך בלוט און פון א
גליקליכע ענדע. דערהערענדיג דאס זאגען איהם די אנאבאפ־
טיסטען אז דער חלום בעדייטעד דאס ער, יאהאן, וועט נאך א
מאל חערשען. זיי בעטען איהם ער זאל געהן מיט זיי און ער וועט
זיכער ווערן קעניג. אבער יאהאן מיינט זיי לאכען פון איהם און ער
טרייבט זיי ארויס.

פלוצלונג רייסט זיך אויף די טהיר, און עס לויפט אריין אין
דער גרעסטער שרעק בערטהא. זיא איז אנטלאפען פון דעם
גראף'ס לאפעס, זאגט זיא אויף שנעל; סאלדאטען לויפען איהר
נאך, און זיא מוז זיך ערגיץ בעהאלטען. יאהאן האט קוים צייט
צו בעהאלטען איהר הינטער די טרעפ, ווען עס קומט אריין גראף
אבערטאל בעגלייטעט פון סאלדאטען און פאדערט אז יאהאן זאל

איהם ארויסגעבען בערטהאַ׳ן; ווען ניט, וועט פאַר זיינע אויגען געטוידטעט ווערן פידעס, זיין מוטער. יאָהאַן איז אין דער גרעס־טער פערצווייפלונג. ער דאַרף אויסקלייבען צווישען ליעבע פאַר זיין כלה און ליעבע פאַר זיין מוטער. ענדליך גיט ער איבער בערטהאַ׳ן צוריק אין דיא הענד פון׳ם הערצלאָזען גראַף און זיין מוטער פידעס ווערט ארייִנגעפיהרט, מעהר טוידט וויא לעבעדיג. קומענדיג צו זיך, און בעגרייפענדיג וויפיעל איהר זוהן האָט מקריב געווען פאַר איהר, בענטשט זיא איהר זוהן מיט אמת׳ע מוטער־ליעבע, אָבער יאָהאַן איז אַלץ אויסער זיך. ער דערהערט פון וויי־טען וויא דיא אַנאַבאַפּטיסטען זינגען און ער רופט זיי אריין. ער וועט זיי נאָכגעהן, זאָגט ער, אויב זיי פערזיכערען איהם דאָס ער וועט האָבען א געלעגענהייט צו ראַכע נעהמען פון גראַף אָבערטאַל. זיי פערשפּרעכען איהם אַלעס. ער וועט הערשען, ער וועט ראַכע נעהמען פון אַלע אונטערדריקער, ער וועט טראָגען א קרוין. זיי רעדען איהם איין צו פערלאָזען דאָס הויז אָהן א וואָרט צו דער מוטער, זאָל זיא דענקען אז ער איז טוידט. עס איז בעסער אזוי פאַר דער הייליגער זאַכע ד״ר וועלכער זיי געהן זיך אָננעהמען, רע־דען זיי איהם איין.

דריטער אַקט

ביים דריטען אַקט זעהן מיר שוין דעם לאַגער פון דער אַנאַ־באַפּטיסטען ארמעע אין וועסטפאַליען. עס זעהט זיך א פערפראָ־רענער טייך, ארומגערינגעלט פון א געדיכטען, מיט שנעע בעדעקטען וואַלד. פון דער וויטען הערט זיך א שטאַרקער טומעל, אזוי וויא א שלאַכט וואָלט דאָרט געפיהרט געוואָרען. עס קומען אריין סאָל־דאַטען מיט געפאַנגענע, וועלכע זיינען מייסטענס פריצים, שעהן און רייך געקליידעט. דיא אַנאַבאַפּטיסטען ווילען זיך ארויפוואַרפען אויף דיא געפאַנגענע, אָבער מאַטיסען מישט זיך אריין און זאָגט אז מען זאָל זיי בעסער האַלטען פאַר אויסלייז געלד. דאַן קומט אריין שטאַלץ און זיגעריש זאַכאַריע אָן דער שפּיצע פון אן אָפּ־טהיילונג סאָלדאַטען. דערנאָך קומען אריין מיידלאַך (באַלעט) און ברייִנגען פערשיעדענע שפּייזען פאַר דיא סאָלדאַטען. עס ווערט

זעהר לעבעדיג אין לאגער. מען טאנצט און מען זינגט ביז עס ווערט דונקעל. דאן פערוואנדעלט זיך דיא סצענע.

(פערוואנדלונג)

עס זעהט זיך זאכאריע'ס געצעלט. דער פיהרער פון דעם פּראָפּעט'ס חיל איז פערטיעפט אין א געשפּרעך מיט מאטיסען ווע־גען דעם צושטאנד אין מינסטער. מאטיסען דערצעהלט דאָס דער דייטשער קייזער אליין קומט אָן מיט א גרויסער אַרמעע צו העלפען מינסטער געגען דיא אנאבאפּטיסטען, און דיא שטאָדט מוז דארום נאָך היינט בייננאכט געשטורעמט ווערן. דער געשפּרעך ווערט אָבער איבערגעשלאָגען פון יאָנאס'ן, וועלכער ברייננט צופיהרען גראף אָבערטאל אלס א געפאנגענעם. זיי זעהן ניט אין דער פינס־טער, אז דער געפאנגענער איז אָבערטאל און ווען ער פערזיכערט זיי דאָס ער וויל ווערן איינער פון זייערע, גלויבען זיי איהם. עס ווערט אָבער שפּעטער אריינגעבראכט א ליכט און דער גראף ווערט דערקענט. פערשטעהט זיך אז מען גלעט איהם ניט איבער'ן באק. זאכאריע הייסט דעם גראף צוגרייטען זיך צום טוידט, אבוואהל יאָנאס צווייפעלט אויב אזא היגריכטונג דארף פאָרקומען אָהן דעם פּראָפּעט'ס וויסען. אין דער זעלבער מינוט קומט אָבער אריין יאָהאן, דער פּראָפּעט זעלבסט, און ער הייסט אלעמען ארויסגעהן א חוץ גראף אָבערטאל. דער לעצטער טהוט יעצט תשובה און ניט צו אז ער האָט פערדיענט דעם טוידט פאר אוועקרויבען בערטהא'ן פון איהר געזעצליכען חתן. ער דערצעהלט דאָס בערטהא איז ארויסגעשפּרונגען פון שלאָס אין טייך אריין און ערשט פאָריגען טאָג האָט מען איהר געזעהן אין דיא גאסען פון מינסטער. דער פּראָפּעט זאָגט דאן צו דיא סאָלדאטען אז זיי זאָלען דעם גראף ניט אָנריה־רען, ווייל ער וויל דאָס בערטהא זאָל זיין ריכטער איבער איהם, און דיא סצענע פערוואנדעלט זיך ווידער.

(פערוואנדלונג)

דער לאגער פון דיא אנאבאפּטיסטען זעהט זיך נאָך א מאָל, אָבער גאנץ אנדערע געשרייען הערן זיך יעצט צווישען דיא סאָלדאַ־טען. פון מינסטער איז ארויסגעקומען אַן אַרמעע און האָט פער־

טריבען דיא אנאבאפטיסטען. „עס איז דעם פראפעט'ס שולד!“ שרייען פיעלע. „דער פראפעט איז א פאלשער — טויטעט איהם!“ שרייען אנדערע. „ער האט צוגזעאגט איינצונעהמען מינסטער און קען עס ניט טהאן,“ א. ז. וו. עס בעווייזט זיך אויף דער סצענע דער פראפעט און בעפעהלט זיינע אייגענע רעבעלען צו פאלען אויף דיא קניע און בעטען גאט אז ער זאל זיי פארגעבען זייערע זינד. דיא סאלדאטען פאלגען איהם. דער פראפעט זעלבסט רופט צו גאט נאך הילפע. אלע ווערען רעליגיעז־בעגייסטערט. דער פראפעט צייגט אן מיט זיין האנד אויף דער ריכטונג וואו דיא שטאדט מינסטער געפינט זיך, און יעדער פון זיינע נאכפאלגער ווערט איהם וויעדער טריי וויא פריער, און ביים ענדע, ווען דער פאָרהאנג פאלט, ריהרט זיך דער גאנצער לאגער איינצונעהמען דיא וויכטיגע שטאדט.

פיערטער אקט

דיא שטאדט מינסטער איז שוין איינגענומען. עס זעהט זיך א סקווער, מיט א פאלאץ רעכטס. עס לויפען ארום מענשען היין און צוריק אין דער העכסטער אויפרעגונג. עס הערען זיך פערשיעדענע געשרייען. סאלדאטען שרייען: „עס לעבע דער פראפעט!“ בירגער שרייען, אבער אין דער שטיל: „ארונטער מיט דעם פראפעט!“ עס קומט אריין פידעס, מיט צוריסענע קליידער, און אוועקזעצענדיג זיך אין א ווינקעל אויף א שטיין בעט זיא נדבות. שפעטער קומט אריין בערטהא, געקליידעט וויא א פילגרים. פידעס נעהמט צו איהר רעדען און בערטהא דערקענט איהר. פידעס פרעגט איהר ווארום זיא געהט אזוי געקליידעט, און בערטהא דערצעהלט איהר וויא זיא איז אנטלאפען פון דעם גראף און וויא זיא זוכט איהר חתן יאהאן. „פיהר מיך צו דיין זוהן,“ זאגט זיא; „וואו איז דיין זוהן?“ פידעס מאכט זיך הארץ און דערצעהלט איהר דאס יאהאן איז טויטט; זיא האט זיינע בלוטיגע קליידער געפונען; אזוי ווייזט עס אויס איז דער ווילען פון דעם פראפעט, טרויסט זיא זיך. „ווער? ער! יענע חיה! יענער טיראן! דער בעטריגער וואס

פערטרינקט גאַנץ דייטשלאַנד אין א ים בלוט!" שרייט אויס בערטהא, מיינענדיג דעם פּראָפּעט.

„יאָ, ער האָט געטוידטעט מיין זוהן," ענטפערט פידעס.

„לאָמיר איהם בעשטראָפען," זאָגט בערטהא. זיא איז גוט בעקאַנט מיט דעם פּאַלאַץ פון מינסטער. איהר זיידע, אַן אַלטער סאָלדאַט, איז געווען א וואַך דאָרט. זיא וועט שוין געפינען א מיטעל וויא צו דעם בלוטיגען פּראָפּעט צוצוקומען, פערזיכערט זיא מיט ענטהוזיאזמוס.

(פערוואַנדלונג)

עס זעהט זיך יעצט דיא הויפּט־קירכע פון מינסטער. דיא בעריהמטעסטע אנאבאַפּטיסטען קומען אריין אין גראַנדיאָזע פּראָצעסיאָן. היא קרוין ווערט געטראָגען פון דיא וועהלער. יאָהאַן נעהט נאָך געקליידעט אין ווייסען, ארומגערינגעלט פון א שטאַרקע וואַך. דער עולם אין קירכע ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער. עס הערען זיך דיא טענער פון מוזיק. אַלעס בלישצעט און שיינט. דיא סצענע איז פול מיט קאָליר פאַר'ן אויג און פאַר'ן אויער.

מיט א מאָל דערהערען זיך טרומפּייטען, א צייכען אַז דיא קאָראָנאַציע פון דעם פּראָפּעט האָט שוין אָנגעפאַנגען. דער עולם פאַלט אויף דיא קניע. יאָהאַן ווייזט זיך יעצט אין דיא קליידער פון א מאָנאַרך מיט א קרוין אויף'ן קאָפּ. אַלע אויגען זיינען געווענדעט אויף איהם. פידעס, וועלכע געפינט זיך צווישען דעם עולם, קוקט אויך אויף'ן געקרוינטען פּראָפּעט און רופט אויס: „מיין זוהן!" דער פּראָפּעט דערזעהט איהר און זיין ליעבע צו דער מוטער ערוועקט זיך. ער וויל צו איהר א שפּרונג טהאָן, אָבער ער ווערט געווארנט אין דער שטיל פון זיינע פריינד ניט צו פערראַטהען זיך. יאָהאַן בעגרייפט זיין לאַגע און פרעגט געלאַסען: „ווער איז זיא?"

„ווער בין איך?" שרייט יעצט וויא ניט מיט איהר שטימע פידעס. „איך בין דיא וואָס האָט דיך ערצויגען, וואָס האָט דיך אויף דיא הענד געטראָגען, וואָס וויינט פאר דיר, וואָס ליעבט דיך בעסער וויא אַלץ אין דער וועלט."

עס ווערט א טומעלדיגער טומעל. פידעס איז אין געפאַהר

דערהרג׳עט צו ווערן. איהר יאהאן, דער געקרוינטער פּראָפעט, בעגרייפט עס, און ער ערקלעהרט איהר פאר וואהנזיניג. ער וועט איהר אָבער אויסהיילען, זאָגט ער, און מאַכע דאָ אויף׳ן פּלאַטץ, פאר אלעמען אין דיא אויגען! ער וועט בעווייזען א וואונדער. און צוגעהענדיג נעהענטער צו איהר, בעט ער איהר אין א זאנפטער שטימע אז זיא זאָל אנערקענען איהר טעות. צו דיא איבעריגע קעהרט ער זיך אום און זאָגט, אז זיי מעגען איהם דערשטעכען מיט זייערע שווערדען אויב ער וועט אויף איהר ניט ווירקען. פידעס פערשטעהט דאָ גלייך וואָס איהר זוהן וויל פון איהר און אין וואָס פאר א געפאהר ער שטעלט זיך צוליעב איהר, און איהם צו רעטען ענטפערט זיא יעצט דאָס ער איז ניט איהר זוהן. „וואָס פאר א נס!“ מורמלען אלע דאביישטעהענדע מיט גרוים התפּאלות. פידעס ווערט אַפּגעפיהרט אין געפענגניס, אָבער אויפ׳ן וועג בעגעגענט זיא בערטהא׳ן און זיא דערמאָהנט זיך אז בערטהא האָט גענומען א שבועה דעם פּראָפעט צו ערמאָרדען, ניט וויסענדיג דאָס ער איז איהר פריהעריגער געליעבטער. „גאָט אין הימעל, בערטהא וועט איהם דאָך דער׳הרג׳ענען!“ שרייט אויס פידעס אין גרוים פער־צווייפלונג.

פינפטער אַקט

ווען דער פאָרהאנג הויבט זיך אויף פאר׳ן לעצטען אקט זעהט זיך אן אונטעראירדישער צימער אין דעם פּאלאַץ פון מינסטער. דיא דריי אנאבאפּטיסטען זאכאריע, מאַטיסען און יאָנאס בע־ראטהען זיך. דער דייטשער קייזער קומט אָן אין מינסטער מיט א פערגרעסערטע ארמעע און אויב זיי וועלען איהם ארויסגעבען דעם פּראָפּעט וועט ער זיי שענקען זייערע לעבענס. דיא קאָנספּיראַטאָרען בעשליסען ענדליך צו פערראטהען דעם פּראָפעט און געהן ארויס דורך א זייט־טהיר, גראדע ווען סאָלדאטען האלטען אין אריינפיהרען אהין פידעס אלס געפאנגענע. בלייבענדיג אליין בעטראַכט פידעס איהר לאגע. צוערשט פערדאמט זיא איהר זוהן, אָבער דערנאָך ענטשולדיגט זיא איהם. א דיענער קומט אריין און מעלדעט דאָס דער פּראָפעט זעלבסט קומט צו איהר. זיא ווערט ערפרעהט. דער

פּראָפּעט קומט אַריין איינגעהילט אין אַ מאַנטעל. ער פאַלט פאַר איהר אויף דיא קניע און בעט פערצייהונג. אָבער יעצט וויל איהם פידעס ניט אַנערקענען פאַר איהר זוהן, זאָלאַנג ער וועט שפּיעלען דיא פאַלשע ראָלע פון פּראָפּעט און פערגיסען אַזוי פיעל בלוט. עס גנב'עט זיך אַריין בערטהאַ אין דעם צימער, מיט דעם צוועק אונ־טערצוצינדען דיא גאַנצע געביידע. זיא דערקענט יאָהאַן, איהר חתן, און ניט ווייסענדיג דאָס ער איז דער פּראָפּעט ווערט זיא שטאַרק ערפרעהט פון דער בעגעגעניש. עס קומט אָבער שפּעטער אַריין איינער און וואַרנט דעם פּראָפּעט געגען אַ פערשוועררונג וואָס איז פון שונאים געמאַכט געוואָרען. בערטהאַ בעגרייפט דאַן דאָס איהר יאָהאַן איז דער פּראָפּעט און זיא דערשטעכט זיך אויס פער־צווייפלונג. זיא ליעבט יאָהאַן, אָבער זיא האַסט דעם פּראָפּעט, זאָגט זיא שטאַרבענדיג. יאָהאַן האָט געוויסענסביסע און ער בע־שליסט ענדליך צו מאַכען אַן ענדע פון זיך, אָבער ניט איידער ער וועט בעשטראָפען דיא שולדיגע אין אַלע זיינע פערברעכענס אַלס פּראָפּעט.

(פערוואַנדלונג)

דיא סצענע פערוואַנדעלט זיך אין דעם באַנקעט זאַל פון דעם פּאַלאַץ. אַרום דיא טישען זיצען פיעלע געסט, וועלכע הערען ניט אויף צו בעזינגען היא גרויסקייט פון דעם פּראָפּעט. אָבער דער פּראָפּעט זעלבסט מאַכט פּלענער אין דער זעלבער צייט וויא זיך און אַלע אַנדערע צו פערניכטען. ער גיט אַ בעפעהל צו צוויי פון זיינע דיענער דאָס אַזוי שנעל וויא דער שונא וועט זיין אין טהויער זאָלען דיא טהירען צום גאַס צוגעשלאָסען ווערן און דיא ברענענדע מאַטעריאַלען וואָס ער האָט אָנגעגרייט זאָלען דאַן אונטערגעצונדען ווערן. דערנאָך קעהרט ער זיך אום צו זיינע געסט און ווייזט זיך צו זיי אַרויס העכסט פריינדליך. פּלוצלונג עפענט זיך דיא טהיר און עס קומען אַריין דער ביסקופּ פון מינסטער, דיא וועהלער פון וועסטפאַלען און דיא דריי פעררעטהערישע אנאַבאַפּטיסטען. „איהר זייט אַלע מיינע געפאַנגענע", שרייט אויס דער פּראָפּעט, און עס הערט זיך אַ קראַך. פון אַלע זייטען שפּרינגען אויף פלאַמען

פייער און פערצעהרען אַלעס און אַלעמען. דער פאָרהאַנג פאַלט אויף א שרעקליכע סצענע.

דאָס איז דער סוזשעט פון „לע פראָפעט", און ווער וועט זאָגען אז מייערבעער איז ניט געוועזן קיין שונד דראַמאַטיקער? אמת, די ליברעטאָ איז פערפאַסט געוואָרען פון אַן אַנדערן (דעם בעַ־וואוסטען שרייבער ס ק ר י ב), אָבער דאָס ענדערט ניט דעם פאַקט דאָס מייערבעער האָט אַליין געזוכט אַזעלכע טהעמאַס וואָס זאָלען איהם געבען א געלעגענהייט צו פערפאַסען טהעאַטראַלישע מוזיק. עפעקטען רייכע, דאָס איז געוועזן דער ציעל פון מייערבעער — בלישצענדע, גלאַנצענדע, בריליאַנטענע עפעקטען! אַזא סצענע האָבען מיר אין „לע פראָפעט" אין דריטען אַקט, אין דעם לאַגער פון די אַנאַבאַפּטיסטען, און אין דעם פיערטען אַקט, ווען דער פראָפעט ווערט געקרוינט אין דער הויפּט־קירכע פון מינסטער. פון יעם שטאַנדפונקט פון ריינע קונסט זיינען די קאָלירען אין דיזע סצענעס צו שטאַרק, אָבוואָהל מען קען ניט לייקענען אז מאַנכע טהיילען פון דער מוזיק אין דיזע סצענעס זיינען וואונדער שעהן און זאָגאַר געטליך זיס. די צרה מיט מייערבעער׳ס אָפּעראַס איז וואָס זייט ביי זייט מיט די גאָלד און דיאַמאַנטען ליגען אַנגעוואָרפען גרויסע שטיקער מעש און די ביליגסטע שטיינער...

איינע פון די פיינסטע מוזיקאַלישע מאָמענטען אין „לע פראָפעט" איז אין דעם צווייטען אַקט ווען נאָכדעם ווי יאָהאַן ניט איבער זיין געליעבטע כלה אין די הענד פון גראַף אָבערטאַל און קויפט דערמיט אויס דעם לעבען פון זיין מוטער, זינגט פידעס „אה! מאָן פיס, סוא בעני!" („אה, מיין זוהן, זיי געבענשט!") אין אַלגעמיין איז די ראָלע פון פידעס די וויכטיגסטע אין דיזער אָפּערא. ווען זיא געהט אַרום אין מינסטער בעטלענדיג נדבות, אין פיערטען אַקט, זינגט זיא איינדרוקספאָלע קופּלעטען. דער כאָר פון אַנאַבאַפּטיסטישע סאָלדאַטען אין דריטען אַקט, ווען עס ווערט געזונגען די ברוטאַלע ליעד „די סאַן, די סאַן", איז אָהן צווייפעל א פּראַכטפאָלע זאַך. אָבער אַם שטאַרקסטען, אַם פּראַכטפאָלסטען און אַם איינדרוקספאָלסטען איז די מוזיק ביי דער קאָראָנאַ־

ציע אין פיערטען אַקט. ווער וואָס הערט נור גוטע מוזיק פון צייט צו צייט האָט ניט געהערט דעם „קרוינונגס־מאַרש“, וועלכער איז בעריהמט איבער דער גאַנצער וועלט? אין דיזער מוזיק צייגט זיך מייערבעער ארויס אם בעסטען, אם קרעפטיגסטען.

מייערבעער האָט גוואַלדיג שטאַרק ליעב געהאַט דיא „גאַלערעע“, און דאָס ערקלעהרט געוויסערמאַסען דיא אורזאַכע פידעם וואָס אין זיינע אָפּעראַס איז דאָ אזוי פיעל מוזיקאַלישע באָמבאַסט, אזוי פיעל אָנגעפּאַטשקעטער קאָליר, אזוי פיעל סענזאַציאָנעלער דראַמאַטישער עפעקט. אָבער טראָטץ היא פעהלערען זיינען דיא מייערבעער גרענד אָפּעראַס נאָך עד היום פּאָפּולער אין אַלע ציוויליזירטע לענדער. אין דיזע אָפּעראַס איז דאָ פיעלעס וואָס איז ערהאַבען, וואָס איז אמת טרילענד, וואָס איז ווירקליך וואונדערבאַר.

LA JUIVE — Halevy

דיא יודין

פון זשאַק פראַנסואַ האַלעווי

פערזאָנען:

פירסט לעאָפּאָלד — טענאָר; רודזשיערא — באַריטאָן; קאַרדינאַל יאָהאַן — באַס; אליעזר — טענאָר; אַלבערט — באַריטאָן; רחל — סאָפּראַנאָ; פירסטין אײדאָרא — סאָפּראַנאָ.

עס איז ניט מעהר ווי א צופאל, דאָך אָן אינטערעסאַנטער פאַקט, דאָס אין פראַנקרייך זיינען א גרייסער פּראָצענט פון דיא פּאָפּולערע גרענד אָפּערא קאָמפּאָזיטאָרס געווען אידען. זשאַק פראַנסואַ פראָמענטהאל עלי האלעווי וואַר אייננער פון זיי, און דיא אָפּערא, דורך וועלכע ער האָט זיך זעהר בעריהמט געמאַכט, איז: „לאַ זשוויוו״ („דיא יודין״).

דערפאַר איז עס שוין גאַרניט קיין צופאל, זאָנדערן דער רעזולטאַט פון געוויסע שטאַרקע אורזאַכען, וואָס כמעט אלע אידישפראַנצויזישע קאָמפּאָזיטאָרס האָבען זיך אויסגעצייכענט אין דראַמאַטישע אָפּערא, וועהרענד אין לירישע אָפּערא האָבען זיי קיין שום ערפאָלג ניט געהאַט. דיא אורזאַכען פון דעם וועלען מיר ניט בעשפּרעכען דאָ. *) עס איז דערווײלע גענוג

---

*) אַ גענויע בעשפּרעכונג פון דיזער פראַגע וועט דער פערפאַסער געבען אין א געפּלאַנטען צווייטען בוך, אין וועלכען ער וועט בעהאַנדלען דיא שטעלונג פון ריכאַרד וואַגנער צו זשאַקאָמאָ מײערבעער. — וו. ע.

צו וויסען דעם פאַקט. רעדענדיג פון האַלעווי אַלס קאָמפּאָזיטאָר גילט „דיא יודין“ אַלס דער בעסטער ביישפּיעל פון זיין סטיל, זיין זשעני, זיינע מעלות און חסרונות, און זיין פּלאַטץ אין דער מוזיקאַלישע וועלט. אַלע מוזיקאַלישע קריטיקער גיבען צו דאָס האַלעווי האָט קיין בעסערעס און גרעסערעס ניט בעשאַפען אין זיין לאַנגער קאַריערע וויא דיא אָפּערא: „דיא יודין.“

עס איז געוועזען אין דעם יאָהר 1835 דאָס גאַנץ אייראָפּא האָט דורך דיזער אָפּערא זיך דערוואוסט פון האַלעווי. דער קאָמפּאָזיטאָר איז נאָך דאַן געוועזען א יונגער מאַן (36 יאָהר אַלט). ער האָט אפילו שוין געהאַט פריער בעשאַפען א האַלבען דוצענד אָפּעראַס, מאַנכע וועלכע האָבען איהם געמאַכט בעריהמט אין פּאַריז, וואו ער איז געבאָרען געוואָרען פון אידישע עלטערן; אָבער ערשט מיט דער אָפּערא „דיא יודין“ האָט ער זיך געמאַכט א גרויסען שם אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער, וואו מען האָט זיך אינטערעסירט מיט מוזיק. אין דיזער אָפּערא האָט ער זיך ארויסגעצייגט א מייסטער אין שילדערן מוזיקאַליש־מעלאָדראַמאַטישע מאָמענטען, אונגיפעהר וויא מייערבעער האָט עס בעוויזען אין זיינע גרענד אָפּעראַס. האַלעווי האָט זיך אָבער ווידערהאַלט אין זיינע פּראָזען פיעל בעסער וויא מייערבעער, און דאָס האָט געמאַכט זיין מוזיק א ביסעל צו מאָנאָטאָן, צו לאַנגווייליג. האַלעווי האָט אָהן צווייפעל געהאַט א גרויסע פּאָעטישע נשמה, אָבער איהם האָט געפעהלט יענע ארטיסטישע „גלייך־געוויכט“, וועלכע איז צו מערקען ביי דיא מעהרסטע פון דיא אונשטערבליכע קאָמפּאָזיטאָרס.

אינטערעסאַנט איז וואָס האַלעווי האָט אין דער אָפּערא „דיא יודין“ בעשאַפען מוזיקאַליש אַן איינדרוקספאָלען אידישען כאַראַקטער, א נאַטירליכען אידישען בילד, אין דער פּערזאָן פון א ל י ע ז ר, וועלכער איז איינער פון דיא הויפּט־פיגורען אין דער דראַמאַטישער האַנדלונג. דער גאַנצער סוזשעט פון דיזער אָפּערא האָט א אידישען הינטערגרונד און איז פאַר אידען העכסט אינטערעסאַנט. דיא האַנדלונג וועלכע קומט פאָר אין פונפצעהנטען יאהרהונדערט איז וויא פאָלגט:

ערשטער אַקט.

אין דער אַלטער דייטשער שטאָדט קאָנסטאַנץ ווערן גרויסע צערעמאָניען פאַרבערייטעד פאר דיא אויפנאַהמע פון דעם מיליטע־ריש־זיעגרייכען פ י ר ס ט ל ע אָ פּ אָ ל ד. ק ע נ י ג ז י־ג י ס מ ו נ ד און ק אַ ר ד י נ אַ ל י אָ ה אַ ן בעטהייליגען זיך אין דעם פעסט, און אַלע קריסטליכע איינוואָהנער מאַכען אַ גרויסען הייליגען יום טוב פון דעם טאָג. ניט ווייט אָבער פון דעם סקווער, וואו דיא הויפּט־פּאַראַדען ווערן געמאַכט, געפינט זיך דיא וואָהנונג פון דעם גאָלד־שמיד אליעזר. דיא צוויושעטע קריסטליכע מאַסען קענען ניט דולדען וואָס פון דיעזער הויז הערן זיך דיא קלאַנ־גען פון האַמערס מיט וועלכע דער איד אַרבייט, און ר ו ד ז ש י ע־ר אַ, בעגלייטעד פון עטליכע סאָלדאַטען, נעהט אַהין אריין און שלעפּט ארויס אויף'ן גאַס דעם איד מיט זיין טאָכטער ר ח ל. דער איד טענה'ט, אז ער האָט אַ פאָלשטענדיגען רעכט צו ארבייטען אין אזא טאָג, אָבער דאָס רעגט נאָך מעהר אויף דער קריסטליכער מאַסע, און געשרייען הערען זיך אז מען זאָל איהם טויטען. רו־דזשיערא האַלט שוין ביים אָפּשיקען דיא צוויי געפאַנגענע, דעם פאָטער און זיין טאָכטער, אין געריכט, ווען עס קומט ארויס פון דער הויפּט־קירכע אויף'ן סקווער קאַרדינאַל יאָהאַן און פרעגט וואָס איז דער טומעל. דער עולם מאַכט פּלאַץ פאַר'ן קאַרדינאַל, וועלכער דערזעהט דעם אַלטען אליעזר און זיין שעהנע טאָכטער רחל.

דער קאַרדינאַל קוקט אויף'ן איד און דענקט אז דאָס געזיכט איז איהם בעקאַנט. דאָ העלפט אָבער אויס זיין זכרון דער איד אליין. אליעזר דערמאָהנט איהם אז ער, דער קאַרדינאַל, האָט איהם ארויסגעטריבען פון רוים אָהן אַ אורזאַכע. דאָס איז געוועזען דאַן, ווען ער, דער קאַרדינאַל, איז נאָך געוועזען אַ געוועהנליכער ציוויל־בעאַמטער און האָט געהאַט אַ פרוי און טאָכטער. דער קאַרדינאַל דערמאָהנט זיך. דער איד האָט איהם אויפגעדעקט אַן אַלטע וואונד... זיין פרוי און טאָכטער!... ער בעט אליעזר'ן צו שווייגען און באָט איהם אָן זיין פריינדשאַפט. אָבער יעצט וויל אליעזר פון דיזער פריינדשאַפט ניט וויסען. דאָ זינגט דער קאַר־

דינאָל א מערקווירדיגע סאָלאָ, אויסגעהאָלפען פון גאנצען אנסאמבעל, נאָך וועלכען אַלע צוגעהן זיך.

עס קומט דאן אריין אין דער שטיל, איינגעהילט אין א שווארצען מאַנטעל, דער יונגער פירסט. ער רופט רחל'ן. דיא אידישע טאָכטער, מיינענדיג דאָס ער איז א איד מיט'ן נאָמען שמואל, וויא ער האָט זיך מיט א צייט פריער פאר איהר פאָרגעשטעלט, קומט צו איהם און בעגריסט איהם זעהר ווארם. היינט ביי נאכט איז דער ערשטער סדר, זאָגט זיא איהם, און זיא לאַדעט איהם איין צו איהר פאָטער אין הויז אויף פסח. ער זאָגט איהר צו אז ער וועט קומען און שיידעט זיך שנעל פון איהר. עס קומען וויעדער אָן דיא לוסטיגע קריסטען, דיזען מאָל מיט נאָך מעהר יובעל וויא פריער, ווייל דער קעניג איז מיט זיי, אין דעם פאראד. דער סקוועער ווערט גיך אָנגעפילט מיט מענער און פרויען. זאָגאר אליעזר מיט זיין טאָכטער לויפט ארויס פון הויז צו זעהן דעם גלאַנץ פון דעם פירסט'ס אויפנאהמע. ער שטעלט זיך אויף דיא טרעפ פון דער קירכע און ווערט שיער וויעדער ניט ארעטירט. דיזען מאָל ווערט ער אָבער ארויסגעהאָלפען פון דעם פירסט אליין, וועלכער רוימט אריין א סוד רודזשיערא'ן אין אויער, און מען לאָזט איהם גלייך אָפּ.

צווייטער אַקט.

ווען דער פאָרהאנג ציהט זיך אויף פאר'ן צווייטען אקט, האָבען מיר אן עכט אידישע סצענע. עס איז דיא ערשטע נאכט פון פסח. צוזאמען מיט אליעזר'ס הויז־געזינד זיצט דער פירסט, פארשטעלט פאר א איד, נאטירליך; און גלייך ביים אָנפאנג ווערט דאָ געזונגען אן איינדרוקספאָלע געבעט צו גאָט („אָה, גאָט, קעהר פון אונזערע עלטערן היינט צו אונז איין"). דיא גאנצע סדר סצענע איז א העכסט אינטערעסאנטע. רחל, וועלכע נעהמט איהרע אויגען ניט ארונטער פון איהר געליעבטען, באמערקט וויא דיא מצה, וועלכע מען דערלאנגט איהם, ווארפט ער אין דער שטיל ארונטער אונטער'ן טיש. דער סדר ווערט פלוצלונג אונטערבראָכען פון א שטארקען קלאַפּען אין טהיר. אַלע דערשרעקען זיך און לויפען אוועק אין אנדערע צימערן. פירסט לעאָפּאָלד בעהאלט זיך הינטער א

פארהאנג. אליעזר עפענט דיא טהיר און עס קומט אריין דיא פירסטין איידארא מיט אלע איהרע בעגלייטער. זיא האט נעהערט, אז ביי אליעזר'ן געפינט זיך א בריליאנטען־שמוק פון אויסערגעוואהנליכע שעהנקייט און זיא זאגט דאס זיא וויל דיזען אנטיקעל קויפען פאר איהר חתן, פירסט לעאפאלד. אליעזר זאגט צו אז ער וועט איהר דיזען שמוק ברייגגען אין פאלאץ מארגען, און דיא פירסטין געהט אפ.

אלע אין אליעזר'ס הויז־געזינט געהען דאן שלאפען. דיא צוויי פערליעבטע האבען קוים א געלעגענהייט פאר א קורצען געשפרעך און דער פירסט געהט דערנאך אוועק. ער קומט אבער באלד צוריק, דיזען מאל דורכ'ן פענסטער, און איז זיך פאר איהר מודה אז ער איז א קריסט. ער ליעבט איהר זעהר שטארק און איז בערייט דעם לעבען אוועקצוגעבען פאר איהר. זיא לאזט זיך בעאיינפלוסען און ביידע פערליעבטע גיסען אויס זייערע איבערגעפילטע הערצער אין א פראכטפאלען דועט. רחל איז בערייט צו אנטלויפען מיט איהם, אבער דא קומט אריין אונערווארטעט אליעזר, אין שטארקסטען גרימצארן, און מיט א קינזשאל אין האנד ווארפט ער זיך אויף רחל'ס פערפיהרער. רחל שפרינגט אריין אין מיטען און באט זיך אן צו שטארבען מיט איהר געליעבטען. דאס ריהרט דעם אלטען אליעזר, וועלכער שטימט ענדליך איין אויף דער פערבינדונג פון רחל מיט איהר געליעבטען. אבער יעצט ערקלערט לעאפאלד דאס א געוויסע פפליכט וואס ער האט מאכט איהם אונמעגליך צו הייראטהען מיט רחל'ען. אליעזר'ס גרימצארן פלאקערט זיך פונאנדער אויף דאס ניי, רחל איז אין פערצווייפלונג, און לעאפאלד טראגט זיך אפ א ניעדערגעשלאגענער.

דריטער אקט

אין דריטען אקט ווייזט זיך א באנקעט־זאאל אין קייזערליכען פאלאץ. לעאפאלד און איידארא זיצען אויבען־אן, ארומגעריגגעלט פון דיא גרעסטע אריסטאקראטען און אריטאקראטקעס. אלע זיינען פרעהליך. א גרויסארטיגער באלעט טאנצט. מען אמוזירט זיך אין העכסטען גראד.

אין מיטען דער פרעהליכקייט ווערען געמעלדעט דער איד אליעזר און זיין טאָכטער רחל. דער גאָלד־שמיעד האָט געבראכט מיט זיך א שקאָטולקעלע מיט שמוק־זאכען. דיא פירסטין נעהמט ארויס א גאָלדענע קייט פון דער שקאטולקע און וויל עס אָנטהאָן דעם פירסט אויפ׳ן האלז. אבער דאָ שפרינגט צו רחל, רייסט ארויס דיא קייט פון דער פרינצעסינס הענד, ווארפט עס צו דער ערד, און שרייט אויס, דאָס דער פירסט לעאָפּאָלד איז א פערהעטהער, דאָס ער האָט געשוואָרען טרייע, עוויגע ליעבע צו איהר, א יודין, און ער פערדיענט ניט אז דיא פירסטין זאָל איהם עהרען מיט איהר ליעבע. עס ווערט א גרויסע אויפרעגונג. דער פירסט וואגט ניט לייקענען דיא ווערטער פון זיין אָנקלעגערין. ער ערקלערט זאָגאר אז אלעס וואָס זיא זאָגט איז אמת. אלע אנוועזענדע ווערען אויף איהם שטארק אויפגעבראכט, און די געפיהלען פון אלעמען ווערען אויס־געדריקט אין א כאָר־אריע פון קונסטפאָלע הארמאָניע. דערנאָך הויבט זיך אויף דער קארדינאל, וועלכער איז געווען אנוועזענד אויף דעם באנקעט און האָט דיא פאסירונג בייגעוואָהנט, און פערשילט אלע דריי — אליעזר׳ן, רחל׳ען און דעם פירסט לעאָפּאָלד. דיא פערשאָלטענע ווערען ארעטירט און אָפּגעפיהרט אין געפענגניס.

פיערטער אקט

אין דיזען אקט ווייזט זיך א צימער אין געריכטס־הויז. דיא פירסטין איידאָרא קומט אריין זיך זעהן מיט רחל׳ען. זיא האָט אָן ערלויבניס דאצו פון קעניג און ווייזט עס דעם אָפיציער אלבערט. דער אָפיציער פיהרט אריין דער געפאנגענער און לאָזט איבער ביידע פרויען אונטער פיער אויגען. איידאָרא ווענדעט זיך צו רחל׳ען אז זיא זאָל רעטען דעם מאַן וועלכען זיא ליעבט אזוי שטארק, דעם פירסט לעאָפּאָלד. זאָל זיא זאָגען אין געריכט דאָס דער פירסט איז ניט שולדיג אין דעם וואָס זיא האָט איהם בעשולדיגט. רחל וויל פון דעם צוערשט ניט וויסען. איהר הארץ איז צובראָכען... זיא איז אונגליקליך... אָבער איהר ליעבע איז ענדליך גובר איהר ווילען, און זיא גיט נאָך. דיא פירסטין נעהט אוועק צופריעדען און גלייך נאָכדעם קומט אריין דער קארדינאל.

דער גייסטליכער ערקלערט רחל׳ען דאָס ער האָט אויף איהר גרוים מיטלייד און וואָלט איהר וועלן רעטען פון טוידט. דאַצו איז אָבער נויטיג, דאָס איהר פּאָטער, אליעזר, זאָל זיך שמד׳ען. ער בעפעהלט אַז מען זאָל אַריינברענגען אליעזר׳ן אין צימער, און ווען דער אַלטער איד קומט אַריין לעגט ער איהם אויף פאַר דעם פּלאַן וויא צו רעטען זיך און זיין יונגע טאָכטער. דער אַלטער אליעזר וויל פון דעם פּלאַן ניט וויסען. ער איז אַ איד. זיין גלויבען און זיין געוויסען זיינען ביי איהם טהייער. ער איז בערייט צו שטאַרבען, זאָגט ער, אָבער דערפאַר וועט ער זיך פאַר׳ן טוידט נוקם זיין אָן איהם, אָן קאַרדינאַל. אליעזר דערמאָהנט דעם קאַרדינאַל וויעדער אַמאָל אויף דיא אַלטע צייטען אין רוים, ווען ער איז נאָך קיין פריעסטער ניט געוועזן. דאַמאַלס איז רוים בעפאַלען געוואָרען פון נעאַפּאָליטאַנישע חיל וועלכע האָבען געמאַכט אַ חורבן פון אַ גרויסען טהייל פון דער שטאָדט. צווישען דיא פערברענטע הייזער איז געוועזן דעם קאַרדינאַל׳ס, און עס זיינען פערברענט געוואָרען אויך זיין ווייב און טאָכטער. אַזוי האָבען אַלע געדענקט. אָבער עס איז ניט אין גאַנצען אמת, זאָגט אליעזר דעם דערשלאָגענעם קאַרדינאַל; ניט אין גאַנצען אמת. זיין טאָכטער, דעם קאַרדינאַל׳ס טאָכטער, לעבט. אַ איד האָט איהר גערעטעט פון דיא פלאַמען און צו זיך צוגענומען. ער קען דעם איד, אָבער וועט זיין נאָמען דעם קאַרדינאַל ניט זאָגען.

דאָס, פערשטעהט זיך, איז פאַר׳ן קאַרדינאַל אַ שטאַרקער קלאַפּ. ער בעט זיך ביי אליעזר׳ן ער זאָל איהם אַרויסזאָגען וואו זיין טאָכטער איז, אָבער אליעזר וויל פון דעם ניט וויסען. מיט אַ צוואַוואונדעטער האַרץ געהט דער קאַרדינאַל אַוועק, איבערלאָזענדיג אליעזר׳ן אין אַ צושטאַנד פון העכסטע אויפרעגונג. דער איד האָט שוין חרטה אויף זיינע ווערטער. ער דערמאָהנט זיך אויף דעם שיקזאַל פון דער יונגער רחל און זיין האַרץ ווערט פערקוועטשט פון מיטלייד. ער האַלט שוין ביים ענדערן זיין בעשלוס, ווען פון נאָס דערהערט זיך וויא דיא קריסטליכע מאַסע בעט מען זאָל דיא פערפלוכטע אידען וואָס שנעלער הינריכטען. דאָס ערבימערט

אליעזר'ן נאך מעהר און ער שרייט אויס, אז ער איז בערייט צו שטארבען.

פינפטער אקט

יעצט זעהט זיך דער היגריכטונגס-פלאץ. אין הינטערגרונד איז דיא שטאדט קאנסטאנץ. אין מיטען איז א גרויסער קעסעל פון וועלכען עס שפארט א געדיכטער דאמפף. עס איז פערזאמעלט א גרויסע מאסע בייצואוואהנען די הינריכטונג פון די אידען. עס שפיעלט מוזיק, וויא אין א יום טוב-צייט. פאר דיא קריסטען איז דאס א גרויסער אונטערהאלט.

עס ווערען אריינגעפיהרט דיא פעראורטהיילטע, אליעזר און רחל, ארומגערינגעלט פון מיליטער. אליעזר דערוויסט זיך אז דעם פירסט לעאפאלד איז דער לעבען געשענקט געווארען, ווייל רחל האט ערקלערט אין געריכט דאס ער איז אונשולדיג. רודזשיערא גיט א צייכען פאר דעם אנפאנג פון דער הינריכטונג — ער צוברעכט איבערביידען א שטעקען. דער קארדינאל בעט גאט פאר די נשמות פון דיא זינדיגע. רחל ווערט דיא ערשטע געפיהרט צום קעסיל, און אליעזר ווענדעט זיך צו איהר מיט דער פראגע, אויב זיא וויל זיך רעטען פון טוידט. זיא ענטפערט אז זיא איז בערייט צו שטארבען צוזאמען מיט איהר פאטער. אהן איהר פאטער וואלט דער לעבען פאר איהר אלץ איינס קיין ווערטה ניט געהאט. זיא געהט ארויף דיא טרעפ וואס פיהרען צום קעסיל און שפרינגט אריין. אבער אין דעם זעלבען מאמענט גיט זיך אליעזר א קעהר צום פערצווייפעלטען קארדינאל און זאגט מיט נצחון: „זעהסט, דארט שטארבט דיין קינד״; און מיט א ווילדען געלעכטער שפרינגט אליעזר ארויף דיא טרעפ און פערשווינדט אויך אין זודיגען קעסעל. דער קארדינאל פאלט צו דער ערד און דער פארהאנג לאזט זיך שנעל ארונטער אויף דיזער מערקווירדיגער טראגעדיע.

אין דעם סוזשעט, וויא מען קען זעהן, איז דא א היבש ביסעל שונד. אבער דיא כאראקטערע זיינען לעבעדיג געשילדערט. דיא מוזיק איז בליאסטעד, וויא ביי מייערבער'ן, ספעציעל אין

יענע סצענען וואו עס זיינען דא גרויסע אנסאמבעלס. דיא מעלאדיען זיינען נים קיין זעהר קלאהרע, אבער דערפאר זיינען דיא קאנטראסטען זעהר שטארקע, פיעלייכט צו שטארקע און צו אפטע. עס איז דא פיעל אריענטאלישעס אין האלעווי'ס מוזיק און עס איז גאר קיין צווייפעל נים אז פאר דעם האט ער צו דאנקען זיין אידישע נשמה. האלעווי איז געווען וואס מען רופט געוועהנליך אן אמת'ער איד. ווען ער איז געווען 21 יאהר אלט האט ער פערפאסט א מוזיקאלישע הזכרה נאך דעם פערשטאר־בענעם דיוק דע בערי. דיא ווערטער פאר זינגען זיינען געווען אין העברעאיש, מיט אן איטאליענישער איבערזעצונג, און דיא גאנצע קאמפאזיציאן איז געווען געווידמעט צו שערוביני, האלעווי'ס פריינד און לעהרער. דיזע קאמפאזיציאן איז צוערשט געשפיעלט און געזונגען געווארען דעם 24טען מערץ, 1820, אין דער שוהל אויף דער גאס סט. אוואוא, אין דער שטאדט פאריז.

נאך דער אפערא „דיא יודין“ האט האלעווי שוין קיין פיעל בעסערעס נים געקענט בעשאפען. ער האט געלעבט ביז 1862, אבער האט זיך פון 1835 ביז'ן ענדע פון זיין לעבען אויסגעצייכענט מיט נור איין קונסטווערק, און צוואר א קאמישע: „ל'עקלער“. א 19 אנדערע אפעראס וואס ער האט געשריעבען אין דיזער צייט, זיינען געווען קליינע ערפאלגען און מען האט זיי שוין לאנג פערגעסען.

FAUST — Gounod

פאַוסט

פון שארל פראַנסואַ גונאָ

פערזאָנען:

פאוסט — טענאָר; וואַלענטין — באַריטאָן; מעפיסטאָפעל — באַס;
וואַגנער — באַריטאָן; מאַרגעריטאַ — סאָפּראַנאָ; זיעבעל — סאָפּראַנאָ;
מאַרטהאַ — מעצאָ־סאָפּראַנאָ.

„פאוסט“, דיא אָפּערא, איז דיא גרעסטע מאָנומענטאַלע ווערק פון שארל פראַנסואַ גונאָ. שוין ביינאַהע א האַלבער יאהרהונדערט זייט דיעזע אָפּערא איז צוערשט אויפגעפיהרט געוואָרען אין פּאַריזער ליריק טהעאַטער, און דאָך איז זיא יעצט ניט וועניגער פּאָפּולער וויא זיא איז ווען געוועזן בעפאָר.

דיא אָפּערא „פאוסט“ אַפּעלירט און וועט אימער אַפּעלירען צו סענטימענטאַלע מענשען, צו אידעאַליסטען, צו טרוימערס, און הויפּטזעכליך צו ראָמאַנטישע מענשען. „פאוסט“ איז אַן אָפּערא וועלכע וועט קיינמאָל ניט ווערען אַלט, ווייל אין איהר פליסט אַן ערפרישענדע, דערקוויקענדע מוזיק וואָס ווייס ניט פון קיין בעזאָנדערע עפּאָכע, פון קיין ספּעציעלע ראַסע, פון קיין בעזונדער לאַנד.

דאָך איז „פאוסט“ א פראַנצויזישע אָפּערא — א מוזיקאַלישע קונסט־ווערק פון דער פראַנצויזישער שולע. דאָס איז, נאַטירליך, וואָס אנבעלאַנגט דיא פאָרמע, אָבער ניט דעם אינהאַלט. גונאָ איז געווען אַן עכטער פראַנצויז, א געבאָרענער אין פּאַריז, און א טיעפער

סטודענט פון מוזיק, טהעאָלאָגיע און ליטעראַטור אין אַלגעמיין. פאַר אַ צייט לאַנג איז ער געווען אַ סעמינאַריסט און האָט געךעכענט זיך אַנצושליסען אין דער קירכע, צו ווערען אַ גלח. אבער זיין ליעבע צו מוזיק איז געווען צו גרויס, און ער האָט זיך גענומען צו דער פּראָפעסיאָן וועלכע איז געווען מעהר געאייגנעט פאַר זיין נאַטור, טעמפּעראַמענט, טאַלאַנט און ערציהונג. ער איז געוואָרען אַ קאָמפּאָזיטאָר און דיא וועלט רייכער געמאַכט מיט אָפּעראַס און אַנדערע מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציאָנען.

עס איז ניט געווען קיין צופאַל וואָס גונאָ האָט אויסגעקליבען דאָס בעריהמטע אונשטערבליכע ווערק פון דעם דייטשען פּאָעט געטהע פאַר אַן אָפּעראַ טהעמאַ; ניין, ניט קיין צופאַל. גונאָ'ס כאַראַקטער איז געווען וויא צוגעפּאַסט פאַר דיא בעהאַנדלונג פון אַזאַ טהעמאַ. ער וואָלט זיך, וויא עס שיינט, אין קיין אַנדער טהעמאַ ניט געקענט אויסדריקען אַזוי פאָלשטענדיג, אַזוי שטאַרק, אַזוי פּראַכטפאָל, אַזוי איינדרוקספאָל. געטהע'ס טיעף־פילאָזאָפישע ווערק האָט איהם געגעבען דיא בעסטע געלעגענהייט צו בעווייזען וואָס ער קען אויפטהון אַלס אָפּעראַ קאָמפּאָזיטאָר, און דיא וועלט איז ניט געווען צו לאַנגזאַם זיין גרויסע ארבייט, זיין קונסטווערק, צו אַנערקענען.

פון דעם ערשטען מאָמענט וואָס „פאַוסט" איז אויפגעפיהרט געוואָרען איז גונאָ געוואָרען בעריהמט איבער דער גאַנצער וועלט. צוערשט האָבען זיך געפונען פיעלע וואָס האָבען איהם אַטאַקירט דאַפיר וואָס ער האָט גענומען אַזאַ פּאָעטישע מייסטער־ווערק וויא געטהע'ס „פאַוסט" און האָט געמאַכט דערפון אַן אָפּעראַ. דיעזע זיינען מייסטענס געווען דייטשען, פערעהרערס פון געטהע און אַלעס וואָס געטהע האָט געשריעבען. אָבער מיט דער צייט איז דיעזע אונצופריעדענהייט פערגעסען געוואָרען, ספּעציעל ווען מען האָט איינגעזעהען וויא טהייער גונאָ האָט בעהאַנדעלט דיא טהעמאַ, וויא ערפאָלגרייך ער האָט מוזיקאַליש אויסגעדריקט דיא אידעע וואָס געטהע האָט אָנגעשריעבען אין דער פאָרמע פון דער העכסטער, שעהנסטער און רייכסטער פּאָעזיע.

און דיא אידעע פון „פאוסט“ איז, וויא יעדער איינער וויס, אן ערהאבענע. געטהע איז ניט געווען דער ערשטער וואס האט דיעזע אידעע ארויסגעבראכט. אין ספר איוב האבען מיר געוויסערמאסען דיא זעלבע אידעע. אלס לעגענדע איז דיא אידעע געווען בעוואוסט זייט הונדערטער יאהרען לאנג. אבער געטהע איז געווען דער ערשטער מאדערנער פאעט וואס האט דיא אידעע פערקערפערט אין א ראמאנטיש־דראמאטישער פארמע, און זיין „פאוסט“ ווערט מיט רעכט בעטראכטעט אלס איינע פון דיא עטליכע גאר גרעסטע פאעטישע ווערק וואס דיא וועלט בעזיצט.

אין דער אפערא, נאטירליך, איז דיא ליברעטא פיעל קירצער וויא געטהע'ס פאעטישע דראמא; פון דעסטוועגען איז דיא אידעע דיא זעלבע. דיא ליברעטא איז געשריעבען געווארען פון ד ז ש י י ב א ר ב י ע ר און מ. ק א ר ע, און זיי האבען אויף דעם פערלאנג פון גונא זעלבסט ניט אויסגעלאזען דעם טיעפען פילאזאפישען געדאנק פון „פאוסט“. דערפאר טאקע איז גונא'ס אפערא אזא ערפאלג, טראץ דעם וואס פיעלע אנדערע האבען געברויכט דיא „פאוסט אידעע“ פאר א מוזיקאלישע קאמפאזיציאן.

וואס איז דיא הויפט־אידעע אין „פאוסט“? וואס האט דער אונשטערבליכער דיכטער יאהאן וואלפגאנג פאן געטהע געוואלט ארויסברענגען מיט זיין וועלט־בעריהמטע ווערק?

אין קורצען אויסגעשפראכען איז דיא אידעע וויא פאלגט:

דאס גוטע אין דעם מענש איז מעהר וויא דאס שלעכטע. סוף כל סוף מוז דאס גוטע גובר זיין דאס שלעכטע. דיא מענשליכע נשמה, זאלאנג זיא שטרעבט צו עטוואס העכערעס, וועט אימער ברענגען דעם מענש צו א העכערען, א בעסערען, א נאבלערען לעבען. דאס שלעכטע אין דעם מענש איז בעשרענקט, בעגרענצט פון זיך אליין, אבער דאס גוטע איז אונבעשרענקט און מוז צו ענדע זיעגען.

אין אנדערע ווערטער, געטהע האט געוואלט ברעכען דעם אבערגלויבען, דאס א מענש קען פערקויפען זיין נשמה צום שטן. דאס איז אונמעגליך. דער מענש וועט מאכען פיעלע פעהלערן,

בעגעהן פיעלע נארישקייטען, און טהון פיעלע זינד, אבער צום ענדע וועט איהם גאט קומען צו הילפע און אויסלעזען פון גיהנום.

דאס איז דיא „פאוסט אידעע“, און דיעזע טיעפע אידעע האט גונא אויסגעטייטשט אין דיא זיסעסטע מוזיק וואס מען קען זיך פארשטעלען. גונא'ס „פאוסט“ ווערט געוועהנליך אויפגעפיהרט אין 4 אקטען *). אין דעם ערשטען אקט ווערט פארגעשטעלט צוערשט פאוסט'ס שטודיום צימער און דערנאך א יריד, אדער, וויא מען רופט עס, דיא "קערמעס" סצענע. אין צווייטען אקט ווערט פארגעשטעלט א גארטען פאר מארגעריטא'ס וואהנונג. אין דריטען אקט קומט פאר צוערשט א מערקווירדיגע, העכסט ריהרענדע סצענע אין קירכע, וואו מארגעריטא בעגעגענט זיך מיט מעפיסטאפעל, און דערנאך א סצענע אויפ'ן גאס, פאר מארגעריטא'ס וואהנונג, וואו איהר ברודער וואלענטין ווערט דער'הרג'עט. אין פיערטען אקט קומט פאר א סצענע אין געפענגניס. דיא אלגעמיינע האנדלונג אין דיא 4 אקטען איז וויא פאלגט:

ערשטער אקט

ד ר. פ א ו ס ט איז אן אלטער פילאזאף, וועמען דער לעבען איז נמאס געווארען. ער איז געקומען צום שלום דאס אלעס אין דער וועלט איז הבל הבלים און ער בעשליסט זיך צו נעהמען דאס לעבען. אבער גראדע ווען ער האלט ביים אויסטרינקען דעם בעכער מיט גיפט דערהערט ער וויא עס זינגען לוסטיג יונגע מיידלעך און פעלד-ארבייטער. דיא לעבענס-לוסטיגקייט פון דיא וואס זינגען ברענגט איהם אריין אין א גרויסען כעס און ער הויבט אן שילטען אלעס און אלעמען, ניט אויסלאזענדיג גאט; און אין זיין אויפרעגונג דערמאנט ער דעם שטן. צו זיין גרויס וואונדער און איבעראשונג קומט אריין דער שטן (מ ע פ י ס ט א פ ע ל) און באט איהם אן צו געבען וואס ער וויל. פאוסט בעט זיינע יונגע יאהרען

*) געוויסע טהיילען און פאר דער ענדע א גאנצע סצענע, ווערן געוועהנליך אויסגעשניטען פון דער אפערא, אום עס זאל ניט נעהמען צו לאנג. — וו. ע.

צוריק, אום ער זאָל קענען געניסען פון דער וועלט׳ס העכסטע פער־גניגענס. דער שטן שטימט איין און שלאָגט איהם פאָר א קאָנ־טראקט. ער, מעפיסטאָפעל, נעהמט זיך אונטער צו טהון פאר פאוסט׳ן אלעס וואָס ער וויל זאָלאנג ער, פאוסט, וועט לעבען; אבער נאָך זיין טויט זאָל זיך פאוסט פערבינדען איבערצוגעבען זיין נשמה צום שטן.

דער אלטער דר. פאוסט וויינערט זיך אזא קאָנטראקט אונטער־צושרייבען, אָבער מעפיסטאָפעל ווייזט איהם א בילד פון מ א ר־ג ע ר י ט א, אן אונשולדיגע יונגע מיידעל, און דאָס ווירקט אזוי אויפ׳ן גרייז־גרויען פילאָזאָף דאָס ער ניט איהם נאָך און שרייבט אונטער דעם קאָנטראקט.

(פערוואנדלונג)

האן פאנגט אָן מעפיסטאָפעל זיין טייפלישע ארבייט. ער מאכט פאוסט׳ן פאר א יונגען קאוואליער און נעהמט איהם ארויס ווייזען דיא וועלט. ער ברענגט איהם צוערשט אויף א יריד, וואו ער טרעפט זיך מיט מארגעריטא׳ס א פערעהרער מיט׳ן נאָמען ז י ע ב ע ל און מיט מארגעריטא׳ס ברודער וו א ל ע נ ט י ן. דער לעצטער האלט גראדע ביים אבגעהן מיט אן ארמעע צו מלחמה, און ער געפינט זיך צווישען א פרעהליכער קאמפאניע. דער סטודענט וו א ג נ ע ר, וועלכער איז געוואָרען א סאָלדאט, איז אויך דאָרט. מעפיסטאָפעל טהוט אָב עטליכע פון זיינע שפיצלעך, וועלכע געפעלען ניט שטארק דעם עולם. שפּעטער געהט פארביי מארגערי־טא, קומענדיג פון קירכע, און פאוסט באָט איהר אָן אבצופיהרען אהיים. זיא ענטזאגט זיך פון זיין טובה, און דער עולם לאכט זיך אויס פון איהם. מעפיסטאָפעל נעהמט איהם אוועק און ברענגט איהם צו מארגעריטא׳ס וואָהנונג, אין גאָרטען.

צווייטער אקט

מארגעריטא קומט אהיים. זיא קען ניט פערגעסען דעם שעהנעם קאוואליער וואָס זיא האָט בעגעגנט אויפ׳ן יריד. צו וואָס זיא נעהמט זיך קומט איהר ארויף אויפ׳ן געדאנקען דער קאוואליער, אבער ווען פאוסט בעווייזט זיך ווידער א מאָל פאר איהר ווערט

זיא שטאַרק דערשראָקען. פּאוסט אַליין ווערט אויך דערשראָקען. דיא אונשולד פון דער מיידעל ווירקט אויף איהם און ער וואָלט וועלען אַנטלויפען. אבער מעפיסטאָפעל איז ביי זיין זייט און רעדט איהם איין צו אַלע צרות. מעפיסטאָפעל זעלבסט האָט געשלאָסען פריינדשאַפט מיט איינער מ א ר ט ה א ש וו ע ר ל יי ן, און דורך איהר העלפט ער מאַרגעריטאַ׳ן צו לאָזען זיך איבעררעדען פון פּאוסט׳ס ליעבעס־ערקלערונגען. דער רעזולטאַט איז דאָס פּאוסט דערגרייכט זיין ציעל...

דריטער אַקט

דיא ליעבע קיהלט אָב. מאַרגעריטאַ, מיט א קליין קינד, בלייבט פערלאָזען פון פּאוסט און פעראַכטעט פון איהרע פריינד, א חוץ פון איהר אַלטען פערעהרער זיעבעל, וועלכער הערט איהר ניט אויף צו ליעבען. מעפיסטאָפעל טהוט אַלעס וואָס ער קען אריינ־צושלעפּען איהר אין א טיעפען זומפּ. זיא קומט אין קירכע בעטען גאָט און ער פערפאָלגט איהר, דערשרעקענדיג איהר מיט זיינע טייפעלשע קונצען און צומישענדיג איהרע געדאַנקען. זיא וואָלט וועלען רייניגען איהר נשמה און דער פערהאַסטער שטן לאָזט איהר ניט. ער וויל איהר פיהרען צו דיא גרעסטע חטאים, און דאָס געלינגט איהם. איהרע געוויסענסביסע פּלאָגען איהר; דיא אונ־גליקליכע מאַרגעריטאַ איז אונגליקליך און הילפלאָז.

(פערוואַנדלונג)

ענדליך קעהרט זיך איהר ברודער וואַלענטין צוריק פון דער מלחמה. ער הערט פערשיעדענע מעשיות וועגען זיין שוועסטער׳ס לאַגע, און ווען פּאוסט קומט איין אבענד צום הויז צו זעהן מאַרגע־ריטאַ׳ן האָט ער מיט איהם א דועל און ווערט, דורך מעפיסטאָפעל׳ס כשוף, דער׳הרג׳עט. פאַר׳ן טויט שילט ער און פערפלוכט זיין שוועסטער און וואַרפט אַרויף אויף איהר דיא גאַנצע פעראַנטוואָרט־ליכקייט פון זיין טראַגישען טויט.

פיערטער אַקט

מאַרגעריטאַ׳ס צרות זיינען פּאַרפול. זיא ווערט געריהרט פון זינען, דער׳הרג׳עט איהר קינד, און ווערט אריינגעשליידערט אין

געפענגניס. פאוסט קומט צו איהר אין געפענגניס, בעגלייטעט פון מעפיסטאָפעל, און פאָדערט איהר אויף צו אנטלויפען און רעטען זיך. אָבער זיא בעגרייפט ניט איהר לאַגע און וויים נור פון איהר ליעבע צו פאוסט׳ן. ווען זיא דערזעהט דעם טייפעל מעפיסטאָפעל פאַלט זיא אויף איהרע קניע און בעט גאָט איהר צו רעטען. זיא שטאַרבט אַזוי בעטענדיג גאָט, און גראַדע ווען מעפיסטאָפעל ער־קלערט איהר פערדאַמט הערט זיך אַ שטימע פון הימעל וועלכע ערקלעהרט איהר ערלייזט און גערעטעט.

דאָס איז דיא טהעמאַ פון „פאוסט" דיא אָפּערא, און, וויא יעדער קען זעהן, איז דאָ אַ געלעגענהייט פאַר לירישע מוזיק; און גונאָ מיט זיין לירישע נשמה האָט אויסגענוצט יעדע סצענע פאַר דיא ערהאבענסטע מוזיקאַלישע מעלאָדיע און האַרמאָניע. קיין באָמ־באַסטישע מוזיק איז ניטאָ אין דיזער אָפּערא. אַ מאָהנע, געהיימ־ניספאָלע אַטמאָספערע איז האָ אין „פאוסט" פון ערשטען אקט ביז׳ן לעצטען. דיא מוזיק איז אַ זאַנפטע, אַן איידעלע, אַ גראַציעזע. אַפילו דיא טאַנץ־מוזיק און דיא כאָהר־מוזיק טראָגען דעם זעלבען כאַראַקטער פון גראַנדיאָזע זיסקייט, פון ליעבליכע סענטימענטאַ־ליטעט, פון בעגייסטערטע טרוימעריי.

וועלכער אַקט איז דער שעהנסטער, דער בעסטער, איז שווער צו זאָגען. עס ווענדט זיך פון וועלכען שטאַנדפונקט מען קוקט. אָבער דער צווייטער אַקט איז דער פּאָפּולערסטער, ווייל אין דיזען אַקט זינגען דיא צוויי הויפט־כאַראַקטערע — פאוסט און מאַרגעריטאַ — דיא איינדרוקספאָלסטע אריען. אין דיזען אַקט ווערט פוןביידען געזונגען דער „ראָמאַנס" — אַ דועט פון אויסערגעוועהנליכע שעהנקייט און זיסקייט. אין דיזען אַקט זינגט מאַרגעריטאַ פון אָנפאַנג דאָס בעריהמטע ליעד, „דער קעניג פון טהולע" און דיא „ציערונג" ליעד, און ביים ענדע פון אַקט קומט פאַר אַ לייךענ־שאַפטליכע ליעבעס סצענע צווישען דעם נייגעבאָרענעם פאוסט און דיא אונשולדיגע מאַרגעריטאַ. דער צווייטער אַקט פאַנגט זיך אויך אָן מיט אַ פּאָפּולערעס ליעבעס־ליעד פון זיעבעל — אַ ליעד וועלכע ווערט נאָכגעזונגען פון יעדען וואָס בעזוכט אמאָל אָפּערא.

אבער אין יעדען פון דיא איבעריגע אקטען איז דא מוזיק וואס לאזט א שטארקען אונפערגעסליכען אייגדרוק אויף דיא צו־הערערס. אין דער צווייטער סצענע פון דעם ערשטען אקט איז דא דער בעריהמטער וואלץ, דיא מעלאדיע פון וועלכע דריקט אוים דיא בעוועגונגען פון טאנצען אזוי קלאהר, אזוי פאעטיש, אזוי איינפאך, אזוי ריטמיש! אין דריטען אקט איז דיא מוזיק פון סאלדאטען־כאר דיא פאפולערסטע. דיא סצענע אין געפענגניס איז ערהאבען.

אן אפהאנדלונג איבער דער אפערא „פאוסט“ קען אבער ניט געענדיגט ווערען אהן אן אנדייטונג אויף דיא וויכטיגקייט פון דער מעפיסטאפעל ראלע. דיזע האלע איז אן אונגעהייער שווערע. מעפיסטאפעל איז דיא פערקערפערונג פון שטן, פון טייפעל, פון אלעם וואס פיהרט צו זינד. דער סקעפטישער און סאטירישער כאראקטער פון מעפיסטאפעל שפיעגעלט זיך אפ אין כמעט אלעם וואס ער האָרף זינגען. זיין ליעד „דיא גאלדענע קאלב“ אין דער צווייטער סצענע פון ערשטען אקט און זיין סערענאדע פאר מארגע־ריטא׳ס וואהנונג אין דריטען אקט זיינען א גוטער ביישפיעל.

גונא האט פערפאסט א סך אפעראס, אבער נור צוויי זיינען פון א גרויסען ווערטה — „פ א ו ס ט“ און „ר א מ ע א און ז ש ו ל י ע ט“; און פון דיזע צוויי איז דיא ערשטע וויכטיג־סטע. אין „פאוסט“ האט דער קאמפאזיטאר אויסגעגאסען זיין לירי־שע נשמה, זיינע ריינסטע געפיהלען, זיין שטארקסטע בעגייסטערונג. אין דיזער אפערא שפיעגעלט זיך אפ דערווירקליכער גונא, דער איידעלער מענש מיט דעם גייסט פון מיסטיציזמוס, דער טהעאלא־גישער סטודענט אריינגעטהאן אין געהיימניספאלען שטודיום, דער פאעט מיט א ווייכער נשמה, דער טרוימער מיט א הארץ וואס איז פול מיט גוטסקייט און זיסקייט.

אויף דיעזער אפערט רוהט דיא גרויסע רעפוטאציע פון שארל פראנסוא גונא; און זאלאנג דיא טהעמא פון דער דראמא „פאוסט“ וועט אפעלירען צו דיא געהיימניספאלע געפיהלען פון דאס מענש־ליכע הארץ וועט דיא אפערא „פאוסט“ זיין בעריהמט.

CARMEN — Bizet

קארמען

פון אלעקסאנדער לעאפאלד ביזע

פערזאנען:

דאן אזע — טענאר; עסקאמיליא — באריטאן; זוניגא — באס; מא־רעלעס — באריטאן; דאנקאירא — באס; רעמענדאדא — באריטאן; קארמען — סאפראנא; מיכאעלא — סאפראנא; פראסקיטא — סאפרא־נא; מערסעדעס — מעצא־סאפראנא.

ווען דער אידיש־פראנצויזישער קאמפאזיטאר זשאק פראנסוא פראמענטהאל עלי האלעווי איז אין 1851 געווארען פראפעסאר אין פאריזער קאנסערוואטאריום האט ער אונטער זיך געהאט אמווייניגסטען צוויי שילער, וועלכע זיינען שפעטער בעריהמט געווארען. זיי זיינען אלעקסאנדער צעזאר לעאפאלד ביזע, וועלכער איז שפעטער געווארען האלעווי׳ס איידעם, און שארל פראנסוא גונא. דער ערשטער פון דיזע צוויי איז ספעציעל בעריהמט דורך זיין אפערא „קארמען“ און דער צווייטער דורך דער אפערא „פאוסט“.

און עס וועט ניט זיין א האאר איבערטריבען, ווען מיר וועלען זאגען דאס „קארמען“ איז איינע פון דיא בעליעבטעסטע אפעראס אין דער וועלט. סיי אין דייטשלאנד, סיי אין פראנקרייך, סיי אין ענגלאנד, סיי אין אמעריקא, סיי אין שפאניען, סיי אין בעל־גיען, סיי אין רוסלאנד, סיי אין איטאליען, סיי אין עסטרייך —

איבעראל וואו מען פיהרט נור אויף אפערא איז „קארמען" בעריהמט און בעליעבט. און דאך איז דער פערפאסער פון דיעזער אפערא געשטארבען מיט א צובראכענע הארץ, אויס ענטוישונג וואס זיין טאלאנט איז ניט אנערקענט געווארען.

די מוזיק פון „קארמען" איז העכסט אריגינעל. מעלאדיע איז דא פון אנפאנג ביז ענדע. דער דראמאטישער סוזשעט איז מוזיקאליש אזוי ארומגעארבייט דאס עס איז שווער אבצוטהיילען איינס פון דאס אנדערע. ביזע האט אין דיעזער אפערא ניט גע־לאזט בעאיינפלוסען זיך פון קיינע אויסלענדישע קאמפאזיטארס — ניט פון דיא איטאליענער און ניט פון דיא דייטשען. ער האט אבער אין „קארמען" דורכגעפיהרט מיט גרויס ערפאלג א פעראיי־ניגונג פון דייטשע טהעמא'טישע ענטוויקלונג און איטאליענישע מעלאדיע.

„קארמען" איז אן אפערא אין 4 אקטען. פאר דעם ערשטען אקט איז דא אן אווערטיורע אין וועלכע דיא גאנצע קומענדע דראמא ווערט קלאהר און שטארק אויסגעדריקט פון דער מוזיק וועלכע דער ארקעסטער שפיעלט; און פון דעם ערשטען טאן וואס דער ארקעסטער שפיעלט הויבען אן דיא צושויער פיהלען זיך וויא ניי־בעלעבט — אזוי רוישענד, אזוי הארמאניש, אזוי בעצויבערנד איז דיא מוזיק! מען דארף ניט זיין א גרויסער מבין אויף מוזיק צו פיהלען דאס דיא מעלאדיען אין „קארמען" זיינען פול מיט מענש־ליכע ליידענשאפט — מיט די ליידענשאפט פון געוועהנליכע איר־דישע מענשען, אנשטאט הימלישע ענגלען; און יעדער צוהערער ווערט מיטגעריסען אין דעם שטראם פון בעלעבענדע, בעגייסטערטע, ריטמישע טענער. מאנכע טהיילען פון דער מוזיק פון דיזע אפערא ניסען אריין וויא מיט געוואלד אין דעם מענשענ'ס הארצען א לוסט צו לעבען און צו ליעבען, א לוסט צו גליק און פערגעניגען, א לוסט צו טאנצען און זיך משמח זיין.

מען דארף אבער ניט מיינען אז „קארמען" איז א לוסטיגע אפערא. פארקעהרט: דער סוזשעט איז גאנץ דראמאטיש. דיא האנדלונג ענדיגט זיך אין דעם 4טען אקט מיט א טראגעדיע; און

דיא מוזיק ביי דיא דראַמאַטיש־טראַגעדישע מאָמענטען רייסט אין הארצען, רייסט וויא מיט צוואַנגען, רייסט אָהן אָן אויפהער און רופט ארויס ביי פיעלע מעהר וויא איין טרעהר, מעהר וויא איין קרעכץ.

דיא דראַמאַטישע האנדלונג איז וויא פאָלגט:

ערשטער אַקט

ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף זעהט זיך א סקווער אין דער שעהנער שפּאַנישער שטאָדט סעוויל. צו דער רעכטער האַנד איז דער ארייגאַנג צו א טאַבאַק פאַבריק, מיט א בריק אין הינ־טערגרונד. צו דער לינקער האַנד איז א מיליטערישע וואַך־הויז, וואו עס געפינען זיך שטענדיג שעהן געקליידעטע דראַגונער, וועל־כע מאַכען זיך לוסטיג איבער יעדע קלייניגקייט. עס געהן פערביי פיעלע מענער, פרויען און קינדער. עס קומט אריין מ י כ א ע ל א, געקליידעט וויא א יונגע דאָרפס־מיידעל, און אין פערלעגענהייט פרעגט זי זיך נאָך ביים אָפיציער מ אָ ר א ל ע ס וואו זיא קען טרע־פען ד אָ ן אָ ז ע. מאָראַלעס זאָגט איהר אז פיעלייכט וועט דאָן אָזע אָנקומען שפּעטער, ווען דיא וואַך וועט איבערגעביטען ווערען, און מיכאַעלא געהט אוועק. עס דערהערט זיך א מארש פון דער וויטען אויסגעמישט מיט דעם טומעל פון קינדער. עס קומט אָן דיא נייע וואַך, מיט קאַפּיטאַן זוניגא און בריגאַדיער דאָן אָזע אָן דער שפּיצע. מאָראַלעס דערצעהלט דאָן אָזע׳ן פון דער מיידעל וואָס האָט זיך אויף איהם נאָכגעפרעגט, און דאָן אָזע פערשטעהט אז עס האָט געמוזט זיין מיכאַעלא. שפּעטער א ווײַלע, ווען מאָ־ראַלעס געהט אָפּ מיט זיין וואַך, און דיא צוויי נייע אָפיציערען בלייבען אליין, איז זיך דאָן אָזע מודה פאַר זיין קאָלעגע דאָס ער ליעבט מיכאַעלא׳ן.

פלוצלונג הויבט אָן קלינגען א גלאָק אין דער טאַבאַק פאַבריק און דער סקווער ווערט פול מיט ארבייטער־מיידלאך, פיעלע פון זיי רויכערנדיג סיגאַרעטס. דאָן אָזע זיצט אָן א זייט אזוי וויא ער וואָלט געווען פערטיעפט אין זיין ליעבע פאַר דער דאָרפס־מיידעל. זיי גאַנץ אַנדערש זיינען אָבער דיא איבעריגע פון וואַך־הויז. זיי

שטיפען מיט דיא מיידלאך און פרעגען זיך נאך אויף קארמענ־ציטא'ן. יעס, קארמענציטא איז דאַ! זיא קומט אריין מיט א רויטען בלום צווישען איהרע ליפּען, א בוקעט ביי איהר טאַליע, א סיגאַ־רעט צווישען איהרע פינגער, און מיט דער גאַנג פון א קאָקעטקע. גלייך ווערט זיא ארומגערינגעלט פון אלע יונגע לייט. קארמענ־ציטא'ס נאָמען איז אויף אלעמענס ליפּען. קיין וואונדער ניט! זיא איז א בילד־שעהנע מיידעל, אין וועמעס אָדערן עס פליסט צי־גיינער בלוט. יעדער קעהר איהרער איז רייצענד, יעדער שמייכעל איהרער איז אזוי פול מיט ליידענשאפט! דעם שטארקסטען מאַן קען זיא דיא קאָפּ פערדרעהן!

קארמען בעמערקט דאָס דאָן אָזע איז דער איינציגער וואָס קוקט זיך אויף איהר ניט אום. דאָס, ווייזט אויס, פערדריסט איהר שטארק, און ביים ענדע פון איהר זינגען היא בעריהמטע „האבאַניערא" ליעד שליידערט זיא איהר רויטען בלום אין דעם אָפיציער'ס פּנים און אנטלויפט. אלע מיידלאך לויפען איהר נאך אין פעקטאָרי מיט א שטארקען געלעכטער, און איידער דאָן אָזע קומט צו זיך פון איבערראַשונג בלייבט ער איינער אליין אויף'ן סקווער.

דאָן אָזע הויבט אויף דיא בלום און פערטראַכט זיך וועגען דער קאָקעטקע קארמען. וויא גוואלדיג רייצענד זיא איז! וואָס פאר א פייער ברענענדע אויגען זיא האָט! וואָס פאר א ליידענ־שאַפט ער האָט פּלוצלונג געקראָגען פאר איהר!

עס קומט יעצט אריין מיכאעלא און ברייננגט איהם א בריעף מיט א ביסעל געלד פון זיין אלטער מוטער. דאָן אָזע נעהמט איהר אויף זעהר ווארם — ער ליעבט איהר עהרליך. זיא דערמאָהנט איהם אויף'ן דאָרף, אויף דעם שטילען, רוהיגען לעבען דאָרט. זיא דערצעהלט איהם דאָס זיין מוטער האָט איהם דורך איהר געשיקט א קוש, וועלכען זיא גיט איהם אָפּ מיט אזא אונשולד דאָס דאָן אָזע ווערט שטארק גערירהט. ביידע זינגען א דועט און טרוימען פון דער היים. דאָן אָזע'ס טרוים ווערט אָבער אונטערבראָכען אלע ווײלע פון קארמען'ס בילד, און ווען מיכאעלא פערלאָזט איהם

כאַפּט ער זיך דיא ערשטע זאַך ארויסצונעהמען קאַרמען'ס בלום וועלכע ער האַט בעהאַלטען אין זיין בוזים קעשענע.

מיט אַמאָל דערהערט זיך א געוואַלדיגער גערודער אין דער טאַבאַק פאַבריק, וויא דאָרט וואָלט פּאָרגעקומען א שרעקליכער פּייט צווישען דיא מיידלאַך. קאַפּיטאַן זוניגא הייסט דאָן אָזע'ן נעהמען עטליכע סאָלדאטען און זעהן וואָס דאָרט קומט פאָר. עס צייגט זיך דערנאָך ארויס דאָס קאַרמען האַט אין א קריעג פערוואונדעט אן אנדער מיידעל, און אַלע אַנדערע מיידלאַך זיינען צוטריילט אין צוויי צדדים. קאַרמען ווערט אַרעסטירט און דאָן אָזע בלייבט מיט איהר ביז דיא קלאַגע וועט אויסגעשריבען ווערען פון קאַפּיטאַן. דאָ שטרענגט קאַרמען אָן איהר גאַנצע קאָקעטישע קראַפט און מיט איהר ווילדע ליידענשאַפט ווירקט זיא אויף דאָן אָזע אז ער זאָל איהר אָפּבינדען דיא הענד און לאָזען אַנטלויפען. וואָס קען דען דאָן אָזע טהאָן? ווען קען זיך דאָס ווערען געגען אזא ברען? ער טהוט וואָס זיא הייסט איהם. ווען מען האַלט איהר ביים אָפּפיהרען אין געפענגניס גיט זיא דאָן אָזע'ן כלומרשט א שליידער אָן דער ערד און אַנטלויפט איבער'ן בריק, מיט דער הילפע פון איהרע חבר'טעס און פּערעהרערס. דאָן אָזע ווערט אַרעסטירט.

צווייטער אַקט.

דער צווייטער אַקט איז פּיעלייכט דער רייכסטער און שעהנסטער אין דער גאַנצער אָפּערא. עס ווערט פאָרגעשטעלט א שענק פון שמוגלערס. וויפיעל לעבען עס איז דאָ — ספּעציעל ביים אָנפאַנג! מיידלאַך טאַנצען, מענער טרינקען. קאַרמען שטעהט אויף א טישעל מיט א טאַמבורין אין האַנד און זינגט „טראַ־לאַ־לאַ־לאַ", צוגעהאָלפען פון איהרע צוויי חבר'טעס פ ר א ס ק י ט א און מ ע ר ס ע ד ס. מאָראַלעס און זוניגא זיינען אויך דאָרט. דער לעצטער דרעהט זיך ארום קאַרמען, אָבער זיא קוקט זיך אויף איהם ניט אום. ער דערצעהלט איהר דאָס דער אָפיציער (דאָן אָזע) וואָס איז צוליעב איהר אַנטלויפען אריינגעזעצט געוואָרען אין געפענגניס איז שוין דעם טאָג ארויס פריי, און איידער זיא האָט

צייט צו ענטפערן אויף דעם, דערהערט זיך א געזאנג פון ווייטען מיט א הורראה געשריי און עס קומט אריין דער טארעאדאר עס־קאמיליא — א שעהנער, הויך געוואקסענער, קרעפטיגער יונגער מאן, מיט דעם רויטען טוך פון א בול־פייטער אויף זיין ארם. דער עולם ווערט בעגייסטערט דערזעהענדיג איהם. ער טרינקט א בע־כער וויין און זינגט פאר זיי דעם בעריהמטען „טארעאדאר“ ליעד, וועלכע ווערט נאכגעזונגען פון צעהנדליגע טויזענדער מענשען אי־בער דער גאנצער וועלט. קארמען איז ענטציקט און ער בעמערקט איהרע פייעריגע אויגען. „וואס איז איהר נאמען?“ פרעגט ער. „קארמען אדער קארמענציטא“, ענטפערט מען איהם, און איידער ער פערלאזט דעם שענק גיבען זיי זיך איינער דעם צווייטען א קוק וועלכער זאגט פיעל מעהר וויא ווערטער. אלע צוגעהן זיך און עס בלייבט, א חוץ דעם שענקאר, קארמען מיט איהרע צוויי חבר׳טעם.

עס קומען דאן אריין פון א זייטען טהיר דיא צוויי שמוגלערס דאנקאירא און רעמענדאדא. זיי האבען עפעס א רעכט לינקע שטיקעל ארבייט אפצוטהאן, דערצעהלען זיי, און זיי איז נויטיג דיא הילפע פון דיא מיידלאך. קארמען ענטזאגט זיך; זיא איז פערליעבט, זאגט זיא; און זיא ערוואַרטעט אז איהר געליעב־טער זאל איהר דא אויפזוכען. אהא, אט הערט זיך שוין זיין שטימע — דאן אזע קומט. זיא נעהמט זיך פוצען, וועהרענד דיא אנדערע האבען שכל איבערצולאזען איהר אליין. „ענדליך ביזטו געקומען,“ שרייט אויס קארמען, ווען זיא דערזעהט איהר געליעב־טען. ער דערצעהלט איהר דאס צוויי חדשים האט ער איבער איהר געשמאכטעט אין געפענגניס. זיא דערצעהלט איהם דאס ערשט דעם אבענד זיינען דא אין שענק געוועזן דיא אנדערע אפיציערען פון דעם דראגונער רעגימענט. דאן אזע ווערט אייפערזיכטיג. זיא נעהמט אבער טאנצען פאר איהם, מיט קאסטאנעטען אין דיא הענד, און ער קען פון איהר זיינע אויגען ניט ארונטער נעהמען. אין מיטען טאנצען דערהערט זיך דער רוף פון א טרובע. דאן אזע שפרינגט אויף און זאגט אז עס מיינט דאס ער מוז צוריק קעהרען אין קאזערמע. ער דארף דארום גלייך אוועק געהן. יעצט

ווערט קאַרמען ווילד און שליידערט אויף דער ערד זיין העלמעט און זיין שווערד. גענוג, שרייט זיא, איך האָב געמיינט דו ליעבסט מיך. ער ווייזט איהר אָבער דיא בלום וועלכע זיא האָט איהם איינמאָל געשליידערט אין געזיכט און זינגט פון זיין ליעבע פאַר איהר מיט אזוי פיעל צערטליכקייט, דאָס קאַרמען ווערט ווייעדער גוט און זיא בעט זיך ביי איהם צו געהן מיט איהר אין דיא בערג, וואו ביידע קענען לעבען פריי און ליעבען זיך וויפיעל זייער הארץ גלוסט. דאָן אָזע וויל פון דעם ניט הערען. א דעזערטירער פון דער אַרמעע וועט ער קיינמאָל ניט זיין — קיינמאָל ניט! קאַרמען'ס צאָרן פלאַקערט אויף נאָך אמאָל. גענוג, גענוג, איך האַס דיך, דונערט זיא. אָבער א קלאַפּען דערהערט זיך אין מהיר צום גאַס. עס קומט אריין — קאַפּיטאַן זוניגא. דערזעהענדיג דאָן אָזע באַפעהלט ער איהם צו פערלאָזען דעם פּלאַטץ. דאָן אָזע ציהט ארויס זיין שווערד און קאַרמען רופט נאָך הילפע. עס קומען אריין דיא שמוגלערס און מיט רעוואָלווערען אין דיא הענד פעקלען זיי דעם קאַפּיטאַן ארויס, וועהרענד דאָן אָזע נעהמט יעצט אָן זייער פאָרשלאַג צו ווערען איינער פון זייערע. דאָן אָזע פאַרגעסט אויף אַלעם — אויף מיכאעלע, אויף דער מאַמע'ן, אויף'ן דאָרף, אויף'ן רעגימענט, און אויף זיין גאַנצע צוקונפט. ער איז פערקאָכט אין איהר, אין דער קאָקעטקע, אין דער וואונדער שעהנע, רייצענדע, לעבענס־לוסטיגע קאַרמען, און ער איז בערייט איהר נאָכצוגעהן ביז עק־וועלט. אום פון איהר ליעבע צו געניסען ווערט ער א שמוגלער.

דריטער אקט

קאַרמען איז אָבער ניט פון דיא יעניגע פרויען וואָס קענען ריין ליעבען. זיא איז ליידענשאַפטליך און קאַפּריזנע; און ווען דאָן אָזע פערפאָלגט איהר מיט זיין אייפערזוכט ווערט זיא שנעל פערקאָכט אין דעם אנדערן, אין דעם שעהן און העלדיש אויסזעהענדען מאַן, דעם בול־פייטער פון שפּאַניען, וועלכער איז בעריהמט פאַר זיין בראַווקייט און פאַר זיין בריה'שאַפט אין בעזיעגען דיא ווילדעסטע אָקסען. דאָס ווערט קלאָהר ארויסגעבראַכט אין דעם

דריטען אַקט, אין וועלכען עס ווערט געצייגט אַ סצענע אין דיא בערג, וואו דיא שמוגלערס האָבען זייער לאַגער.

עס איז נאַכט. דיא מיינסטע שמוגלערס האָבען זיך צוגע־לייגט שלאָפען. פּראַסקיטאַ און מערסעדס האָבען זיך ביי אַ פייער'ל אַוועק געזעצט וואַרפען קאָרטען און אויסגעפינען זייער צוקונפט. דאָן אָזע, געקליידעט וויא אַ שמוגלער און מיט אַ ביקס אין האַנד, שטעהט ביי אַ גרויסען שטיין פערטראַכט. קאַרמען געהט צו איהם צו און פרעגט איהם וואָס ער טראַכט. ער טראַכט פון זיין מוטער און פון זיין היים, זאָגט ער. „קענסט טאַקע געהן אַהין,“ זאָגט זיא איהם גיפטיג; „דער לעבען דאָ איז ניט פאַר דיר.“ דאָן אָזע ווערט אויפגעקאָכט. ער כאַפּט אַרויס אַ קינזשאַל און זאָגט דאָס ער וועט איהר טוידטען ווען זיא וועט איהם נאָך אַמאָל ראַטהען צו פערלאָזען איהר. „מיך אַרט ניט,“ זאָגט קאַר־מען; „וועל איך שטאַרבען, אויב דאָס איז מיין שיקזאַל.“

פּראַסקיטאַ הויבט אָן זינגען דיא בעריהמטע טריאָ, „מעלאָן! קופּאָן!“ און קאַרמען קומט צו און קוקט זיך איין וויא זיי וואַרפען דיא קאָרטען. זיא פרעגט וואָס פאַר אַ שיקזאַל צייגען דיא קאַר־טען פאַר איהר. טוידט! אָבער איהר שרעקט עס ניט. עס קומען אַריין דיא הויפּט שמוגלערס און הייסען אַלעמען געהן, נור דאָן אָזע זאָל בלייבען דעם לאַגער צו בעוואַכען.

ווען אַלע צוגעהן זיך און דאָן אָזע קלעטערט אַרויף אויף אַ בארג, פיהרט אַ פויער אַריין מיכאַעלע'ן, וועלכע האָט וויעדער גע־בראַכט אַ בריעף צו איהר געליעבטען. זיא האָט קוים געקענט דערגעהן וואו ער איז. וואָס פאַר אַ מורא'דיגער פּלאַטץ דאָס איז! זיא קוקט זיך אַרום — דאָרט איז דאָן אָזע! אָבער — וואָס איז דאָס? ער ציעלט מיט זיין ביקס און — שיסט! מיכאַעלע אַנטלויפט און עס קומט האַסטיג אַריין עסקאַמיליאָ. ער איז אויפגערעגט. דער שאָס האָט געמאַכט אַ לאָך אין זיין היטעל. דאָן אָזע פליהט אַריין פון דער אַנדער זייט. ווער ביזטו און וואָס האָרפּסטו? פרעגט ער איהם; און עסקאַמיליאָ דערצעהלט איהם דאָס ער איז געקומען אויפזוכען אַ שעהנע ציגיינערין וועלכע ער

ליעבט; איהר נאָמען איז קארמען. דערהערענדיג דאָס דערצעהלט דאָן אָזע דעם בול־פייטער דאָס ער איז קארמען'ס געליעבטער, אוןביידע מאַכען זיך גרייט אויף א לעבען און טוידט קאמפף. גליק־ליכער'ווייזע קומען אָן צוריק אַלע שמוגלערס. עסקאַמיליאָ איז צופרידען וואָס זיין לעבען ווערט פון דיא שמוגלערס גערעטעט און דאנקענדיג זיי לאַדעט ער אַלעמען איין אויף א בול־פייט פאָרשטע־לונג אין סעוויל, און מיט א ברענענדען גלאַנץ אויף קארמען טראָגט ער זיך אָפּ.

אונטערדעסען דערשמעקען עטליכע שמוגלערס אז א פרעמ־דע פערזאָן דרעהט זיך ארום אָן דער זייט און זיי שלעפּען אריין דיא צושראָקענע מיכאַעלע. דיא דאָרפס־מיידעל בעט זיך יעצט ביי דאָן אָזע אז ער זאָל פאָהרען א היים; זיין מאַמע האלט ביים שטאַרבען. וויא שטאַרק ער וויל ניט איבערלאָזען קארמען אליין, וויא אייפערזיכטיג ער ווערט ווען עס דערהערט זיך פון דיא בערג דעם טאָרעאַדאָר'ס שטימע זינגענדיג דיא בעקאַנטע טאָרעאַדאָר ליעד, און וויא ווילד קארמען מאַכט איהם מיט איהר קאָקעטסטוואָ, בעשליסט ער דאָך צו געהן א היים צו זיין שטערבענדער מוטער. קארמען אָטהעמט אויף פריי.

פיערטער אקט

דער לעצטער אקט בעווייזט א סקווער אין סעוויל, אין פראָנט פון דעם צירק וואו דיא פאָרשטעלונג דארף פאָרקומען. מאַסען שעהן געקליידעטע מענער און פרויען געהן אריין אין צירק. עסקאמיליאָ קומט אריין געאָרעמט מיט קארמען, בעגלייטעט פון א גאַנצער סוויטע, און מיט גרויס פּאראַד. קארמען שווערט איהם טרייע ליעבע און ער זאָגט אז אין דעם קאמפף־פּלאַטץ וועט זיא ערשט זעהן וויא איהר געליעבטער איז בעגייסטערט פאַר איהר און וויא העלדיש ער וועט זיעגען — אַלץ צוליעב איהר! קארמען איז איבער־גליקליך.

אונגליקליכע קארמען! איהר ענדע איז נאָהענט און מען דארף איהר ניט פעראורטהיילען פאַר דעם וואָס זיא בייט איהרע געליעבטע אַזוי לייכט. איידער דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף

פאַר דיזען אַקט טײטשט דער אָרקעסטער אויס דעם ריכטיגען כאַ־ראַקטער פון דער שעהנער, ליידענשאַפטליכער, פייער׳דיגער ציגייַ־נערין. דער אָרקעסטער פאַנגט טאַקע אָן מיט שטאַרקע טענער וועלכע ברייננגען אַרויף אויף׳ן זינען דעם רוישענדען לעבען ביי אַ בול־פייט פאָרשטעלונג, אָבער גלייך נאָכדעם ווערען דיא טענער זאַנפטער און דיא אינסטרומענטען רעדען צו דיא געפיהלען פון דיא צושויערס. וואָס דערצעהלען זיי — דיזע פער׳כשוף׳טע אינסטרו־מענטען? הערט זיך נור צו גוט! זיי זאָגען אין אַ גאַנץ דייטליך מוזיקאַלישער שפּראַך דאָס קאַרמען דיא ציגיינערין איז אונפער־אַנטוואָרטליך פאַר איהרע ליידענשאַפטליכע קאַפּריזען, פאַר איהר פערבייטען דאָן אָזע אויף עסקאַמיליאָ. וויא מעלאַנכאָליש דאָס איז! וויא הערצרייסענד!

איין זאַך איז זיכער — קאַרמען איז ניט קיין פייגלינג! זיא האָט קיין מורא ניט פאַר קיינעם. איהר לעבען איז אָן אָפענער. נאָכדעם וויא אַלע קומען אַריין אין צירק קומען צו איהר צוגעהן איהרע פריינד פראַסקיטאַ און מערסעדס און וואַרנען איהר: דאָן אָזע דרעהט זיך אַרום צווישען עולם. אָבער זיא איז בערייט איהם צו בעגעגענען — זאָגאַר מיט איהם צו רעדען. דאָן אָזע קומט צו איהר צו אַ ניעדערגעשלאָגענער, אַ פערלאָרענער—פיזיש, גייסטיג און מאָראַליש. ער בעט זיך ביי איהר, ער פאַלט פאַר איהרע פיס, ער קען ניט בעהערשען זיין ליידענשאַפט צו איהר, זיין אייפער־זוכט ברענט אין איהם וויא אַ העלישער פייער. ווען עס דערהער־רען זיך דיא אַפּלאָדיסמענטען וואָס עסקאַמיליאָ קריגט הייבען אָן פינקלען ביי קאַרמען דיא אויגען און זיא וויל אַריינלויפען צו איהם, צום אַנדערען, צו עסקאַמיליאָ דעם זיעגער, דעם בול־פייטער, וועלכער ווערט פאַרגעטערט פון דער מאַסע. דער אונגליקליכער דאָן אָזע זעהט וויא זיין געליעבטע איז פאַר איהם פערפאַלען. ער וויינט פאַר איהר און אַפּעלירט צו איהר. ער איז בערייט פאַר איהר צו געהן אין פייער און אין וואַסער. „עס איז נאָך דאָ צייט, קאַרמען; איך וויל דיך רעטען" — זאָגט ער איהר.... „דו ווייסט אַז מיין האַרץ וועט דיך אימער פערגעטערען"... און ווען זיא איז

זיך פאר איהם מודה אז איהר הארץ איז שוין אוועק געגעבען צו אן אנדערען, זאגט ער: „טראץ דעם, קארמען, ליעב איך דיך אלץ; יעס, יעס, קארמען, איך פערגעטער דיך." וויא פיעל ליידענשאפט־ליכער פייער עס איז דא אין דער מוזיק! וויא פיעל פערצווייפ־לונג! דוכט זיך, א הארץ פון אייזען קען געריהרט ווערען פון אזא מאן אין וועלכען דאן אזע בעט זיך. אבער ליידענשאפטליכע ליעבע איז ניט נור בלינד נור אויך טויב, און קארמען'ס הארץ איז שוין ביי דיעזער צייט אזוי פערנומען מיט איהר אנדערן געליעבטען, דאס ניט טראכטענדיג טרעט זיא אויף דער צובלוטיגטער הארץ פון דעם געפאלענעם דאן אזע... זיא ווארפט איהם אין פנים דעם פינגעריל וואס ער האט איהר אמאל געשענקט. זיין געדולד פלאצט און — ער דערשטעכט איהר.

דערמיט ענדיגט זיך דיא גאנצע האנדלונג.

„קארמען" איז אהן צווייפעל א וואונדערבארע אפערא. לייהדער האט איהר קאמפאזיטאר, ביזע, געהאט א קורצען לעבען. נור 37 יאהר האט ער געלעבט. ער איז געשטארבען א קורצע צייט נאכדעם וויא זיין אפערא „קארמען" איז צוערשט אויפגעפיהרט גע־ווארען — אין דעם זעלבען יאהר, 1875; און געשטארבען איז ער ניט וויסענדיג וויא גרויס, וויא בעריהמט זיין לעצטעס קונסטווערק, זיין לעצטע אפערא, זיין „קארמען" האט איהם געמאכט.

עס איז מערקווירדיג וויא דיא צייט ענדערט דיא מיינונג פון מענשען איבער יעדע זאך. ווען קאלאמבוס האט זיך ארומגעטרא־גען מיט דער אידעע דאס ער קען מיט'ן וואסער צוקומען צו אינדיען האט מען אויף איהם מיט דיא פינגער געטייטעלט אין דיא גאסען. ווען ראבערט פולטאן האט פאר דעם גרויסען נאפאלעאן פארגע־לייגט דעם פלאן פון א דאמפף־שיף האט איהם דער גרויסער מאן אויסגעלאכט; און דיא פארמעס פון ניו יארק האבען שפעטער זיין ערשטע ווירקליכע דאמפף־שיף בעווארפען מיט שטיינער. דאס זעלבע איז געשעהן מיט אלע גרויסע לייט וואס האבען זיך בע־זאנדערס אויסגעצייכענט אויף אירגענד וועלכען געביט פון מענש־

ליבע טהעטיגקייט. און מוזיק איז אין דעם הינזיכט קיין אויס־נאָהם ניט.

ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג פון „קאָרמען" איז דער עולם געוועזן אזוי קאַלט, אזוי ניט־סימפּאַטיש צו דאָס ווירקליך גרויסע קונסט ווערק, דאָס דער יונגער ביזע האָט פערלאָזען דיא אָפּעראַ־הויז מיט טרעהרען אין דיא אויגען. ער איז געקומען אהיים און האָט ביטער געוויינט אויס פערדרוס: און ווען ער איז געשטאָרבען איז נאָך דער ריכטיגער ווערטה פון דער אָפּערא ניט בעגריפען געוואָרען.

און יעצט? יעצט געהט ניט דורך קיין סיזאָן אז מען זאָל דיא אָפּערא ניט אויפפיהרען מיט גרויסען ערפאָלג אין כמעט יעדע גרויסע שטאָדט פון דער וועלט. נאָך מעהר! דיא אָפּערא איז אנער־קענט אלס אזא רייצענדעס קונסט־ווערק, דאָס ווען איינער וואָס האָט נאָך קיין אָפּערא גאָר קיין מאָל ניט געזעהען געהט אמאָל זעהען „קאַרמען" מוז ער ווערען מעהר אָדער ווייניגער א ליעבהאָבער פון אָפּערא אין אלגעמיין — אזוי פיעל צוציהונגס־קראַפט, אזוי פיעל קונסט, איז דאָ אין דאָס גרויסע קונסטווערק פון דעם אונ־גליקליכען ביזע.

„קאַרמען" האָט ביזע'ן געבראַכט צום שוועל פון אונשטערב־ליכקייט. וואָלט ער געלעבט לייננער — ווער ווייס וויא רייכער דיא מוזיקאַלישע וועלט וואָלט געוועזן אין אָפּעראַס!

LA NAVARRAISE — Massenet

לא נאוואַרעז

פון עמיל פרעדריך מאַסענע

פערזאָנען:

אראַקיל — טענאָר; רעמיגיאָ — באַריטאָן; גענעראַל גאַרידאָ — באַס; בוסטאַמענטע — באַס; ראַמאָן — טענאָר; אַניטאָ — סאָפּראַנאָ.

איינער פון די גרויסע פראַנצויזישע קאָמפּאָזיטאָרס פון אונזער צייט איז עמיל פרעדריק זשול מאַסענע, וועמעס קליינע אבער פּראַכטפאָלע אָפּערא „לא נאוואַרעז" מיר געהען דאָ בעשפּרעכען. א חוץ אין פראַנקרייך זיינען דיא מעהרסטע פון מאַסענע'ס אָפּעראַס ניט זעהר פּאָפּולער, אָבער אַזעלכע פון זיינע אָפּעראַס וויא „העראָדיאַד", „מאַנאָן", „לעסיד", „ווערטהער", „טהעיז" און „לא נאוואַרעז" זיינען בעוואוסט און זאָגאַר פיעל בעליעבט אין אַנדערע לענדער אויך. ספּעציעל איז דאָס דער פאַל מיט „מאַנאָן" און „לא נאוואַרעז".

דיא לעצטע דערמאָהנטע אָפּערא בעשטעהט אין גאַנצען פון 1 אקט, מיט אַן אינטערמעצאָ אין מיטען, אַזוי וויא מאַסקאַני'ס „קאַוואַלעריאַ רוסטיקאַנאַ". אָבער ניט נאָר אין דעם אליין איז דיזע אָפּעראַ פון מאַסענע עהנליך צו דער דערמאָהנטער איטאַליענישער אָפּעראַ — ניט נאָר אין דעם טעכנישען געבוי פון דער דראַמאַטישער האַנדלונג, זאָנדערען אויך אין דער מוזיק — אי אין דער פאָרמע אי אין דעם אינהאַלט. וויא עס ווייזט אוים האָט מאַסענע געוואָלט

נאָכמאַכען דיא ארבייט פון דער יונגער איטאַליענישער שוהלע (מ אַ ס ק אַ נ י, ל ע אָ נ ק אָ וו אַ ל אָ, ז ש י אָ ר ד אַ נ אָ, א. ז. וו.) און עס איז איהם געלונגען. פיעלעס אין „לאַ נאַוואַרעז" שמעקט איטאַליעניש. דאָס נעהמט אָבער פון דער אָפּערא גאָרניט אוועק. „לאַ נאַוואַרעז" איז אָהן צווייפעל אַ קונסטווערק אין וועלכען דער גרויסער טאַלענט פון איהר קאָמפּאָזיטאָר שפּיגעלט זיך גוט אָפּ.

דיא האַנדלונג פון „לאַ נאַוואַרעז" קומט פאָר אין שפּאַניען, אין 19טען יאָהרהונדערט, אין דער צייט פון דיא קאַרליסטען אונ־רוהען, ווען עס איז פערגאָסען געוואָרען אזוי פיעל בלוט צווישען דיא ליבעראַלע עלעמענטען און דיא רעאַקציאָנערען פון שפּאַניען. דער גאַנצער אַקט, פון אָנפאַנג ביז צו ענדע, שטעלט פאָר אַ שלאַכט־פעלד, ניט וויים פון דעם הויפּט־קוואַרטיער פון אַ גענעראַל פון דיא ליבעראַלען, און דיא דראַמאַטישע ענטוויקלונג פון דער אָפּערא איז ענג פערבונדען מיט דעם וואָס עס קומט פאָר אויף'ן שלאַכטפעלד. מען קען זיך דאַרום פאָרשטעלען דאָס דיא סצענע איז סענזאַציאָנעל, פול מיט אויפרעגונג, פול מיט קאָליר, און דאָס דיא גאַנצע האַנדלונג געהט אָן זעהר שנעל — ניט געבענדיג קיינעם פון דיא צושויער אַ געלעגענהייט צו פיהלען זיך געלאַנגווייליגט.

דער סוזשעט איז ווי פאָלגט:

א נ י ט א, אַ מיידעל פון נאַוואַר,*) איז פערליעבט אין אַ סאַרדזשענט מיט'ן נאָמען א ר א ק י ל, וועלכער דיענט אין דער אַרמעע פון גענעראַל ג אַ ר י ד אָ. אַראַקיל ליעבט אויך אַניטאַ'ן, אָבער ער איז אונטער דעם איינפלוס פון זיין פאָטער וועלכער פאָדערט אַז זיא זאָל געבען 2000 דוראָס נדן. זיא האָט אָבער ניט קיין געלד. דאַרף זיך גראַדע מאַכען אַז זיא זאָל זיך דערוויסען פון אַן אָנבאָט וואָס גענעראַל גאַרידאָ מאַכט דעם יעניגען וואָס וועט טוידטען דעם גענעראַל קאָמאַנדיר פון דער קאַרליסטישער אַרמעע, און זיא נעהמט זיך אונטער עס דורכצופיהרען פאַר 2000 דוראָס. איהר געליבטער ווערט איהר געלינגט דיא אונטערנעהמונג, אָבער איהר געליבטער ווערט

*) „לאַ נאַוואַרעז" מיינט „דיא פרוי פון נאַוואַר". — ה. ע.

דורך איהר האנדלונג טוידטליך פערוואונדעט און פון גרוים עגמת נפש פערליערט זיא איהר פערשטאנד.

דאס איז אלעס, איבערגעגעבען בקיצור. דיא הויפט ראלע אין דער אפערא האט אניטא, און דיא בעריהמטע זינגערין ע מ א ק א ל ו ו ע האט זיך אין דיזער ראלע בעריהמט געמאכט. פערשטעהט זיך, דורך דעם אליין וואס דיא ענטוויקלונג פון דעם גאנצען סוזשעט קומט פאר אין איין אקט איז דיא מוזיק געוויסערמאסען א שנעל־פליסענדע. ס'איז דא מעלאדיע, אבער ניט קיין אויסגעצויגענע, וויא, צום ביישפיעל, ביי ווערדי'ס ערשטע אפעראס. דיא מוזיקאלישע פראזען זיינען נויטווענדיגער־ווייזע קורצע; דאך איז די גאנצע מוזיק פון „לא נאווארעז" זעהר א שעהנע און אנגענעהמע פאר'ן אויער.

ווען דער פארהאנג הויבט זיך אויף הערען זיך דיא קראכען פון קאנאנען און דער שיסען פון ביקסען, שטימענדיג צו דעם טאקט פון דיא ארקעסטער מוזיק. עס ווייזען זיך סאלדאטען אן דער זייט אויף א בערגיל. זיי ווערען, וויא עס ווייזט אויס, צוריק געטריבען פון דעם שונא; זיי פערלירען דיא שלאכט; און לויפענדיג צוריק שעלטען זיי און שרייען אויף אלעס און אלעמען. אהן ארדנונג אדער דיסציפלין לויפען דיא צוריק געטריבענע סאלדאטען אין דעם טהאל וואו עס געפינט זיך גענעראל גארידא'ס הויפט־קווארטיער און וואו עסווארטען אויף זיי זייערע קרובים און פריינד, הויפטזעכליך פרויען. צווישען דיא לעצטע געפינט זיך אניטא. זיא קוקט ארויס מיט דער גרעסטער אונגעדולד אויף איהר אראקיל, איהר הערצענס־געליעבטען. זיא קוקט זיך איין אין יעדען פערשמירטען פנים וואס ווייזט זיך. עס ווערט נאכט. זיא בעט גאט פאר דעם לעבען פון דעם מאן וואס זיא ליעבט אזוי שטארק. אהא, ער איז דא! זיא דערזעהט איהם אויף'ן בערגיל, לויפענדיג מיט'ן ביקס אין האנד, אומקעהרענדיג זיך אלע ווייל צו שיסען אויפ'ן שונא. אזוי שנעל וויא ער איז אין טהאל דערזעהט ער איהר און אין ווייניגער צייט וויא עס נעהמט צו בעשרייבען זיינען זיי שוין אין איינער דעם אנדערען'ס ארעמס.

יא, זיי ליעבען זיך, ליעבען זיך זעהר שטארק. וויא ליידענ־שאפטליך זייער דועט איז! וויא ריהרענד! זיי וואלטען זיך קיינמאל ניט וועלען שיידען! עס קומט אבער אריין אראקיל'ס אלטער און שטרענגער פאטער, ר ע מ י ג י א, און עס שמעקט איהם גאר ניט ווען ער דערזעהט וויא טיעף פערליעבט זיין זוהן איז אין דער ארימער מיידעל. ער וויל פון קיינע טענות ניט הערען. זיין זוהן וועט פון איהם קריגען 2000 דוראס נדן און ער וויל אז דיא מיידעל וועלכע וועט איהם הייראטהען זאל אויך געבען ניט וועניגער געלד. אניטא איז אין דער גרעסטער פערצווייפלונג. דער אלטער רעמיגא פערבאט איהר זאגאר צו קומען אין נאהענטע בעריהרונג מיט זיין זוהן.

אונטערדעסען ווערט אראקיל געמאכט פאר לייטענאנט, אויף דעם פלאטץ פון אן אפיציער וואס איז אין דער שלאכט דער'הרג'עט געווארען. גענעראל גארידא זעלבסט לויבט דעם יונגען מאן, און דאס מאכט דעם אלטען רעמיגא נאך שטאלצער אויף זיין זוהן. ער שלעפט איהם אוועק מיט זיך אהיים, איבערלאזענדיג אניטא אליין אין דער פינסטער, קעמפפענדיג מיט איהרע טרויעריגע געדאנקען און שטארקע געפיהלען פון ליעבע, האס און ליידענשאפט.

בלייבענדיג אליין זעהט זיא וויא גענעראל גארידא קומט ארויס פון זיין הויפט־קווארטיער און רעדט מיט עטליכע אפיציערען. זיא הערט וויא ער בעדויערט שטארק דעם פערלוסט אויף'ן שלאכט־פעלד, וויא איהם קריינקט דער זיעג פון זיין שונא, גענעראל ז ו ק א ר א נ א. אך, ווען אימיצער זאל זיין בראוו גענוג דיזען שונא זיינעם דעם קאפ ארונטער צו נעהמען, זאגט גענעראל גארידא; ער וואלט גוט בעצאהלט פאר דעם און ער וואלט זיך געפיהלט גליק־ליך מיט אזא ראכע. דיא ווערטער געהען אריין טיעף אין אניטא'ס קאפ. בעצאהלען וועט ער — וויפיעל? וויפיעל וועט ער געבען פאר'ן טוידטען זיין געגנער, זיין שונא אין דעם אנדער לאגער? זיא וועט איהם פרעגען, בעשליסט זיא ביי זיך; און ווען דער גענעראל בלייבט אויף א ווילע אליין קומט זיא צו איהם צו. וועט ער געבען 2000 דוראס פאר'ן קאפ פון גענעראל זוקאראגא? יא, ער וועט

געבען; און אַניטאַ פערשווינדט אין דער פינסטער פון דער נאַכט אין דעם לאַגער פון דיא קאַרליסטען.

שפּעטער אַ ווײַלע קומט אַרײַן אַראַקיל זוכען זײַן געליעבטע אויף׳ן פּלאַץ וואו ער האָט איהר פריהער איבערגעלאָזען. זיא איז אָבער ניטאָ. דאָרט ליעגען יעצט אַ סך סאָלדאַטען אויסגעשטרעקט אויף דער ערד; מאַנכע זיצען נאָך און מאַכען זיך לוסטיג. איינער פון זײ, ב ו ס ט אַ מ ע נ ט ע, האַלט אַ גיטאַר אין האַנד און זינגט אַ קאָמישע ליעד, אונטערגעהאָלפען אַלע ווײַלע פון זײַנע קאַמעראַדען. אַראַקיל גיט אַ פרעג אויב יעמאַנד האָט געזעהן אַניטאַ׳ן. יאָ, רופט זיך אָפּ ראַמאָן, אַ יונגער אָפיציער פון גענעראַל גאַרידאָ׳ס סוויטע; אַניטאַ האָט מען ערשט ניט לאַנג צוריק באַגעגנט אויף׳ן וועג צום שונאַ׳ס לאַגער. אַראַקיל ווערט אויפגעקאָכט און, בעגלייטעט פון דעם געלעכטער פון דיא אַנדערע, לויפט ער אַוועק אין יענער ריכטונג.

דיא סאָלדאַטען לייגען זיך שלאָפען. אויף׳ן פעלד ווערט שטיל. נור דיא זיסע טענער פון דעם אָרקעסטער הערען זיך, אָבער דיזע טענער אונטערברעכען ניט דיא שטילקייט, זאָנדערן מאַכען דיא שטילקייט נאָך שטאַרקער, נאָך רעאַליסטישער. דאָס איז דיא אינטערמעצאָ פון דער אָפּעראַ, דער מוזיקאַלישער איבערגאַנגס־פונקט אין דער האַנדלונג, און דער קאָמפּאָזיטאָר האָט אויף דעם אַוועקגעלייגט זײַן בעסטע קראַפט. מיט דעם פּינזעל פון אַן עכטען אַרטיסט מאָהלט ער פאַר דער פאַנטאַזיע פון דיא צושויער דיא שטילע נאַכט און דעם אָנפאַנג פון דעם שעהנעם וואַרעמען טאָג.

פּלוצלונג — אַ קראַך! דיא סאָלדאַטען כאַפּען זיך אויף פון זייער שלאָף מיט אַ מאָל, און מיט דיא ביקסען אין דיא הענד און מיט אַן ענטהוזיאַסטישען הורראַ־געשריי פערשווינדען זײ איבער׳ן בערגעל פּאָרטצוזעצען דיא בלוטיגע אַרבייט... אין דער מישעניגע קומט אַרײַן אַניטאַ מיט אַ פערפלאַמטען געזיכט און רויטע אויגען. זיא לויפט גלייך צו גענעראַל גאַרידאָ׳ן און קריגט איהר פערדיענטע סוממע; זיא האָט דיא בלוטיגע אַרבייט אָפּגעטהאָן... דאָס געלד ברענט ביי איהר אין האַנד... ס׳מאַכט אָבער ניט; זיא האָט איהר

ציעל עררייכט, טראַכט זיא זיך. אָבער איהר צופריעדענהייט דויערט ניט לאַנג, ווייל עס ווערט אַריינגעפיהרט פערוואונדעט איהר אַראַקיל. ער דערזעהט איהר, אָבער וויל מיט איהר ניט מעהר האָבען צו טהאָן. ער האָט איהר מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהן אין דעם לאַגער פון שונא; זיא איז איהם אונגעטריי; זיא איז אַ פּעררעט־הער; זיא פערקויפט איהר עהרע פאַר געלד...

פון דעם דאָרף וואו דער קאַרליסטישער גענעראַל האָט געהאַט זיין קוואַרטיער דערהערט זיך יעצט דער טרויעריגער קלינגען פון גלאָקען. עס קומט אָן אַ שליח און מעלדעט אַז גענעראַל זוקאַראַגאַ איז ערמאָרדעט געוואָרען פון אימיצען. דער פערוואונדעטער אַראַקיל בעגרייפט יעצט דעם אמת. ער פערשטעהט אַז זיין אניטאַ האָט עס געטהאָן. ליידענדיג שרעקליך פון דער וואונד וואָס ער האָט געקראָגען אין מיטען דער נאַכט, פאַלט ער צו דער ערד און הויכט אויס זיין לעצטען אָטהעם. אויף אניטאַ'ן האָט עס אַ שרעקליכע ווירקונג. זיא ווערט געריהרט פון זינען. זיא מיינט אַז דיא גלאָקען זיינען פאַר איהר התונה און זיא שלעפּט דעם טוידטען אַראַקיל ביים האַנד. זעהענדיג אַז ער געהט ניט, בויגט זיא זיך איין, עפענט זיינע אויגען מיט איהרע פינגער און מיט אַ שוידערליכען געשריי פאַלט זיא בעוואוסטלאָז איבער זיין קערפּער.

דערמיט ענדיגט זיך דיא טראַגעדיע.

אין „לאַ נאַוואַרעז" זיינען דאָ אַלע עלעמענטען פון פּאָפּולאַר־ריטעט; דאָך קען מען ניט זאָגען אַז דיא אָפּעראַ איז פּאָפּולער אין דעם זעלבען זינן וויא „קאַוואַלעריא רוסטיקאַנאַ" אָדער „פּאַליאַ־טשי". מאַסענע, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען אין 1842, איז שוין אַלט געווען 52 יאָהר ווען ער האָט דער וועלט געגעבען „לאַ נאַוואַרעז", און ער האָט אָהן צווייפעל אין דער קליינער אָפּעראַ אַריינגעלייגט זיינע בעסטע כחות. עס איז דאַרום ניט קיין אונרעכט צו איהם צו זאָגען אַז דיזע אָפּעראַ איז אַ גוטער ביישפּיעל פון מאַסענע'ס מוזיקאַלישען טאַלענט. אַס יעדענפאַלס איז „לאַ נאַוואַ־רעז" אָן אָפּעראַ וואָס פערדיענט אויפגעפיהרט צו ווערען אָפט און וואָס איז ווערטה צו הערען פון צייט צו צייט.

TANNHÄUSER — Wagner

טאנהייזער

פון ריכארד וואגנער

פערזאנען:

טאנהייזער — טענאר; וואלפראם — באריטאן; לאנדגראף הערמאן — באס; וואלטער — טענאר; ביטעראלף — באריטאן; הייכריך — באריטאן; רייכמאר — באס; עליזאבעט — סאפראנא; ווענוס — סאפראנא; פאסטוך'ל — סאפראנא.

ווער פון די וואס געהען אמאל הערען אן אפערא האבען ניט געהערט „טאנהייזער“? דיזע ראמאנטישע אפערא אין 3 אקטען, פון ריכארד וואגנער, איז פאפולער איבער דער גאנצער וועלט, אבוואהל זיא איז ניט פון דיא גאר בעסטע מוזיקאלישע קונסטווערקע וואס וואגנער האט בעשאפען. אין „טאנהייזער“ האט ריכארד וואגנער גאר צו־ערשט ארויסגעוויזען וואס פאר אן אונפערגלייכבארער זשעני ער איז, וואס פאר א פאעטישע קראפט ער בעזיצט, און וואס פאר אן אונגעוועהנליך גרויסע מוזיקאלישע נשמה ער האט.

וואגנער, וויא בעוואוסט, איז מעהר וויא א גרויסער נאמען אין דער מוזיקאלישער קונסט. וואגנער איז דער גרינדער פון א נייע שוהלע, פון א נייע טענדענץ, פון א נייע ווענדונג אין אפערא. וואג־נער פערטרעט אן אידעע אין דער אפערא — אן אידעע וועלכע ווערט נאך יעצט אויך שטארק דעבאטירט — אן אידעע וועלכע האט אין דער אפערא אריינגעגעבען א נייעם לעבען, א פרישען כח,

און האָט איהר געשטעלט אויף אַ פיעל שטאַרקערען פונדאַמענט וויא זיא האָט געהאַט בעפאָר.

וואָס איז, אין קורצען, דיא נייע אידעע, דיא וואַגנער אידעע?

אָפּערא מוז זיין אַ פערבינדונג פון אַלע קונסטען צוזאַמען — פון דראַמאַ, פּאָעזיע, מאַהלעריי, סקולפּטעריי און מוזיק.

מוזיק אַלס דיא העכסטע מענשליכע קונסט דאַרף דורך דער אָפּערא, אָדער, וויא ער האָט עס גערופען — דורך דער מוזיק־דראַמאַ, אויסדריקען האָס שעהנסטע און דאָס הערליכסטע פאַר'ן מענשליכען אויג, אַזוי גוט וויא פאַר'ן מענשליכען אויער.

אַלע קונסטען האָרפען צוזאַמענגעגאָסען ווערען אין איין האַר־מאָנישעס גאַנצעס — דורך מוזיק, אין דער פאָרמע פון אַ מוזיק־דראַמאַ. דיא שוישפּיעלער, דיא אַרטיסטען אויף דער ביהנע, קענען דורך זייער אַרטיסטישע בעוועגונג און גרופּירונג פאָרשטעלען דיא שעהנסטע סקולפּטעריי, דער סוזשעט דאַרף אין זיך אויסדריקען דיא העכסטע פאָרמע פון דראַמאַ, דיא ווערטער מוזען זיין געשריעבען אין דער העכסטער פּאָעטישער שפּראַך, דיא סצענעס אויף דער ביהנע קענען פאָרשטעלען פאַר'ן אויג דיא שעהנ־סטע מאַלעריי און דיא מוזיק האָט דיא אויפגאַבע דאָס אַלעס צו פעראייניגען, פערשמעלצען און מאַכען קלאָהר פאַר דיא מענשליכע געפיהלען.

דאָס, אונגעפעהר, איז געוועזען דיא נייע אידעע פון ריכאַרד וואַגנער. אַ ווירקליך אָריגינעלער איינפאַל! וואָס איז אָבער נאָך מעהר פון דעם — ער האָט זיך אונטערגענומען צו בעווייזען וויא דורכפיהרבאַר דאָס אַלעס איז. אַ ווירקליך ריעזיגע אונטערנעה־מונג! מען האָט איהם צוערשט אויסגעלאַכט, מען האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ משוגע'נעם, און מען האָט איהם זאָגאַר ניט געוואָלט אויסהערען. אָבער וואַגנער האָט זיך גענומען אויספיהרען זיין אידעע מיט דעם גייסט פון אַ פאַנאַטיקער, מיט דעם גייסט פון קאַמפּף און רעוואָלוציאָן, און נאָך אַ פערטעל יאָהרהונדערט פון שווערע, אונערמיעדליכע אַרבייט האָט ער בעהאַט דיא גאַנצע

וועלט ביי זיינע פיס. „וואגנעריזם" איז געווארען אנערקענט אלס דיא איינפלוסרייכסטע אידעע אין דער אפערא וועלט.

„טאנהייזער" איז געוועזן דיא ערשטע אפערא דורך וועלכע וואגנער האט ערנסט אנגעפאנגען זיין קאמפף פאר אנערקענונג. אין דיזער אפערא איז פערקערפערט זעהר פיעל, אבוואהל ניט אלע פון דיא אידעען, וועלכע ער האט פראפאגאנדירט.

אין דעם יאהר 1845 האט ער דיזע אפערא געענדיגט און צוערשט אויפגעפיהרט אין דרעזדען. פערשטעהט זיך, קיין ערפאלג איז דיא אפערא ניט געווען צוערשט. דיא קריטיקער האבען ניט געקענט פערדייען א נייע זאך, א רעוואלוציאנערע זאך אויף דער אפערא ביהנע. עס איז אבער גענוגענד צו זאגען דאס היינט צו טאג איז „טאנהייזער" איינע פון דיא בעסט־בעליעב־טעסטע אפעראס ביים עולם, און דיא יעצטיגע קריטיקער אנערקענען כמעט איינשטימיג איהר גרויסען ווערטה אלס א דראמא און אלס א מוזיקאלישע קונסט־ווערק.

דער סוזשעט פון „טאנהייזער" איז גענומען פון אן אלט־דייטשע לעגענדע, וויא דער סוזשעט פון פיעלע אנדערע וואגנער'ס בעריהמטע קונסט־ווערקע. דיא האנדלונג קומט פאר אין טהורינגען, דייטשלאנד, אין דעם 13טען יאהרהונדערט.

וואס דא איז וויכטיג צו בעמערקען איז דאס וואגנער איז דער איינציגער קאמפאזיטאר וואס האט אליין געשריעבען דיא ליברע־טאס (דיא ווערטער) פאר זיינע אפעראס. אליין, אהן דיא הילפע פון אירגענד אנדערע לעבעדיגע מענשען, האט ער אויסגעארבייט יעדען סוזשעט וואס ער האט בעדארפט. אין דיזע ליברעטאס צייגט זיך וואגנער ארויס צו זיין א ניט קלענערער פאעט וויא א קאמפא־זיטאר. זיין נאמען איז דארום אונשטערבליך ניט נור אין דער מוזיק וועלט, זאנדערען אויך אין דער ליטעראטור וועלט.

און דער סוזשעט פון „טאנהייזער" איז פאעטיש אין העכסטען זין דאס ווארט, אין דעם גאנצען בעגריף אזוי גוט וויא אין דיא בעארבייטונג פון איינצעלהייטען.

וואס איז דיא געשיכטע פון „טאנהייזער"?

אין וו א ר ט ב ו ר ג האט זיך געפונען דער הויף פון דעם ראמאלסדיגען לאנדגראוו (פרינץ) הערמאן פון טהורינגען. דער לאנדגראוו, וויא אלע זיינע פארגענגער, האט זיך שטארק אינטערעסירט מיט קונסט, ספעציעל מיט פאעזיע און מוזיק. ער האט ארום זיך געהאט א סך ריטערס, טרובאדורען, וועלכע האבען אפט אפגעהאלטען פעסטען פון געזאנג, ביי וועלכער געלעגענהייט ער פלעגט פערטהיילען פרייזען צו דיא וואס האבען זיך אם בעסטען אויסגעצייכענט אין זינגען.

ניט וויט פון דעם לאנדגראוו'ס הויף האבען זיך געפונען דיא בעריהמטע ה ע ר ז ע ל־ב ע ר ג. אין איינעם פון דיזע בערג, אין א טיעפען הייהל, איז געווען דער בעהאלטענער ארט פון וו ע נ ו ס, דיא געטין פון שעהנהייט און ליעבע, וואו זיא האט געוואהנט און געלעבט לוסטיג מיט אלע איהרע בעגלייטער. פון צייט צו צייט פלעגט זיא אהין צו זיך פערנארען מענער, וועלכע פלעגען ביי איהר פערברייננגען פרעהליך ביז זייערע כחות זיינען אויסגעגאנגען.

צווישען דיזע פערנארטע מענער אין ווענוס'ס הייהל איז געווען א ריטער און טרובאדור פון לאנדגראוו הערמאנ'ס סוויטע— א יונגער מאן מיט'ן נאמען ט א נ ה י י ז ע ר. דיזער יונגער מאן האט פאר א צייט געליעבט ע ל י ז א ב ע ט, הערמאנ'ס פלימעניצע, און ניט האבענדיג קיין האפנונג איהר האנד ווען צו געווינען, האט ער פערבלאנזשעט אין דער הייהל פון דער געטין פון גענוס און האט זיך דארט איבערגעגעבען צו א פרעהליכען, תאוה'דיגען לעבען.

א גאנצען יאהר האט טאנהייזער פערהולטעוועט ביי ווענוס'ן. עס איז איהם געווען גוט. נאר ניט האט איהם, דוכט זיך, געפעהלט. ער האט געהאט שטענדיג פערגעניגען. דאך האט איהם גענומען בענקען אהיים, צו דער ערד, דארט וואו מענשען בעצאהלען מיט ליידען פאר יעדען פערגעניגען, דארט וואו עס איז דא צרות אזוי גוט וויא פרייד, דארט וואו גליק איז דער רעזולטאט פון שווערע ביטערע ארבייט.

ערשטער אַקט.

ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף פאַר'ן ערשטען אקט זעהט זיך וואָס פאַר אַ לוסטיגען לעבען עס ווערט געפיהרט אין ווענוס'עס היידל. טאַנהייזער ליגט ביי דיא פיס פון דער געטין, ווערהרענד האַלב־טאַקטעט, שעהנע מיידלעך טאַנצען. דעם יונגען ריטער איז שוין דאָס אָבער מיאוס — איהם צופט און רייסט צו דער ערד. ער שפּרינגט אויף, און מיט אַ האַרפּע אין זיינע הענד בעזינגט ער ווענוס'עס מעלות — איהר שעהנקייט, איהר ליעבע, איהר גלאַנץ. אָבער ער פאָדערט זיין פרייהייט. דיא געטין וויל איהם ניט אוועק־לאָזען. זיא שטריינגט אָן איהר גאַנצע קראַפט איהם צו האַלטען ביי זיך. זיא וואָרענט איהם חאָס ער וועט אויף דער ערד ניט געפינען דאָס וואָס ער זוכט און ער וועט זיך קומען צוריק בעטען צו איהר. אָבער דאָס ווירקט ווייניג אויף דעם ריטער. ער צווינגט ענדליך דער געטין זיא זאָל איהם לאָזען געהן....

(פערוואַנדלונג)

טאַנהייזער געפינט זיך מיט אמאָל אויף דער ערד. זיין ערשטער אָפּשטעל איז אין אַ טהאָל צווישען דיא הערזעל־בערג און וואַרט־בורג. ס'איז פריהלינג. אַ פּ אַ ס ט ו ך'ל זיצט אויף אַ שטיין און שפּיעלט אַ לוסטיג פריהלינג־ליעד אויף זיין פייפעל. פון דער ווייטען הערט זיך דער זינגען פון אַ מאַסע פּילגרימס, וועלכע געהען עולה רגל זיין אין רוים. ניט ווייט פון דעם פּלאַטץ וואו טאַנהייזער איז געבליבען שטעהן זעהט זיך אַ גרויסער צלם.

דער ריטער און טרובאַדור איז וויא בערוישט פון דיזער ערקוויקענדער אַטמאָספערע. ער קניעט פאַר'ן צלם און איז מתפלל. עס געהען פערביי דיא פּילגרימס און ער וויל זיך אָן זיי אָנשליסען, אום זיין נשמה אָפּצורייניגען אַ ביסעל פון דיא זינד אין וועלכע ער האָט געלעבט ביי ווענוס'ן אין היידל. ער וויל תשובה טהאָן, ווערען אַ פרומער, מאָראַלער, גאָטט־פאָרכטיגער מאַן. ער טראַכט פון דעם הולטייסקען לעבען וואָס ער האָט געפיהרט און זיין האַרץ ווערט איהם צובראָכען אויס פערדרוס. פּלוצלונג קומט אָן פון דער יאַגד דער לאַנדגראַוו הערמאַן מיט זיין סוויטע, בעשטעהענד אויס

וואלפראם פאן עשענבאך, וואלטער, ביטער אלף, היינריך, רייגמאר און אנדערע. טאנהייזער ווערט דערקענט פון וואלפראם אלס א געוועזענער קאלעגע און אלע שטעהען צו איהם צו אז ער זאל זיך אומקעהרען אין שלאס און ווערען צוריק איינער פון דעם לאנדגראוו׳ס סוויטע.

טאנהייזער וויל ניט. ער בעט זיך מען זאל איהם לאזען געהן זיין וועג. אבער איינער פון זיינע פריהעריגע חברים, וואלפראם פאן עשענבאך, דערמאהנט איהם אז עליזאבעט — דיא שעהנע פלימע־ניצע פון דעם לאנדגראוו ווארט אויף איהם מיט א צובראכענער הארץ און בייגקט נאך איהם זעהר שטארק. טאנהייזער גיט זיך אונטער און געהט אוועק מיט דיא אנדערע ריטערס.

צווייטער אקט.

עס זעהט זיך יעצט א פרעכטיגער זאאל אין שלאס פון לאנדגראוו. דיא שעהנע, אונשולדיגע עליזאבעט קומט אריין פיעל לוסטיגער וויא מען האט איהר ווען געזעהן זייט טאנהייזער איז פערשוואונדען געווארען. יעצט פרעהט זיא זיך מיט זיין צוריק־קומען. דער לעבען האט פאר איהר א נייעם ווערטה בעקראגען. זיא איז אפילו פערגעטערט פון וואלפראם פאן עשענבאך, אבער ער זאגט איהר גארניט פון דעם. ער שטיקט דיא ליעבע אין זיך. נאך מעהר! ער אליין העלפט עליזאבעט׳ן דערוויטערען זיך פון איהם דערמיט וואס ער ברייגגט צוריק אין שלאס טאנהייזער׳ן. אונגליקליכער וואלפראם! זיין עדעלע נשמה ליידעט אזוי שטיל אבער אזוי שטארק!

דער לאנדגראוו פון טהורינגען האט גאר ניט געגען דער ליעבע צווישען זיין פלימעניצע און טאנהייזער; און וויסענדיג דאס טאנהייזער איז דער בעסטער צווישען זיינע ריטער און טרובאדורען ארראנזשירט ער ביי זיך א גרויסען זינגער פעסט און לאזט וויסען דאס דער יעניגער וואס וועט אם בעסטען זינגען וועט קריגען עליזאבעט פאר א ווייב.

צום זינגער פעסט פערזאמלען זיך דיא גרעסטע אדעל־לייטע פון טהורינגען. דער לאנדגראוו מיט זיין פלימעניצע ביי זיין זייט

נעהמט אויף אַלע געסט, וועלכע זעצען זיך אוים אויף בײנק וויא אין א טהעאטער, און אַלע וואָס האַרפּען זיך בעטהייליגען אין דעם זינגען קומען אריין מיט האַרפען אין זייערע הענד. פאַר זיי ווערען ספּעציעלע בײנק אויסגעשטעלט נאָהענט צום טהראָן פון לאַנדגראַוו און מיט׳ן געזיכט צו דיא געסט.

דיא טהעמאַ פון דיא זינגער ביים פעסט איז: ל י ע ב ע. עס פאַלט אוים דער גורל אויף וואָלפראַם פאָן עשענבאַך צו זיין דער ערשטער צו זינגען, און ער זינגט פון אידעאַלע ליעבע — ליעבע וועלכע ווייס נור פון אָפּפער און פון ליידען — ליעבע וועלכע מאַכט דיא מענשליכע הארץ גוט און צערטליך — ליעבע וועלכע מאַכט דעם עהרליכען מענש פאַר א הימלישען ענגעל. נאָך איהם זינגט טאַנהייזער אויך פון ליעבע, אָבער ליעבע וועלכע ווייס נור פון גענוס און העכסטען פערגעניגען — ליעבע וועלכע מאַכט דיא מענש־ליכע הארץ קלאַפּען שטאַרקער און מיט א גרעסערען לוסט צו לעבען — ליעבע וועלכע מאַכט דעם ערדליכען מענש פאַר א מוטהי־גערען און גליקליכערען מענש.

צווישען דיזע צוויי טרובאַדורען ענטוויקעלט זיך א סכסוך וועגען ליעבע. דיא איבעריגע טרובאַדורען בעטהייליגען זיך אין דעם און האַלטען מ י ט וואָלפראַם פאָן עשענבאַך און ג ע ג ע ן טאַנהייזער. דער שטרייט ווערט אזוי ביטער ביז טאַנהייזער פער־געסט זיך אין גאַנצען וואו ער איז, און ער זינגט פון ליעבע וויא ער האָט עס געלערנט ביי ווענוס, דיא געטין פון שעהנהייט און גענוס. אַלע אנוועזענדע פיהלען זיך בעליידיגט פון זיין וואול־טאַרנעם בעגריף פון ליעבע און פון זיין דערמאָהנען דעם נאָמען פון ווענוס; דיא אנדערע טרובאַדורען ציהען ארוים זייערע שווער־דען, דיא פרויען לויפען ארוים פון פאַלאַץ, דער לאַנדגראַוו שפּרינגט אויף פון זיין טהראָן, עס ווערט א גרויסע מהומה, און טאַנהייזער וואָלט געפאַלען דורכגעלעכערט פון עטליכע דוצענד שווערדען ווען ניט עליזאַבעט. זיא מישט זיך אריין און רעטעט זיין לעבען; און דער רעזולטאַט איז אז טאַנהייזער ווערט אָפּגעשיקט מיט א מאַסע פּילגרימס נאָך רוים צו בעטען דעם פּאַפּסט אז ער זאָל פון דעם

פערזינדיגטען טרובאדור ארונטער נעהמען דעם כשוף וואָס די צולאָזענע ווענוס האָט אויף איהם ארויפגעוואָרפען.

דריטער אַקט

א גאַנץ אַנדער עליזאַבעט זעהען מיר שוין אין דריטען אַקט. די זעלבע סצענע וואָס אין דער צווייטער העלפט פון ערשטען אַקט — דער זעלבער טהאָל צווישען די הערזעל־בערג און וואַרט־בורג, אָבער יעצט איז הערבסט. די בלעטער פון די בוימער באַדעקען די ערד, און ווי א שאָטען געהט ארום עליזאַבעט — בלייך, טרויעריג, מיט רויטע אויגען געשוואָלען פון וויינען. אין דיזען טהאָל וואַרט זי אויף איהר טאַנהייזער. דאָ האַרף ער פערבייגעהן. יעדען מאָל ווען עס קומען אָן פּילגרימס פון רוים, אויף זייער רייזע אַהיים, שטעהט זי ביים גרויסען צלם אין דעם טהאָל צווישען די הערזעל־בערג און וואַרטבורג, און זוכט איהר טאַנהייזער. אַזוי פּלאָגט זי זיך אָפּ א לאַנגע צייט ביז זי האָט מעהר קיין כח ניט און געהט אָפּ א היים צו — שטאַרבען

איהר איינציגער בעגלייטער און בעשיצער אין דיזע טעג פון קומער איז קיין אַנדערער ווי וואָלפראַם פאָן עשענבאַך, וועמעס ברייטע און טיפע נשמה ווערט אַלץ מעהר און מעהר פערוואונדעט פון זיין שטילער ליעבע. ער היט עליזאַבעט'ן ווי די אַפּעל פון זיין אויג. פון איהר גליק ווענען בעט ער גאָט אַז איהר וואונש זאָל וואָס גיכער ערפילט ווערען.

זיצענדיג איינמאָל אין דעם טהאָל צווישען די הערזעל־בערג און וואַרטבורג, אין א פינסטערער נאַכט, טיעף פערקוקט אויף א ליכטיגען שטערען, וועלכער האָט געפינקעלט אין פינסטערען הימעל, קומט אריין א פּילגרים אַזוי לאַנגזאַם ווי ער וואָלט קוים געקאָנט געהן. דאָס איז טאַנהייזער. ער קוקט יעצט אויס אַזוי געבראָכען פיזיש און גייסטיג, אַזוי פערענדערט דאָס וואָלפראַם דערקענט איהם ניט. אָבער טאַנהייזער דערקענט וואָלפראַם'ן און ער דער־צעהלט איהם מיט א ביטער הארץ ווי דער פּאַפּסט אין רוים האָט איהם געזאָגט אַז פאַר זיין נשמה איז שוין קיין רעטונג ניטאָ. „אזוי ווי פון דעם שטעקן ביי דיר אין

האנד קען שוין מעהר ניט ארויסשפראַ־צען קיינע גרינע בלעטער, אזוי קענסטו ניט געהאָלפען ווערען" — האָט איהם דער פאפסט ערקלעהרט; און ער וויל יעצט געהן צוריק צו זיין אַלטען לעבען, צוריק צו ווענוס'ן, דיא געטין פון שעהנהייט, ליעבע און גענוס. וואָלפראם האלט אין אָפּריידען איהם פון דעם, אָבער טאנהייזער זעהט ניט פאר זיין נשמה קיין שום ערלייזונג. ער ווערט זיך דארום אריינלאָזען אין תאוה'דיגע פערגעניגענס. ער דערזעהט שוין פון ווייטענס ווענוס'ן, וועלכע איז בערייט איהם צוריק צו נעהמען אין איהרע אָרעמס; אָבער עס געשעהט א נס. דער שטעקען וועלכען טאנהייזער האָט איבערגעלאָזען ביים פאפסט האָט אָנגעהויבען באדעקט ווערען מיט גרינע בלעטער. דיא אויפאָפּפערונג פון עליזא־בעט האָט דאָס אויפגעטהאָן; און פון דעם פאפסט קומען אָן קוריערען אָנזאָגען אז טאנהייזער איז גערעטעט, אז זיין נשמה איז אויסגערייניגט געוואָרען פון אַלע זינד; און גראדע ווען דיא קוריערען דערגרייכען טאנהייזער דערזעהט ער וויא מען פיהרט עליזאבעט צו איהר עוויגער רוה. ער פאלט אויף איהר אָרון מיט דעם אויסגעשריי „הייליגע עליזאבעט, בעט גאָט פאר מיר" און שטארבט מיט זיינע זינד פערגעבען פון דעם אויבערשטען.

דאָס איז דער סוזשעט. אין גרונד גענומען האָט דאָ וואגנער אויסגעדריקט א זעהר קלאָהרע אידעע — דעם קאמפף צווישען קערפּער און גייסט, צווישען חיה און מענש. ער ווייזט אָן אויף דעם שטענדיגען קאמפף אין וועלכען יעדער איינער ווערט אריינ־געשלייידערט — יעדער איינער וואָס לעבט נור. צום סוף איז טאקע דער גייסט גובר דעם קערפּער, אָבער נאָכדעם וויא עס קאָסט אזוי פיעל אָפּפער....

אָן ערהאבענע אידעע! אָבער דיא וואונדערבארע שעהנהייט פון דעם סוזשעט זעהט מען ערשט אין דער אָפּערא, אין דער מוזיק, וועלכע דריקט אויס דיזען קאמפף צווישען גוטעס און שלעכטעס מיט אזא צויבערהאפטע קלאָהרהייט, מיט אזא מוזיקאַליש־פּאָעטישע

קראַפט, דאַס דיא צוהערער ווערען וויא מאַגנעטיזירט פון דעם וואָס עס קומט פאָר אויף דער ביהנע.

איינע פון די מערקווירדיגסטע זאַכען אין דיעזער אָפּעראַ איז דיא אָווערטיורע, וועלכע ווערט געשפּיעלט פון דעם אָרקעסטער איידער דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף פאַר דעם ערשטען אַקט. אין דיזער אָווערטיורע האָט וואַגנער צוזאַמענגעבונדען דיא מאָטיפען פון דער אָפּעראַ. דער אויסגעלאַסענער לעבען וואָס ווערט געפיהרט ביי ווענוס'ן אין הייל שפּיעגעלט זיך אָפּ אין דער מוזיק ניט ווייניגער קלאָר וויא דער ריינער זינדלאָזער לעבען פון דיא פּילגרימס וועלכע זיינען איבערגעגעבען צו גאָט מיט דער גאַנצער זעעלע. דיעזע הויפּט־מאָטיפען — דיעזער קאָנטראַסט צווישען גוף און גייסט, צווישען חיה און מענש, צווישען גוטעס און שלעכטעס, צווישען הימעלשעס און אירדישעס — מיט וואָס פאַר א ברייט־קייט פון מוזיקאַלישען בעגריף, מיט וואָס פאַר א שטאַרקייט פון מוזיקאַלישען קאָליר דאָס ווערט געשילדערט! פון דעם ערשטען קלאַנג, ווען עס הערט זיך דער כאָר ליעד פון דיא פּילגרימס אויף דיא ווינד־אינסטרומענטען — וועלכע ליעד ווערט נאָכדעם בעפּוצט און געהיימניספאָל ענטוויקעלט פון דיא פידלען, ביז דיא ענדע, ווען דיא גייסטרייכע קאָמפּאָזיציאָן ענדיגט זיך מיט א בריליאַנ־טענעם שטריך פון דעם גאַנצען אָרקעסטער — וויא ענטציקט מען פיהלט דאַן, וויא בעגייסטערט, וויא דורכגעלייטערט אין גוף און נשמה! וויא ליכטיג עס שיינט דאַן דער פּאַטעטישער פּנים פון וואַגנער! הערענדיג דיא אָווערטיורע אליין בעגרייפט מען שוין דעם אינהאַלט פון דער גאַנצער אָפּעראַ.

פיעלע מענשען וואָס האָבען זיך ניט גענומען דיא מיהע וואַגנער'ס מוזיק צו שטודירען האָבען זיך און אנדערע איינגערעדט, דאָס וואַגנער'ס מוזיק איז א שווערע, טרוקענע, באָמבאַסטישע, אָהן האַרמאָניע און אָהן מעלאָדיע. וויא ווייט דאָס איז פון אמת! „טאַנהייזער" איז דער בעסטער ענטפער. אזא פליסענדע האַרמאָ־ניע וויא עס איז דאָ אין דעם מאָטיף פון דיא פּילגרימס, אזא רוישענדע מעלאָדיע וויא עס איז דאָ אין דעם ליעד אין וועלכער

טאנהייזער בעזינגט דיא מעלות פון ווענוס, איז שווער צו געפינען אין דיא גרעסטע לירישע אפעראס פון דיא בעריהמטעסטע איטא־ליענישע קאמפאזיטארס. נו, און וואו נאך געפינט מען א מעהר בעגייסטערטען, מעהר לעבעדיגען, מעהר מוזיקאלישען מארש וויא דער וועלכער ווערט געשפיעלט ביים אויפנאהמע פון דיא געסט צום זינגער פעסט אין צווייטען אקט ? דיזע סצענע איז גראנדיאז אין העכסטען זינן דאס ווארט. און דיא „אבענד שטערן" ליעד אין דריטען אקט איז דיא זיסעסטע זאך וואס מען קען געפינען אין דער גאנצער מוזיקאלישער ליטעראטור. דיעזע ליעד ווערט געזונגען פון וואלפראם פאן עשענבאך, ווען ער בעגרייפט דאס זיין ליעבע פאר עליזאבעט איז האפנונגסלאז. אין דיעזען ליעד גיסט זיך אויס זיין נאבעלע, ליידענדע נשמה אזוי שטיל, אזוי שמערצפאל, אזוי צערטליך, אזוי גראציעז, דאס ער קריעגט דיא טיעפסטע סימפאטהיע פון דיא צוהערערס.

אין אלגעמיין איז „טאנהייזער" אן אפערא פון גרויס ארטיס־טישען ווערטה און פול מיט דיא בעסטע ביישפיעלע פון וואגנער'ס זשעניע אלס פאעט און מוזיקער.

LOHENGRIN — Wagner

לאהענגרין

פון ריכאַרד וואַגנער

פּערזאָנען:

לאָהענגרין — טענאָר; פריעדריך — באַריטאָן; קעניג היינריך — באַס; שליח — באַס; עלזאַ — סאָפּראַנאָ; אָרטרוד — קאָנטראַלטאָ.

אין „לאָהענגרין" האָבען מיר דיא ערשטע אָפּערא אין וועלכע דער אונשטערבליכער ריכאַרד וואַגנער האָט כמעט פאָלשטענדיג אויסגעדריקט זיין מוזיקאַלישע פילאָזאָפיע.

זאָל אָבער קיינער זיך ניט שרעקען פאַר'ן וואָרט „פילאָזאָפיע". דער וואָרט איז ניט אזא שרעקליכער וויא פיעלע דענקען. מיר מיינען מיט דיזען וואָרט דיא בעזאָנדערע אידעע וואָס וואַגנער האָט ביי זיך אין מוח אויסגעאַרבייט וועגען דעם וואָס אָפּערא דאַרף זיין אין דער ווירקליכקייט.

און „לאָהענגרין", טראָטץ דעם וואָס זיא איז פערפאַסט געוואָרען מיט דעם צוועק צו בעווייזען, צו אילוסטרירען, א נייע אידעע אין מוזיק — טראָטץ דעם, איז „לאָהענגרין" ניט נור א מייסטערווערק ערשטער ראַנגע זאָנדערן אויך איינע פון דיא פּאָפּולערסטע אָפּעראַס אויף דער ביהנע פון דער גאַנצער וועלט. אין דיזער אָפּערא האָט וואַגנער בעוויזען פיעל שטאַרקער וויא אין דער אָפּערא „טאַנהייזער" צוויי זאַכען: ערשטענס, אז דיא קונסט פון מוזיק קען ערפאָלגרייך פעראייניגט ווערען מיט דיא אַנדערע קינסטען — פון מאַהלעריי, סקולפּטוריי, פּאָעזיע און

דראמא; און, צווייטענס, אז דיא גאנצע דראמאטישע האנדלונג קען מוזיקאַליש אויסגעדריקט און אויסגעטייטשט ווערען פון דעם אָרקעסטער, מיט דער הילפע פון דיא זינגער, אָהן מעלאָדישע ליעדלעך, אָהן דיא געוועהנליכע טאָן־טרעלען, אָהן געקינצעלטע און געצוואונגענע געזאנג עפעקטען און אָהן מעלאָדראמאטישען קאָליר.

וואגנער האט זיינע אָפּעראס גערופען „מוזיק־דראמאס“, ווייל לויט זיין פילאָזאָפיע דארף אָפּערא זיין ניט מעהר וויא א דראמא אין וועלכע מוזיק איז נור דער הויפּט אויסדרוקס־מיטעל; און אין „לאָהענגרין“ זיינען דיא מוזיק און ווערטער אזוי ענג צוזאמענגעקניפּט, אזוי שטארק פעראייניגט, אזוי אָרגאַניש איינס, דאס אום צו פערשטעהן דיא מוזיק מוז מען זיין בעקאנט מיט דיא ווערטער, און ארויסצוקריגען דעם העכסטען פּאָעטישען פערגניגען פון דיא ווערטער קען מען נור דאן ווען מען הערט דיא מוזיק.

אין „לאָהענגרין“ האט וואגנער פאר'ן ערשטען מאָל ענטוויקעלט צו דער העכסטער שטופע דיא „לייט־מאָטיפען“ וועלכע כאראקטעריזירען אלע זיינע גרעסטע מוזיק־דראמאס. דורך דיא „לייט־מאָטיפען“ איז איהם געלונגען אויסצופיהרען זיינע אידעען איבער אָפּערא פיעל בעסער, פיעל ערפאָלגרייכער, וויא ער וואָלט געקענט טהאָן אָהן זיי. דיא „לייט־מאָטיפען“ זיינען יענע מוזיקאַלישע טהיילען פון דער אָפּערא וועלכע כאראקטעריזירען דיא וויכטיגסטע שטריכען און דיא ליידענשאפטליכע מאָמענטען פון דער דראמאטישער האנדלונג — יענע טהיילען וועלכע ווערען ווידערהאָלט אזוי אָפט וויא עס איז נויטיג צו שילדערען אָדער דערמאָהנען אויף דאס ניי דיא זעלבע שטריכען, אידעען אָדער ליידענשאפטליכע מאָמענטען— ווידערהאָלט אין פערשידענע פאָרמען, וויא עס פאסט, יעצט פון אָרקעסטער, שפּעטער פון דיא איינצעלנע זינגערס און אן אנדער'ש מאָל פון כאָר, אין אזוי ווייטער. דאס גיט צו געוואלדיג שטארקע הארמאָניע צווישען דיא ווערטער און דיא מוזיק, דאס פעראייניגט

ויא הארץ מיט'ן קאָפּ,דיא געפיהלען מיט דיא אידעען, און מאכט דיא מוזיק־דראמא פאר אן אָרגאַניש גאַנצע, פאר אַ פאָלשטענדיג בעארבייטע קונסטווערק.

אין „לאָהענגרין“, ניט ווייניגער וויא אין דיא מייסטע אנדערע פון זיינע מוזיקאַלישע דראַמאַס, האָט וואַגנער אויסגעארבייט אַ העכסט פּאָעטישען סוזשעט. ער אליין האָט פערפאַסט דיא ווערטער. ער האָט צוזאַמענגעבונדען עטליכע אַלטע דייטשע לעגענדעס אין איינס און האָט זיך אין דיזער ליטעראַרישער ארבייט ארויסגע־ציינט פאר אן אונגעוועהנליכען זשעני. דער אויסגעאַרבייטער סוזשעט פון דיא לאָהענגרין לעגענדעס, וויא וואַגנער האָט עס ענדליך בענוצט פאר זיין מוזיקאַלישען צוועק, איז וויא פאָלגט:

ערשטער אקט

אין אַנטווערפּען, ביים ברעג פון טייך שעלדט, קומט אַן היינריך דער 1טער, קעניג פון דייטשלאַנד אין ערשטען העלפט פון 10טען יאָהרהונדערט. זיין צוועק פון קומען אין דער פּראָווינץ פון ב ר א ב א נ ט איז צו זאַמלען חיל געגען דיא אונגאַרען, וועלכע האָבען גענומען סטראַשען מיט אַן איבערפאַל אויף דייטש־לאַנד. אָבער צו זיין גרויס בעדויערען געפינט ער דעם פּראָווינץ אין אַ צושטאַנד פון אונאָרדנונג. ג אָ ד פ ר י, דער יונגער זוהן פון דעם פערשטאָרבענעם פירסט, איז אויף אַ געהיימניספאָלען אופן פערשוואונדען געוואָרען, און זיין שוועסטער, ע ל ז א, דיא יונגע פירסטין, איז אונטער אַ חשד דאַס זיא האָט איהר ברודער ערמאָר־דעט אום צו קענען הערשען איבער דער פּראָווינץ. דער קעניג פּאָדערט דאַרום אויף דעם אַפּטרופּוס פון דיא צוויי קינדער פון דעם פערשטאָרבענעם פירסט, פ ר י ע ד ר י ך פ אָ ן ט ע ל א ר־מ ו ד, צו דערצעהלען וואָס אין דער פּראָווינץ טהוט זיך אָפּ.

פריעדריך פאָן טעלאַרמוד דערצעהלט דאַן דאַס איין מאָל איז עלזא ארויס שפּאַצירען מיט איהר ברודער גאָדפרי און האָט זיך צוריקגעקעהרט אָהן איהם. ווען ער האָט איהר געפרעגט וואו איז איהר ברודער האָט זיא קיין ריכטיגען ענטפער ניט געקענט געבען. זיא האָט דערצעהלט דאַס אויף'ן וועג איז ער פערשוואונדען

געוואָרען; זיא האָט איהם געזוכט און ניט מעהר געקענט געפינען. ער, פריעדריך, האָט זיך דאַן ענטזאָגט פון איהר האנד, וועלכע איז איהם צוגעזאָגט געוואָרען פון איהר פערשטאָרבענעם פאָטער, און האָט זיך אויסגעזוכט פאַר אַ ווייב אָ ר ט ר ו ד, דיא טאָכטער פין ר א ט ב אָ ס, אין וועמעס אָדערען עס פליעסט פירסטליכע בלוט און וועלכע איז נעכסט צו עלזאַ'ן בערעכטיגט צו ירש'ענען דעם טהראָן; און אַזוי וויא עלזאַ איז אַ מערדערין פאָדערט ער דארום דעם טהראָן פון בראַבאַנט פאַר זיך און זיין ווייב.

דער קעניג איז אָבער ניט אין גאַנצען איבערצייגט פון פריעד־ריך'ס טענות. דיא קלאַגע איז אַ צו ערנסטע און גאָר אונגלויבליכע, אין ער זאָגט דאָס ער וועט ניט רוהען ביז דיא וואהרהייט וועט אין גאַנצען אויפגעדעקט ווערען.

עס קומט דאַן אָן עלזאַ אין דער בעגלייטונג פון איהר סוויטע. דער קעניג פרעגט איהר אויב זיא איז זיך מודה אין דעם פער־ברעכען. אָבער אַנשטאַט צו ענטפערען אָדער פערטהיידיגען זיך רעדט זיא פון איהר טהייערען ברודער און דערצעהלט פון אַ טרוים וואָס זיא האָט איין מאָל געהאַט נאָכדעם וויא זיא האָט מיט איהר פולען הארצען מתפלל געווען צו גאָט. אין דיזען טרוים האָט זיך פאַר איהר בעוויזען אַ ריטער, וועלכער איז געשיקט געוואָרען פון הימעל איהר צו בעשיצען צו יעדער צייט ווען זיא וועט זיך נויטיגען אין הילפע. און אַז דיזער בעשיצער וועט יעצט קומען איהר ארויס־העלפען אין איהר טרויערינער לאַגע — אין דעם צווייפעלט זיא ניט.

קעניג היינריך קען ניט גלויבען דאָס זיא איז אַ מערדערין. איהרע אונשולדיגע רייד, איהר אונשולדיגער אויסזעהן, איהר אונ־שולדיגע האלטונג מאַכען אויף איהם אַ גוטען איינדרוק. ער אַפעלירט צו גאָט פאַר אַ ריכטיגען אורטהייל. ער שלאָגט פאָר אַז איהר שולדיגקייט אָדער אונשולדיגקייט זאָל ענטשיעדען ווערען מיט אַ דועל צווישען איהר אָנקלעגער און דעם וואָס איז צופריעדען אָנצו־נעהמען זיך פאַר איהר. פריעדריך פון טעלאַרמוד איז צופריעדען; ער פערלאָזט זיך אויף דעם וואָס ער איז אַ גרויסער בריה מיט'ן

שווערד; און דער קעניג פאדערט אויף עלזא׳ן אויסצוקלייבען פאר זיך יעמאנדען וואס זאל איהר פערטהיידיגען. ערשט יעצט זאגט עלזא דאס זיא האפט אז איהר ריטער וועלכען זיא האט געזעהן אין טרוים וועט צו איהר קומען. זיא באט אן דיא קרוין דעם יעניגען וואס וועט איהר בעשיצען. דיא טרומפייטערס לאזען וויסען אז דער וואס וויל קומען פערטהיידיגען עלזא׳ן זאל זיך אפרופען. אבער אזוי וויא קייגער רופט זיך ניט אפ טייטשט דאס דער שלויער פריעדריך אויס פאר א סימן דאס ער איז גערעכט אין זיין אנקלאגע. דאן ווענדעט זיך עלזא צום קעניג אז ער זאל איהר געבען נאך איין געלעגענהייט. דער קעניג גיט נאך. דיא טרומפייטערס רופען אויס נאך א מאל, און צו אלעמענס איבערראשונג דערזעהט זיך א וואונדער. אויף׳ן טייך, צום ברעג צו, פאהרט א שיפעל געשלעפט פון א שוואן. אין דעם שיפעל שטעהט א שעהנער ריטער אין בליש־טשענדע פאנציער־קליידער.

פריעדריך און זיין ווייב ארטרוד ווערען וויא פערשטיינערט פון דעם וואס זייערע אויגען זעהען. עלזא איז וויא בעצויבערט. דער קעניג בעאבאכטעט אלעס. דער גאנצער עולם איז ערשטוינט, געוואלדיג איבערראשט.

דיא שיפעל קומט צום ברעג. דער ריטער טרעט ארויס, שיידעט זיך מיט׳ן שוואן, וועלכער קעהרט אום דיא שיפעל און פאהרט אפ. דער ריטער בעגריסט דעם קעניג און לאזט וויסען דאס ער איז געקומען בעשיצען דער יונגער פירסטין. ער קעהרט זיך דאן אום צו עלזא׳ן און פרעגט איהר אויב זיא פערטרויט איהם מיט דער גרויסער אויפגאבע. עלזא, אויפכאפענדיג זיך וויא פון א שלאף, פאלט דאן צו זיינע פיס און לאזט איהם וויסען דאס זיא האט איהם אויסגעקליבען פאר איהר בעשיצער נאך איידער ער איז געקומען. דאן פרעגט ער איהר אויב זיא וועט מיט איהם הייראטהען ווען איהם וועט געלינגען צו בעווייזען איהר אונשולד. ער שטעלט נור איין בעדינגונג: זיא טאר ניט וויסען זיין נאמען און טאר ניט זוכען אויסצוגעפינען פון וואנען ער קומט. זיא איז צופריעדען; „יע,

הערר, זאָל מיר דיא פרעגע קומען", זאָגט זיא; און דער דועל מיט פריעדריך'ן פאַנגט אָן.

פריעדריך פאָן טעלאַרמוד איז אויפגערעגט, דערשראָקען. זיינע פריינד פאָדערען איהם אויף צוריק צו ציהען זיך פון דעם קאַמפף. אָבער קיין טרוס איז ער ניט. ער פאַלט ביי זיך ניט אראָפּ און געהט דועלירען מיט'ן פרעמדען. דער רעזולטאַט איז דאָס דער פרעמדער ריטער געווינט, נור ער שיינקט פריעדריך'ן דעם לעבען. אַלע בעגריסען ענטהוזיאַסטיש דעם זיעגער און אנערקענען איהם אַלס עלזאַ'ס מאַן און אַלס בעשיצער פון דער פראָווינץ בראַבאַנט. וועהרענד דער בעזיעגטער פריעדריך מיט זיין ווייב אָרטרוד ווערט פערטריבען און פעראַכטעט פון אַלעמען, ווערט דער זיעגער אוועקגעטראָגען אויף זיין אייגענעם שילד אין פאַלאַץ.

צווייטער אַקט

אין דעם צווייטען אַקט זעהען מיר שוין דעם אינערליכען הויף פון דעם שלאָס אין אנטווערפּען — א בעזונדער קווארטיער פאר דיא ריטערס און א בעזונדער קווארטיער פאר דיא האָף־דאַמען. אָן א זייט געפינט זיך א קירכע. אין הינטערגרונד איז דער שטאָדט־טהויער.

עס איז נאַכט. אין דעם פּלאַץ ווערען געמאַכט פאָרבעריייטונגען פאר דער האָכצייט צווישען עלזאַ און איהר אונבעקאַנטען בעשיצער. אויף דיא טרעפּ פון דער קירכע זיצען אין גרויס טרויער און אין נאָך גרעסערע ערניעדריגונג פריעדריך פאָן טעלאַרמוד און זיין ווייב אָרטרוד. ער בעקלאָגט זיך אויף איהר וואָס זיא האָט איהם איינגערעדט צו מאַכען א קלאַגע געגען עלזאַ'ן און האָט איהם דאַמיט אריינגעשלעפּט אין א צרה. אָבער זיא פערזיכערט איהם אַז אַלעס איז נאָך ניט פארפאַלען. עס איז נאָך דאָ א האָפנונג. וואָס זי דאַרף נור איז צו מאַכען געברויך פון איהר כשוף'דיגע קראַפט. זיא וועט ערוועקען אין עלזאַ'ן א נייגעריגקייט נאָכצופרעגען ביי איהר מאַן זיין נאָמען און אָבשטאַמונג. דאַן זאָל ער, פריעדריך, אָנקלאָגען עלזאַ'ס מאַן פאַר'ן קעניג אין כשוף'מאַכעריי, איינער וואָס האָט דורך צויבער פערבלענדעט דיא אויגען פון אַלעמען, און האָט זיך

אויף דעם אופן אריינגעכאפט אין מאכט; און צו לעצט פערזיכערט זיא דאס ווען איהם (פריעדריך'ן) זאל געלינגען צו פערגיסען נור איין טראפען בלוט פון עלזא'ס מאן, דאן וועט דער אונבעקאנטער ריטער פערלירען זיין אונגעוועהנליכען צויבער און קראפט. פריעדריך, וויא א טרינקענדער וועלכער איז פערטיג זיך אן א שטרוי אויף אנצוכאפען, הערט זיך איין צו דעם וואס זיין אינטריגירענדע ווייב זאגט איהם און שטימט ענדליך איין אויף דעם פלאן. ער וועט מאכען א פערזוך צוריק צו געווינען דאס וואס ער האט פערלארען.

אונטערדעסען קומט ארויס אויף'ן באלקאן עלזא. זיא איז פרעהליך, איבערגליקליך. אין דער פינסטער זעהט זיא ניט ווער עס געפינט זיך אין הויף. זיא הערט נור און דערקענט דיא שטימע פון ארטרוד, וועלכע בעט זיך ביי איהר אז זיא זאל איהר פערצייהען און זאל איהר ניט פערפאלגען. עלזא געהט דאן ארונטער פון באלקאן און פערצייהט איהר. זיא וועט צו איהר חתן ריידען וועגען איהר, זאגט עלזא צו דער אינטריגאנטין, און ער וועט איהר אויך גאנץ געווים פערצייהען. דערוויילע הייסט זיא איהר זיך אויספוצען אין דער פריה און זיין איינע פון דיא עהרען־דאמען אויף דער האכצייט.

ארטרוד איז נאטירליך ערפרעהט איבער איהר ערפאלג, און טאקע גלייך, אלס עלזא'ס פריינדין, ווארענט זיא איהר געגען איהר קומענדען מאן. „מיט וואס ביזטו עס זיכער אז ער וועט דיר ניט פערלאזען אזוי געהיימניספאל וויא ער איז געקומען", זאגט ארטרוד צו עלזא'ן; „דוא ווייסט דאך אפילו ניט זיין נאמען. זיי דארום ניט בלינד און פערטרוי איהם ניט צו פיעל."

עלזא ענטפערט אז זיא ליעבט צו שטארק ניט צו פערטרויען דעם מאן וועלכער האט איהר גענומען אונטער זיין שוץ, אבער ארטרוד'ס ווערטער גנב'ענען זיך אריין אין איהר הארצען און גראבען דארט אזוי טיעף אז עלזא'ס נייגיעריגקייט ווערט ערוועגט און מיט דער צייט פיהרט עס צו איהר אונגליק.

עס ווערט לאנגזאם טאג. וועכטער בלאזען אויף זייערע טרומ־

פייטען. אין אַ קורצע צייט ווערט לעבעדיג אין הויף. עס קומען אריין אדעל-לייטע. פריעדריך בעהאַלט זיך אין אַ ווינקעלע אז מען זאָל איהם ניט זעהן. עס קומט אָן דער הויפּט טרומפּייטער און רופט אויס ראָס פריעדריך פאָן טעלאַרמוד איז אויסגעוויעזען געוואָרען פון בראַבאַנט און קיינער זאָל איהם קיין שוץ ניט געבען. דאַן זאָגט אָן דער טרומפּייטער דאָס דיא האַכצייט פון עלזאַ וועט גלייך געפייערט ווערען.

עס עפענט זיך דיא טהיר פון דעם פרויען-פליגעל פון פּאַלאַץ און עלזאַ, בעגלייט פון א סוויטע, געהט אין קירכע. אָבער דאָ שפּרינגט אַרויס פון צווישען דיא האָף-דאַמען אָרטרוד און מאַכט אַ גאַנצען סקאַנדאַל. איהר מאַן פריעדריך איז געלייגט געוואָרען אין חרם — איבער וועמען? איבער אַן אונבעקאַנטען. ניין! זיא, אָרטרוד, וויל זיך ניט אונטערוואַרפען צו אַזאַ שיקזאַל. זיא וועט ניט זיין קיין שקלאַפין. זיא איז בערעכטיגט צו געהן אין דער ערשטער רייהע. אין איהרע אָדערען פליסט פרינצעסישע בלוט, טענה'ט זיא. עס ווערט אַ גערודער. עס קומט אָן דער חתן, בעגלייטעט פון קעניג היינריך און דיא גרעסטע אַדעל-לייטע, און דאָ שפּרינגט פריעדריך אַרויס אויף מיט אַ טענה. ווער איז דיזער ריטער וואָס ווערט אַזוי געעהרט? פון וואַנען קומט ער? וואָס איז זיין נאָמען?

אַלע אויגען זיינען יעצט געווענדעט אויף'ן ריטער, אויף'ן חתן. ער זאָגט עס איז נאָר דאָ איין פּערזאָן צו וועמען ער קען אַן ענטפער געבען אויף דיא פראַגען — און דיזער פּערזאָן איז עלזאַ. אויב זיא וועט פרעגען וועט ער ענטפערען. צווייפעלט זיא אין איהם? וויל זיא איהם דיא פראַגע שטעלען? ניין, ענטפערט זיא. וויא קען זיא צווייפלען אין איהר רעטער, אין איהר ערלייזער! שטאַרקער וויא אַלע צווייפעלס איז איהר ליעבע צו איהם, צו איהר ערלייזער.

אָבער פריעדריך בעמערקט וויא אין דער ווירקליכקייט איז עלזאַ'ס האַרץ פערגיפטעט געוואָרען פון זיינע ווערטער. ער וואַגט צונעהן צו איהר און אריין רוימען איהר אין אויער צו פּאַסען מוטה;

ביי נאכט וועט ער זיך געפינען ניט ווייט פון איהר צימער. אלעס וואס זיא וועט דארפען איז נור איהם צו רופען און ער וועט איהר קומען צו הילפע.

אלע אנוועזענדע קוקען אבער אויף עלזא׳ס מאן וויא אויף א היילינען. „ער איז פון גאט געשיקט“, זאגען זיי; און דיא האכצייט ווערט פארטגעזעצט מיט גרויס יובעל, ווען דער פארהאנג לאזט זיך ארונטער.

דריטער אקט

ווען דער פארהאנג הויבט זיך אויף פאר׳ן דריטען אקט זעהט זיך דער שלאף־צימער פון דאס יונגע פאאר פאלק — עלזא און איהר מאן. עס הערט זיך געזאנג, וועלכע דערנעהנטערט זיך אלץ מעהר. עס עפענען זיך דיא טהירען און עס קומען אריין חתן־כלה, בעגלייטעט פון אלע געסט. נאך קורצע בעגריסונגען און גליק־ווינשונגען ווערט דאס פאארל איבערגעלאזען אליין.

און ערשט יעצט איז דער העלדישער ריטער פאר דעם ערשטען מאל אונטער פיער אויגען מיט זיין געליעבטער עלזא׳ן. מיט פייער נעהמט ער איהר ארום, באדעקט איהר מיט קושען און אין גרויס בעגייסטערונג וויעדערהאלט ער עטליכע מאל איהר נאמען, אזוי וויא עס וואלט געקלונגען זיס אין זיינע אויערען. דא אבער קומט זיא אין א פערלעגענהייט. זיא וויל איהם ענטפערען מיט זיין נאמען, אבער זיא ווייס ניט וויא צו רופען איהם, זיא ווייס ניט וויא ער הייסט; און דערצו נאך איהר נייגיעריגקייט! אה! זיא וואגט — זיא זאגט איהם וואס איהר איז אויף׳ן הארצען. זיא וויל זיין נאמען וויסען. קיינער וועט דערפון ניט האבען קיין שום אהנונג; זאל ער איהר פרובירען, זאל ער זיך איבערציינגען וויא זיא קען א סוד האלטען.

ער פערזיכערט איהר אז ער קומט פון א זעהר הויכען פלאטץ, אז זיא דארף זיך מיט איהם ניט שעהמען און האט זיך ניט וואס צו בעאונרוהיגען. אבער דאס מאכט איהר מעהר נייגיעריג. זיא האט מורא אז ער זאל איהר ניט פערלאזען, אז דער שוואן זאל צו איהם ניט ברייגנען דיא שיפעל און אוועקנעהמען איהם אהין, אין יענעם

גלענצענדען פּלאַטץ פון וואַנען ער זאָגט ער קומט. „עלזא, וואָס ווילסטו וואַגען?“ טענה'ט ער מיט איהר; און פּלוצלונג קומט אריין אין צימער פריעדריך בעגלייטעט פון פיער בעוואפּענטע חברים. עלזא'ס מאַן כאַפּט דעם שווערד און מיט איין קלאַפּ ווארפט ער פריעדריך'ן טוידט צו דער ערד. דיא איבעריגע פיער, דערשרעקענדיג זיך פאַר דעם ריטער'ס גבורה, פאַלען אויף דיא קניע און ווארפען אוועק זייערע שווערדען. „וועה, יעצט איז אונזער גאַנצער גליק פערשוואונדען“, זיפצעט עלזא'ס מאַן; און אַ קעהר טהאָן'דיג זיך צו דיא חברים פון דעם דערשלאָגענעם פריעדריך פאָן טעלארמוד בעפעהלט ער: „טראָגט דעם ערשלאָגענעם פאַר'ן קעניג'ס געריכט און פיהרט מיין זיסע ווייב אין דער אנוועזענהייט פון זיין מאַיעסטעטישע האָהייט; דאָרט וועל איך איהר אויף איהר פראגע ענטפערען.“

(פערוואַנדלונג)

דיא סצענע פערוואַנדעלט זיך. עס זעהט זיך ווידער דער טייך שעלדט, וויא ביים ערשטען אקט. עס איז פריהמאָרגען. עס קומען אָן דיא אדעל־לייטע פון בראַבאַנט און צו לעצט דער קעניג. אַלע ווארטען אויף עלזא'ס מאַן, ער זאָל קומען געבען זיינע בעפעהלע אלס קאָמאַנדיר פון דיא חיל פון דער פּראָווינץ. אָבער וויא ערשטוינט זיינען אַלע ווען מען ברייננט דעם טוידטען קערפּער פון פריעדריך פאָן טעלארמוד. עלזא קומט אריין, טרויעריג, און נאָך איהר קומט איהר מאַן, ניט וויינינגער טרויעריג. דער קעניג בעגריסט איהם; אָבער עלזא'ס מאַן דערצעהלט אז איהם טהוט לייד וואָס ער קען ניט איבערנעהמען דיא קאָמאַנדא פון בראַבאַנט'ס חיל, ווייל ער מוז אוועק; זיין זיסע ווייב האָט איהר שבועה געבראָכען; ער וועט ערקלעהרען ווער ער איז, אָבער דערפאַר וועט ער דאָ ניט טאָרען פערבלייבען.

מיט דער העכסטער שפּאַנונג הערען זיך אַלע צו וואָס דער העלדישער ריטער דערצעהלט. ער קומט פון אַ וויטען לאַנד, זאָגט ער, דאָרט וואו עס געפינט זיך דער בארג מ אָ נ ס אַ ל וו אַ ט. אין מיטען פון יענעם בארג שטעהט אַ הייליגער טעמפּעל, אין

וועלכען עס געפינט זיך אַ בעכער פון אונשטערבליכקייט! דער וואָס זעהט דעם בעכער ווערט געריינינגט פון אַלע זינד. איינמאָל אַ יאָהר קומט אַרונטער פון הימעל אַ טויב וועלכע בענייעט דיא וואונדער־קראַפט פון דיזען בעכער, וועלכער הייסט דער ג ר אַ ל. אַלע וואָס בעוואַכען דעם טעמפּעל זיינען געריינינגט פון זינד, און ער איז פון דעם ג ר אַ ל געשיקט געוואָרען אין בראַבאַנט ריינצואוואַשען דער פירסטין'ס נאָמען. זיין פאָטער, פּ אַ ר ס י פ אַ ל, איז הערשער דאָרט, אין יענער געהיימניספאָלער געגענד, און ער אַליין איז זיין ריטער — זיין נאָמען איז ל אָ ה ע נ ג ר י ן.

לאָהענגרין נעהמט דאַן דיא אין אָהנמאַכט־פאַלענדע עלזאַ אין זיינע אָרעמס זיך צו זעגענען מיט איהר. אַלע בעטען זיך ביי איהם ער זאָל פערבלייבען. אָבער ער מוז זיך צוריקקעהרען, זאָגט לאָהענגרין. ער מאַכט אַ פּראָפעצייהונג: דייטשלאַנד וועט קיינמאָל ניט איינגענומען ווערען פון דיא „באַרבאַרען“.

דערווייל דערזעהט זיך אויף'ן טייך דער שוואַן שלעפּענדיג דיא שיפעל אויף וועלכער לאָהענגרין איז געקומען. לאָהענגרין גיט עלזאַ'ן אַ טרובע. זאָל זיא עס געבען צו איהר ברודער גאָדפרי, אין פאַל ער וועט זיך ווען צוריקקעהרען. דיזע טרובע וועט איהם בעשיצען פון יעדע געפאַהר. ער לאָזט אויך איבער אַ שווערד, מיט וועלכע גאָדפרי וועט אימער קענען זיעגען; און אַ רינג אלס אנדיינקען פון זיין שוועסטער'ס בעשיצער. לאָהענגרין קושט עלזאַ'ן און נעהט צום שיפעל. אָבער דאַן טרעט אַרויס אָרטרוד און בעריהמט זיך אַז דער שוואַן איז אין דער ווירקליכקייט גאָדפרי, עלזאַ'ס ברודער. זיא, אָרטרוד, האָט עס דורך איהר כשוף דעם יונגען פירסט פערוואַנדעלט אין אַ שוואַן. לאָהענגרין הערט דיזע בעריהמעריי. ער טרעט אַרויס פון שיפעל, פאַלט אויף דיא קניע און איז מתפלל אין דער שטיל. פלוצלונג פליהט אַרונטער דיא ווייסע טויב פון מאָנסאַלוואַט. לאָהענגרין דערזעהט עס, שפּרינגט אויף מיט פרייד, און בינדט אָפּ דיא קייט וואָס האָט געהאַלטען צוגעבונדען דעם שוואַן צום שיפעל. דער שוואַן זינקט אין וואַסער און אויף זיין פּלאַטץ

שלעפּט לאָהענגרין ארויס דעם יונגען גאָדפרי, מיט זילבער בעקליי־
דעט, און שטעלט איהם אוועק אויף דער יבשה.

„זעהט, דאָ איז דער הערצאָג פון בראַבאַנט!“ זאָגט
לאָהענגרין.

מיט א געשריי פאַלט אָרטרוד טוידט. לאָהענגרין שפּרינגט
אריין אין שיפעל, וועלכע ווערט יעצט אוועקגעשלעפּט פון דער
ווייסער טויב. עלזאַ בעטראַכט מיט פרייד איהר ברודער גאָדפרי,
אומאַרעמט איהם, אָבער בעגרייפט באַלד איהר גרויסען פערלוסט.
„מיין מאַן! מיין מאַן!“ שרייט זיא און פאַלט אין אָהנמאַכט.

דערמיט ענדיגט זיך דיא אונגעוועהנליכע דראַמאַטישע
האַנדלונג. יעדער איינער קען זעלבסט זעהן וויפיעל קונסט עס
שטעקט אין דיא בעאַרבייטונג פון אַזאַ סוזשעט. אַלעס קומט ארויס
גלאַט, פּאָעטיש, שכל'דיג און זאָגאַר לאָגיש. נור דיא בריה'שע
האַנד פון וואַגנער האָט געקענט דעם מאַטעריאַל פאַר דיזער
קונסטוועֶרק בעאַרבייטען אַזוי אויסגעצייכענט.

מוזיקאַליש איז „לאָהענגרין“ ניט וויינינער גוט בעאַרבייט,
אויב עס איז איבערהויפּט מעגליך פונאַנדערצוטהיילען דיא מוזיק
פון דיא ווערטער און אורטהיילען. אַנפאַנגענדיג מיט דעם פאָר־
שפּיעל צום ערשטען אַקט, אין וועלכען עס ווערט געגעבען א גייס־
טיגע בילד פון דעם בארג מאָנסאַלוואַט, אויף וועלכען דער היילינער
גראַל ווערט בעוואַכט פון זינדלאָזע ריטערס, ביז'ן שלום פון לעצטען
אַקט, ווען דער ריטער לאָהענגרין ווערט אָפּגעפיהרט אויף א שיפעל
וועלכע ווערט געשלעפּט פון א ווייסער טויב, איז יעדער טאָן וויכטיג
פאַר דיא מוזיקאַלישע ענטוויקלונג פון דער דראַמאַ. קיין אַריען אין
דעם זינן פון איטאַליענישע אָפּערא איז אין „לאָהענגרין“ ניטאָ.
אָבער וויא מוזיקאַליש עס זיינען דיא ווערטער וועלכע קומען ארויס
פון מויל, ספּעציעל ווען דער אונבעקאַנטער ריטער ביי זיין אָנקומען
„זינגט“ צו עלזאַ'ן „ניע זאָלסטו מיך פראַגען“, אָדער ווען ביי זיין
שיידען זיך „זינגט“ ער „אָ, עלזאַ, נור איין יאָהר ביי דיין זייט“!
וואָס פאַר מוזיקאַלישע דעקלאַמאַציאָן! וואָס פאַר קלאָהרהייט,

וואָס פאַר טיעפע זיסקייט, וואָס פאַר צויבער־שעהנע ווירקונג אויף דיא עסטהעטישע געפיהלען!

איינע פון דיא פּאָפּולערסטע זאכען אין דער מוזיק פון „לאָהענגרין“ איז דער „האָכצייטס־מאַרש“, וועלכער ווערט געשפּיעלט ביים אָנפאַנג פון דריטען אַקט. וויא שעהן עלזא מיט איהר חתן ווערט אריינגעפיהרט אין שלאָף־צימער! וויא זאנפט עס קלינגט אין דיא אויערען דער „טריילירד געפיהרט“ וואָס דער כאָר זינגט דאַן! און דיא פערשמעלצונג פון דיא אָרקעסטער־טענער מיט דיא טענער פון דיא מענשליכע שטימען — וויפיעל פּאָעטישע קראַפט וואַגנער האָט דאָ אריינגעלייגט! וואויל איז דיא יעניגע וואָס זייגען מוזיקאַלישׁ גענוג ענטוויקעלט דיא מוזיק פון דיזען גרויסען מייסטער צו געניסען.

וואַגנער איז פערטיג געוואָרען מיט „לאָהענגרין“ אין 1849, אָבער דיזע מוזיק־דראַמא וועלכע דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר פ ר א נ ץ ל י ס ט, וואַגנער׳ס שווער, האָט געוואַלדיג שטאַרק בעוואונדערט, איז ניט אויפגעפיהרט געוואָרען בעפאָר 1853, אין וויסבאַדען. וואַגנער איז שוין דאַן געווען נאָהענט פון זיינע 40ער יאָהרען, אָבער זיין פּאָפּולאַריטעט איז נאָך ניט געווען גרויס, אָבוואָהל זיין „ט א נ ה ײ ז ע ר“, „פ ל י ה ע נ ד ע ר ה א ל ע נ ־ ד ע ר“ און „ר י ע נ ז י“ זייגען שוין געווען אויפגעפיהרט מיט יאָהרען בעפאָר. ער האָט פון „לאָהענגרין“ קיין אוצר ניט געמאַכט, ווייל פאַר זיינע קאָמפּאָזיציאָנען איז דער מאַרק דאַן ניט געווען קיין גרויסער, און ער האָט זיך געמוזט בעגוגענען מיט וואָס ער האָט געקענט קריגען. דאָס האָט איהם אָבער זיין מוטה און אונטערנעהמונגס גייסט אויף א האָר ניט אָבגעשוואַכט. עס האָט איהם נור געמאַכט מעהר ביטער נעגען דיא וואָס האָבען איהם בעקעמפּפט אָדער וואָס האָבען אין זיין גרויסקייט געצווייפעלט.

TRISTAN UND ISOLDE — Wagner

טריסטאַן אונד איזאָלדע

פון ריכאַרד וואַגנער

פערזאָנען:

טריסטאַן — טענאָר; קורוועגאל — באַריטאָן; קעניג מאַרק — באַס;
מעלאָט — באַריטאָן; טענאָר — פאַסטוך; טענאָר — מאַטראָז;
איזאָלדע — סאָפּראַנאָ; בראַנגענע — מעצאָ־סאָפּראַנאָ.

אין „טריסטאַן אונד איזאָלדע" האָט ריכארד וואגנער דער וועלט געגעבען דיא גרעסטע לירישע אָפּערא. ליעבע אין איהר שטארקסטען אויסדרוק, ליעבע אין איהר פולסטע קראפט, ווערט אין דיזער מוזיק־דראמא געשילדערט אויף א מייסטערהאפטען אופן.

אין א געוויסען זינן איז עס נאאיוו צו געברויכען דעם וואָרט „מייסטערהאפט" אין פערבינדונג מיט דיא בעריהמטעסטע ווערקע פון וואַגנער. אַנדערש וויא מייסטערהאפט האָט גאָר וואַגנער ניט געקענט אַרויסצייגען זיך. זייענדיג א פּאָעט און קאָמפּאָזיטאָר פון אויסערגעוועהנליכען סאָרט און נאָך א פילאָזאָף ערשטער ראנגע דערצו אויך האָט ער מיט פיעלייכט זעהר ווייניג אויסנאהמען קיין געוועהנליכע זאכען ניט געקענט בעשאפען. יעדע ברעקעל מוזיק וואָס איז אַרויס פון זיין פּאָעטישער נשמה איז געווען אויסערגעוועהנליך, און אויב עס זיינען דאָ נאָך יעצט אזעלכע וואָס לייקענען וואַגנער׳ס גרויסקייט קען מען זיכער זיין אַז זיי ווייסען גאָר ניט פון וואַגנער. נאטירליך, עס זיינען דאָ א סך מענשען וואָס

אָבוואָהל זיי אַנערקענען וואַגנער׳ס גרויסקייט זיינען עהרליך גענוג צו זאָגען דאָס זיי קענען פון זיין מוזיק קיין הנאה ניט האָבען. אָבער דאָס איז דערפאַר וואָס זיי האָבען זיך קיינמאָל ניט גענומען די מיהע און די צייט צו פערשטעהן ריכטיג דיזען גרויסען מוזיק־מייסטער פון ב ע י ר ו ט.*)

וואַגנער איז מעהר וויא אַ קאָמפּאָזיטאָר. ער איז געווען איינער פון די גרעסטע פּערזענליכקייטען אין לעצטען יאָהרהונדערט. ער איז געווען אַ פיעלזייטיגער זשעני. ער איז געווען איינער פון די יעניגע מענשען וועלכע צייכענען זיך אויס אין אַלעס וואָס זיי טהוען. קיין אונטערנעהמונג איז פאַר אַזאַ גייסט וויא וואַגנער׳ס ניט געווען צו שווער; און די וואָס זיינען בעקאַנט מיט די שוועריגקייט וואָס ער האָט געהאַט אין דורכפיהרען זיינע אידעען אין אָפּערא וואונדערען זיך וואָס ער האָט אַזוי פיעל געקענט אויפ־טהאָן. ער האָט ניט נור רעוואָלוציאָניזירט די קונסט פון אָפּערא, זאָנדערן ער האָט אויך פּראַקטיש בעוויעזען דאָס די קונסט־ווערקע וועלכע ער האָט בעשאַפען קענען דורכגעפיהרט ווערען און געבען דעם העכסטען עסטהעטישען פערגניגען צו די צוהערערס.

ליידער אָבער איז וואַגנער אין צייט פון זיין לעבען געווען אַזוי אריינגעשלעפּט אין פּערזענליכע סכסוכים מיט ווירקליכע און איינ־געדעטע געגנער, דאָס ער האָט זיך געמאַכט מעהר שונאים וויא פריינד. איהם איז דעריבער ניט אָנגעקומען זעהר לייכט אויפצו־פיהרען זיינע מוזיק־דראַמאַס. „טריסטאַן אונד איזאָלדע", צום ביי־שפּיעל, איז אויפגעפיהרט געוואָרען זעקס יאָהר נאָכדעם וויא ער איז מיט דעם פערטיג געוואָרען. די ערשטע אויפפיהרונג איז

---

*)בעירוט איז אַ שעהנע שטעדטיל אין בייערן, דייטשלאַנד, וואו וואַגנער האָט פערבראַכט די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען און וואו ער האָט פערווירקליכט זיין טרוים פון אַן אייגענעם „פעסט" טהעאַטער. דיזער „פעסט" טהעאַטער האָט דער שטעדטיל בעריהמט געמאַכט איבער דער גאַנצער וועלט. דאָרט ווערען וואַגנער׳ס מוזיק־דראַמאַס אויפגעפיהרט בעסער וויא אין אירגענד וועלכען אַנדער טהייל פון דער וועלט. וו. ע.

געשעהן אין מ י נ כ ע ן, אין 1865. דאַמאָלס איז שוין וואַגנער אַלט געווען 52 יאָהר.

אין „טריסטאַן אונד איזאָלדע" האָט וואַגנער ארויסגעצייגט זיין ריינע פּ אָ ע ט י ש-ל י ר י ש ע קראַפט מעהר וויא אין אירגענד וועלכע אַנדערע פון זיינע קונסט-ווערקע. ניט נור אין דער מוזיק נור אויך אין דער דראַמא איז עס קלאָהר. ביידע עלעמענטען זיינען אַזוי צוזאַמענגעבונדען, צוזאַמענגעפלאָכטען, דאָס יעדער איינער קען זעהן אַז זיי זיינען דער פּראָדוקט פון איין גייסט און פון איין נשמה, וויא דאָס איז טאַקע דער פאַל. וואַגנער האָט דעם סוזשעט פאַר „טריסטאַן אונד איזאָלדע" גענומען פון אַ לעגענדע פון ענגלאַנד, און האָט עס בעאַרבייט אין 3 אַקטען, וויא פאָלגט:

ערשטער אַקט

א י ז אָ ל ד ע, אַן אירלענדישע פּרינצעסין, ווערט געפיהרט אויף אַ שיף צום ק ע נ י ג מ א ר ק, פון קאָרנוואַל, פאַר וועמען זיא איז אַ כלה. דיא שיף איז אונטער דער קאָמאַנדא פון אַ העלדי־שען ריטער פון קאָרנוואַל, אַ טרייער איבערגעבענער פריינד און פּלימעניק פון קעניג מארק מיט'ן נאָמען ט ר י ס ט א ן. צוזאַמען מיט איזאָלדע'ן פאָהרט איהר קאַמער-פרוי ב ר א נ ג ע נ ע, וועלכע איז זעהר איבערגעבען צו איהר.

איזאָלדע, נאַטירליך, ווערט בעהאַנדעלט אויף'ן שיף וויא אַ קעניגין. אָבער זיא פיהלט זיך אונגליקליך. ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף פאַר'ן ערשטען אַקט איז שוין דיא שיף ניט ווייט פון איהר האַפען, און טריסטאַן האָט זיך פאַר איזאָלדע'ן קיין איין מאָל ניט בעוויזען זייט דיא רייזע האָט אָנגעפאַנגען. עס איז דאָ אַן אורזאַכע. טריסטאַן ליעבט איהר; זי ליעבט איהם אויך. זי פיהלט זיך דארום געקריינקט פון דעם וואָס ער ווייזט זיך ניט פאַר איהר. ענדליך בעשליסט זיא צו שיקען בראַנגענע'ן צו טריסטאַן, בעטען איהם אַז ער זאָל איהר קומען זעהן איידער די שיף פאָהרט אריין אין האַפען. בראַנגענא פיהרט דורך איהר מיס'אַן, אָבער טריסטאַן ענטזאַגט דער פּרינצעסין'ס ביטע, אָנגעבענדיג אַלס אורזאַכע דאָס ער טאָר צוליעב איזאָלדע'ס זיכערהייט דעם רודער ניט פערלאָזען.

אין דער וועלכער צייט מישט זיך אריין ק ו ר ו ו ע נ א ל און מאכט דעם ענטפער נאָך שטאַרקער: איזאָלדע ווערט געפיהרט אלס די כלה פון קעניג מארק און דאַרף „טריסטאן דעם העלד“ אין גאַנצען פערגעסען.

בראַנגענאַ ברייננט דעם ענטפער איזאָלדע׳ן, און ערשט יעצט עפענט איזאָלדע איהר הארץ פאַר איהר חבר׳טע און פריינד. זיא דערצעהלט בראַנגענאַ׳ן דאַס טריסטאן איז דער מערדער פון איהר פריהערינגען חתן, אַן אירלענדישער ריטער מיט׳ן נאָמען ס ע ר מ אָ ר אָ ל ד. אין אַ קאַמפּף צווישעןביידע ריטערס האָט טריסטאן געטוידטעט סער מאָראָלד, און האָט אָפּגעשיקט זיין קאָפּ צו איהר. איזאָלדע האָט אין קאָפּ געפונען אַ פּיצעל שטאָהל פון אַ שווערד, און האָט עס ביי זיך בעהאַלטען. שפּעטער האָט זיא אויסגעפונען דאַס דער פּיצעל שטאָהל בעלאַנגט צו טריסטאן׳ס שווערד; און אויסגעפונען האָט זיא עס אויף אַ מערקווירדיגען אופן.

אין דעם קאַמפּף מיט סער מאָראָלד איז טריסטאן אויך פערוואונדעט געוואָרען, און הערענדיג דאָס איזאָלדע האָט אַזאַ באַלזאַם וואָס קען זיין וואונד אויסהיילען האָט ער זיך צו איהר געווענדעט אונטער אַ פערשטעלטען נאָמען (ט אַ נ ט ר י ס) אַז זיא זאָל איהם אויסקורירען. איינמאָהל, וועהרענד זיא האָט איהם געהאַלטען אין קורירען, האָט זיא באַמערקט דאָס דער פּיצעל שטאָהל וועלכען זיא האָט ארויסגענומען פון סער מאָראָלד׳ס קאָפּ שטימט מיט דעם איינשניט אין איהר פּאַציענט׳ס שווערד. אלזא, האָבענדיג דיא בעווייזע דאָס דיזער פּאַציענט וועלכער האָט זיך גערופען טאַנטריס אָבער וועלכער איז אין דער ווירקליכקייט געווען טריסטאן — דאָס דיזער פּאַציענט האָט געטוידטעט איהר חתן, האָט זיא אויפגעהויבען דעם שווערד און געוואָלט איהם טוידטען. אָבער דאָ האָבען זיך זייערע אויגען בעגעגענט... זיא האָט ניט געהאַט קיין הארץ דעם שפּיץ פון שווערד אין איהם אריינצושטעכען. זיא האָט אויך איהם געקראַגען רחמנות און אויסגעקורירט. אַ קורצע צייט נאָך דער פּאַסירונג האָט זיך איהר פּאַציענט צוריק געקעהרט פון קאָרנוואל אונטער זיין ריכטיגען נאָמען מיט אַ גאַנצער סוויטע, פערלאַנגענדיג

איזאָלדע'ס האנד פאר זיין אָנקעל, קעניג מארק. איזאָלדע'ס עלטערען האָבען איינגעשטימט אויף'ן שידוך און יעצט, ווען זיא, איזאָלדע, ווערט געפיהרט צום קעניג מארק וויל איהר טריסטאן אפילו ניט עהרען מיט א בעזוך.

דאָס אלעס דערצעהלט איזאָלדע צו בראַנגענאַ'ן. דיא לעצטע איז געריהרט און טרויסט איהר דערמיט וואָס זיא זאָגט איהר דאָס טריסטאָן האָט געגוג דאנקבארקייט ארויסגעצייגט מיט דעם וואָס ער האָט פאר איהר געקראָגען אזא חתן וויא קעניג מארק. אבער איזאָלדע, רעדענדיג צו זיך אליין, פון אויפרעגונג, בעדויערט וואָס זיא וועט איהר לעבען דארפען פערברייגען אזוי נאָהענט צו א פערזאָן וועמען זיא קען ניט מאכען ליעבען איהר. זיא האָט אין זינען טריסטאָן. אָבער בראַנגענאַ דיינקט אז זיא מיינט איהר חתן קעניג מארק. זיא זאָגט דארום צו איזאָלדע'ן דאָס וועגען דעם דארף זיא זיך ניט זאָרגען, ווייל זיא האָט ניט פערגעסען מיטנעהמען דיא ליעבעס טראָפּענס וואָס איזאָלדע'ס מוטער האָט מיטגעגעבען. זיא עפענט א סקאטולקע, אין וועלכער פערשיעדענע טראָפּענס געפינען זיך, אָבער איזאָלדע קלייבט אוים טוידט טראָפּענס אנשטאָט ליעבעס טראָפּענס און בעט בראַנגענאַ'ן אז זיא זאָל איהר העלפען דורכפיהרען איהר ראַכע: זיא וויל פערגיפטען טריסטאן און זיך אליין.

אונטערדעסען האלט שוין אָבער דיא שיף ביים אריינקומען אין האפען, און קורווענאל, טריסטאַן'ס איבערגעבענער פריינד, קומט אריין אָנזאָגען דיא צוויי פרויען אז זיי זאָלען זיך פערטיג מאכען פאר דער לאנדונג. איזאָלדע ענטפערט אז זיא וועט ניט לאנדען איידער טריסטאן וועט קומען צו איהר בעטען פערצייהונג פאר דעם וואָס ער האָט איהר דיא גאנצע צייט ניט בעזוכט. קורווענאל געהט אוועק און נאָך א קורצער פויזע קומט אריין טריסטאן.

זייער בעגעגעניש איז א דראמאטישע. איזאָלדע דערמאָהנט איהם אז זיא האָט נאָך ניט פערגעסען דעם בלוטיגען חוב צווישען זיי; זיא האָט איהם נאָך ניט פערגעבען זיין ערמאָרדען איהר פריהערינגען געליעבטען, סער מאָראָלד. זיא וויל יעצט דארום נעהמען

ראכע פון איהם. טריסטאן דער העלד דערלאנגט איהר זיין שווערד און איז צופריעדען צו שטארבען. אבער, ניין, זיא וועט איהם ניט טוידטען, זאגט זיא; זיא וויל ביי קעניג מארק'ן ניט אוועקרויבען זיין טרייעסטען פריינד. זיא וועט איהם נאך אמאל פערצייהען. זיא וויל נור אז ער זאל טרינקען א ביסעל פון איהר וויין אלס צייכען פון זייער נייער פריינדשאפט. זיא כאפט ארויס דעם בעכער וועלכען בראנגענא האט מיט ציטערנדע הענד אנגעגרייט און דערלאנגט עס איהם.

טריסטאן דענקט אז אין דעם בעכער מוז זיך געפינען סם, אבער ער ליעבט איזאלדע'ן אזוי שטארק און זיין הארץ ווערט אזוי צוריסען פון דיא געפיהלען פון ליעבע און פפליכט, דאס ער איז צופריעדען צו שטארבען פון איהר האנד. ער גיט א זופ פון בעכער, און איידער ער האט צייט אויסצולייריגען עס אין גאנצען כאפט עס איזאלדע ארויס פון זיין האנד און טרינקט אוים דיא איבעריגע וויין.

אבער אנשטאט צו פאלען טוידט ווערעןביידע וויא צוגע־שמידט צו דיא ערטער אויף וועלכע זיי שטעהען; זיי קוקען זיך ביידע אן מיט דער גרעסטער ליידענשאפט; זיי שטרעקען אויס זייערע הענד און פאלען ענדליך אריין איינע אין דיא אנדערע'ס ארעמס. אנשטאט גיפט האט בראנגענע אריינגעטהאן ליעבעס־טראפענס אין בעכער. דיא צוויי פערליעבטע וויסען אבער גארניט דערפון. זיי זיינען יעצט אזוי פערטהאן איינער אין דעם צווייטע אז זיי קימערן זיך ניט וועגען דעם וואס עס קומט פאר ארום זיי. דיא שיף איז אריין אין האפען. עס הערען זיך שוין דיא יובע געשרייען פון דיא וואס זיינען געקומען בעגריסען דער כלה פון קעניג מארק. אום איהר צו ברענגען צום בעוואוסטזיין דערציהלט בראנגענע איזאלדע'ן וויא זיא האט אריינגעטהאן דיא ליעבעס־טראפענס אין בעכער אנשטאט גיפט. איזאלדע'ן ארט אבער יעצט גאר ניט. זיא פאלט אהנמעכטיג אויף טריסטאן'ס ברוסט, ווערענד קעניג מארק מיט זיין סוויטע האלט ביים ארויפקומען אויפ'ן שיף און דיא מאטראזען שרייען:

„הייל דעם קעניג!
קאָרנוואָל, הייל!“

צווייטער אַקט

אין דעם צווייטען אַקט זעהט זיך איזאָלדע'ס פּאַלאַץ, ארומ־גערינגעלט פון א גרויסען, שעהנעם פּאַרק. עס איז א ווארעמער זומער אבענד. ביים אריינגאַנג ברענט א פאַקעל. בראַנגענע שטעהט אויף דיא טרעפּ און הערט זיך איין צו דיא פערשווינדענדע טריט פון קעניג מאַרק'ס יאַגד־פּארטי. איזאָלדע קומט ארויס אין גרויס אויפרעגונג פון פּאַלאַץ און וויל געבען דעם סיגנאַל וואָס וועט ברענגען צו איהר טריסטאַן — איהר געליעבטען. בראַנגענע ווארנט איהר. זיא האָט מורא אז דיא גאַנצע יאַגד איז אראַנזשירט געוואָרען פון מעלאָט מיט א געוויסען צוועק. מעלאָט, זאָגט זיא, איז טריסטאַן'ס שונא. ווען ער איז מיט קעניג מאַרק ארויפגעקומען אויפ'ן שיף האָט ער שוין דאן בעמערקט דיא נאָהענטע פערהעלטניסע צווישען טריסטאַן און איזאָלדע. פאַר איהם דארף מען אַלזאָ מורא האָבען. אבער בראַנגענע'ס ווארונג פאַלט אויף אויערן וואָס ווילען ניט הערען. איזאָלדע איז צופיעל פערליעבט צו היטען זיך. זיא גלויבט גאַר אז מעלאָט איז טריסטאַן'ס א זעהר גוטער פריינד; און איזאָלדע'ס בליגדהייט מאַכט בראַנגענע'ן בעדויערען וואָס זיא האָט אויפ'ן שיף ניט פער'סמ'ט דיא צוויי פערליעבטע, אנשטאַט צו דארפען אויסשטעהן אזוי פיעל הארץ־רייסעניש, אזוי פיעל עגמת נפש. איזאָלדע האָט אָבער צו איהר גאָר נישט און לעשט אוים דעם פאַקעל — געבענדיג דערמיט א צייכען איהר געליעבטען צו קומען.

און ווען טריסטאַן קומט אריין — וואָס פאַר א ליידענשאַפט־ליכע אומארמונג!

„איזאָלדע! געליעבטע!“ שרייט ער.

„טריסטאַן! געליעבטער!“ רייסט זיך ביי איהר ארויס פון הארצען.

און דאן מורמלען זיי ביידע:

„ביזט דו מיין?

האב איך דיך וויעדער ?
הארף איך דיך פאסען ?
קאן איך מיר טרויען ?
ענדליך ! ענדליך !
אן מיינער ברוסט !
פיהל איך דיך ווירקליך ?
ביזט דו עס זעלבסט ?
דיעס דיינע אויגע ?
דיעס דיין מונד ?
היער דיינע האנד ?
היער דיין הערץ ?
בין איך'ס ? ביזט דו'ס ?
האלט איך דיך פעסט ?
איזט עס קיין טרוג ?
איזט עס קיין טרוים ?"

און אזוי ווייטער. דיא סצענע צווישען דיעזע צוויי געליעבטע איז איינע פון דיא שעהנסטע, שטארקסטע, זיסעסטע זאכען וואס מען קען ווען זעהען אויף אירגענד וועלכע ביהנע. דיא פערליעבטע פערגעסען אן אלעס און אלעמען. זיי זעצען זיך אוועק אויף א באנק ארומגערינגעלט פון דיא שעהנסטע בלומען און ענג אומגעארמט אזוי וויא זיי וואלטען ווערען איינס אין גוף און נשמה טרוימען זיי אוועק דיא גאנצע נאכט, געניסענדיג אין דעם רייגסטען זיגן דיא ליעבע וואס זיי טראגען אין זייערע הערצער איינער פאר'ן צווייטען. דיא טרייע בראנגענא, וועלכע איז אויף דער וואכע דיא גאנצע צייט אויפ'ן דאך, זאגט אן די פון־ליעבע־פער'שכור'טע פאאר'ל דאס עס טאגט שוין, אבער זיי הערען ניט און ווילען ניט הערען. אין דער זיסקייט פון דער מינוט ווינשען זיי זיך צו שטארבען, אויסצוגעהען אזוי צוזאמען און מעהר דעם טאג שוין ניט זעהען.

פלוצלונג גיט בראנגענא א געשריי. עס לויפט אריין טריסטאן'ס איבערגעבענסטער פריינד קורווענאל און שרייט אויס :

„רעטע דיך, טריסטאַן!"

אָבער ס'איז צו שפּעט. עס קומען אָן דער קעניג, סער מע־לאָט און אַלע אַנדערע פון דער יאַגד פּאַרטי. טריסטאַן שפּרינגט אויף און אינסטינקטיוו פאַרשטעלט ער מיט זיין מאַנטעל די אונגליקליכע קעניגין און זיין פּנים דריקט דאָן אויס אַזוי פיעל מיטלייד און פערצווייפלונג! אָבער דער גרעסטער רחמנות איז דאָן אויף'ן קעניג אַליין. דיעזער עדעלער הערשער, וועלכער האָט זיין יונגע קעניגין געליעבט מעהר אַלס א פאָטער וויא אַלס מאַן; דיעזער עהרענהאַפטער, אַלטער מאַן, וועלכער האָט אויף טריסטאַן געקוקט אַלס זיין בעסטער פריינד און זיין יורש פון טראָהן; דיעזער קעניג מאַרק פיהלט זיך יעצט אַזוי געבראָכען אז ער הערט גאָר ניט וויא סער מעלאָט בעריהמט זיך מיט דעם וואָס ער איז געוועזן דער יעניגער וואָס האָט אויפגעדעקט דעם סקאַנדאַל, מיט דעם וואָס ער איז געווען דער ערשטער צו געבען דעם קעניג צו פערשטעהען אז דיא קעניגין פיהרט א ליעבע מיט זיין ליעבלינג־פּלימעניק. קעניג מאַרק וואַרפט אויס זיין פּלימעניק זיין אונטרייהייט, אָבער אין אזא ווייכען, צאַרטען טאָן, אז טריסטאַן ווינשט זיך צו זיין טויט דעם מאָמענט.

„טהאַטעסט דו'ס ווירקליך?" הויבט אָן קעניג מאַרק. אה, וויא ביטער עס איז איהם, דעם אַלטען מאַן, ווען ער זאָגט ווייטער:

„זעה איהן דאָרט, דען טרייעסטען אַלער טרייען;
בליק אויף איהן,
דען פריינדליכסטען דער פריינדע!
זיינער טרייע
פרייעסטע טהאַט
טראַף מיין הארץ
מיט פיינדליכסטעם פערראַטה."

טריסטאַן קען אויף'ן קעניג'ס ווערטער גאָר ניט ענטפערען. אָבער ער קעהרט זיך אום צו איזאָלדע'ן און זאָגט אז ער וועט אוועקפאָהרען א היים, דאָרט וואו ער איז געבאָרען געוואָרען, ווייט פון מענשען. אויב זיא וויל טהיילען מיט איהם זיין שיקזאַל קען

זיא ביי איהם געפינען שוין. איזאָלדע ענטפערט אז זיא וועט נעהען מיט איהם אין עק וועלט. טריסטאן בייגט זיך איין און קושט איהר זאנפט אויפ'ן שטערן. דאָס רענט אבער זעהר שטארק אויף סער מעלאָט'ן, וועלכער שרייט אויס:

„צור ראכע, קעניג!

דולדעסט דו דיעזע שמאך?"

צווישען סער מעלאָט און טריסטאן ווערט א קאמפף מיט דיא שווערדען, וועלכער ענדיגט זיך מיט דער פערוואונדונג פון דער קעניגין'ס געליעבטער. א צובלוטיגטער פאלט טריסטאן אין דיא טרייע ארעמס פון קורוועגאל.

דריטער אקט

דער דריטער אקט שטעלט פאָר דיא היים פון טריסטאן, א ווילדע, נעבידגיגע געגענד ביים וואסער. טריסטאן ליגט אויף א בעטיל אונטער א בוים, ליידענדיג שרעקליך פון זיין וואונד. קורוועגאל האָט געשיקט נאך איזאָלדע'ן און מיט דער גרעסטער אונגעדולד ערווארטעט ער איהר אָנקומען, ווייל נור זיא קען טריסטאן'ס וואונד אויסהיילען. פון דער ווייטען הערט זיך א ליעד וועלכע א פאסטוך'ל שפיעלט אויף א פייפעל — א טרויעריגע, מעלאנכאָלישע ליעד, א צייכען דאָס דיא שיף וועלכע דארף ברייגגען איזאָלדע'ן זעהט זיך נאך נים. דער פאסטוך'ל פערלאָזט זיין פאסטען אויף א ווייל און קומט זיך נאכפרעגען אויף טריסטאן'ס געזונד. אבער קורוועגאל וויל איהם נים ענטפערן אויף דעם. זאָגענדיג דאָס אזוי שנעל וויא ער וועט זעהן א שיף אנקומען וועט ער שפיעלען א פרעהליכעס ליעד, געהט דער פאסטוך'ל וויעדער אוועק.

לאנגזאם עפענט טריסטאן זיינע אויגען. צוערשט דערקענט ער נים וואו ער איז. אבער קורוועגאל העלפט איהם קומען צו זיך. ער דערמאָהנט זיך אויף זיין איזאָלדע'ן, און אין זיין פיעבערהאפטען צושטאנד רעדט ער פון אלץ וואָס מיט איהם האָט פאסירט. ער קען אבער אָהן איזאָלדע'ן נים לעבען א מינוט, ער מוז איהר זעהען איידער ער שטארבט — אך! ווארום קומט שוין נים אָן דיא שיף וועלכע דארף איהר ברייגגען צו איהם!

וויפיעל קראַפט, דראַמאַטישע און מוזיקאַלישע, וואַגנער האָט אריינגעגעבען אין דיזער סצענע, ווען טריסטאַן ווארט אויף דער שיף וועלכע דאַרף ברייגען זיין איזאָלדע, איז אוממעגליך צו בע־שרייבען מיט א געוואָהנליכען פעדער. „אָך, איזאָלדע! זיסע! האָלדע!" קרעכצעט דער קראַנקער טריסטאַן. „ווען — ענדליך, ווען, אָך ווען לעשט דו די ציינדע, האָם זיא מיין גליק מיר קינדע?" דער קראַנקער וואַרפט זיך אויף זיין געלעגער, וועהרענד זיין טרייעסטער פריינד קורווענאַל וואַרפט יעדען מאָמענט אונגעדולדיגע בליקען צום וואַסער. דיא סצענע איז געמאָלט פּאָעטיש, מיט דעם פּינזעל פון א וואונדערבארען פּאָעט. מען מוז עס אליין זעהן צו בעגרייפען ריכטיג וויא גרויס און רייך עס האָט געמוזט זיין דיא פאָרשטעלונגס־קראַפט פון דעם קאָמפּאָזיטאָר.

א לוסטיגע מעלאָדי הערט זיך פּלוצלונג פון דעם פּאַסטוכעל'ס פּייפעל, און קורווענאַל גיט א שפּרונג ארויף צום וואַך־טהויער, פון וואַנען ער זעהט ווירקליך דיא שיף און דיא לאַנדונג פון איזאָלדע. ער לויפט איהר באַגעגנען, און דער קראַנקער טריסטאַן, דענקענ־דיג יעצט אז ער האָט שוין פאַר דעם טוידט קיין מורא ניט, שפּרינגט אויף פון זיין געלעגער און לויפט איהר אויך אנטקעגען. אָבער ער האָט געטהאָן א זאַך וואָס ער האָט ניט געטאָרט. זיין פיזישע שוואַכקייט צוזאמען מיט דער אויפרעגונג איז געוועזען צו־פיעל פאַר איהם און ווען איזאָלדע לויפט אריין פאַלט ער אין איהרע אָרעמס — טוידט!

איזאָלדע וויקעלט ארום איהרע אָרעמס ארום זיין קערפּער און לאָזט איהרע אייגענע כוחות אויסגעהען לאַנגזאַם...

אונטערהדעסען לויפט אריין דער פּאַסטוך'ל און זאָגט אָן דאָס א צווייטע שיף איז אָנגעקומען. קורווענאַל, דענקענדיג אז דאָס איז קעניג מאַרק געקומען מיט סער מעלאָט'ן און אַנדערע בעגליי־טער צו פערפאָלגען זיין הערר טריסטאַן, וועלכער איז שוין געלעגען טוידט, ציהט ארויס זיין שווערד און טויטעט דעם ערשטען וואָס ער בעגעגענט. דער געטויטעטער איז סער מעלאָט. אָבער קורוועֿ־נאַל קריגט אין דיעזען קאַמפּף אויך א טויטליכען וואונד, און ער

שלעפּט זיך צו יעצט צו דער ליבע פון זיין פריינד טריסטאַן, אויף וועלכער עס ליעגט דער אָהנמעכטיגער קערפּער פון איזאָלדע.

עס קומען אָבער גלייך אריין קעניג מארק, בראַנגענע און די איבעריגע בעגלייטער. דער ביטערער אירטהום פון קורווענאַל צייגט זיך דאָן ארויס. קעניג מאַרק, אויסגעפינענדיג פון בראַנגענע וויא דורך איהר אריינטהאָן ליעבעס־טראָפּענס אין בעכער ווייז האָט זיא געמאַכט דאָס טריסטאַן זאָל זיך אריינוואַרפען אין די הענד פון איזאָלדע — אויסגעפינענדיג וויא דער שיקזאַל האָט געטריעבען זיין ווייב און זיין פריינד צו בעטריעגען איהם, איז ער געקומען זיי פערצייהען, איז ער געקומען אליין איבערצוגעבען זיין איזאָלדע׳ן אין טריסטאַן׳ס הענד. אָבער — צו שפּעט! מיט א געבראָכענע הארץ הויכט איזאָלדע אויס איהר לעצטען אָטהעם, גליקליך מיט דעם געדאַנק דאָס זיא איז אין די אַרעמס פון איהר איינציג געליעבטען טריסטאַן.

און דער פאָרהאַנג פאַלט אויף איינע פון די טיעפסטע טראַגעדיעס וואָס די מענשליכע הארץ קען פעראורזאכען און דער מענשליכער גייסט קען זיך פאָרשטעלען

עס איז דאָ ניט נויטיג צו לויבען די מוזיק פון דיעזער ליידענשאַפטליכער ליעבעס טראַגעדיע. אָנפאַנגענדיג מיט דעם „פאָרשפּיעל“ צום ערשטען אקט ביז איזאָלדע׳ס „טויטען־ליעד“ביים ענדע פון לעצטען אָקט האַלט די מוזיק וויא צוגעשמידט די צוהערערס צו דעם וואָס עס קומט פאָר אויף דער ביהנע. די מוזיק איז זאַנפט, גראַציעז, נאָבעל, ליידענשאַפטליך, און דערגרייכט ביי מאַנכע סצענען די העכסטע עקסטאַזע וואָס מען קען זיך פאָרשטעלען — ע ק ס ט א ז ע און ניט די בעגייסטערונג וואָס מען פיהלט געוואָהנליך ווען מען הערט „ק אַ ר מ ע ן“, אָדער „ד י א ה ו ג ע נ אָ ט ע ן“, אָדער „ר י ג אָ ל ע ט אָ“, אָדער „פּ אַ ל י א ט ש י“, אָדער זאָגאַר „פ א ו ס ט“. עס איז אפילו ניט ריכטיג צו פערגלייכען איין גרויסע זאַך מיט א צווייטער — יעדע מיט בעזונדערע מעלות. נאָך מעהר! עס איז ניט נור ניט ריכטיג, נור עס איז טאַקי אונמעגליך צו פערגלייכען זאַכען וואָס

טראָגען אויף זיך דעם שטעמפעל פון זשעני. אָבער דער אמת איז דאָס אין דיא מוזיק־דראַמאַס פון וואַגנער איז דאָ אַזוי פיעל, וואָס איז אונגעוואָהנליך ערהאַבען, אַזוי פיעל וואָס איז געטליך זיס, אַזוי פיעל וואָס איז וואונדער שעהן, דאָס, מען קען זיך ניט איינהאַלטען פון אָנטהאָן דיא גרעסטען קרוין אויף דעם קאָפּ פון וואַגנער.

„טריסטאַן אונד איזאָלדע" איז איינע פון דיא גאָר שעהנסטע פערלען אין דער מוזיק. אויב דיא נשמה פון א מענש שפּיגעלט זיך אָפּ אין דעם וואָס ער בעשאַפט, דאַן האָט וואַגנער געהאַט א נשמה גרוים וויא דיא וועלט. וויא דען אַנדערש וואָלט ער געקענט אויסדריקען אַזוי פיעל ליעבע, אַזוי פיעל איבערגעבענהייט, אַזוי פיעל פריינדשאַפט, וויא עס איז דאָ אויסגעדריקט אין „טריסטאַן אונד איזאָלדע" !

PARSIFAL — Wagner

פּאַרסיפאַל

פון ריכאַרד וואַגנער

פּערזאָנען:

פּאַרסיפאַל — טענאָר; קלינגזאָר — באַריטאָן; אַמפאָרטאַס — באַס;
גורנעמאַנז — באַס; טיטורעל — באַס; קונדרי — סאָפּראַנאָ;
ערשטע צויבער־מיידכען — סאָפּראַנאָ.

אַנץ אַנדערש פון אַלע אַנדערע אָפּעראַס וואָס זיינען ווען בעשאַפען געוואָרען פון דיא פערשיעדענע קאָמפּאָזיטאָרס פון דער וועלט, און זאָגאַר גאַנץ פערשיעדען פון זיינע אייגענע מוזיק־דראמאס, איז ריכאַרד וואַגנער'ס לעצטע לעבענס־ווערק „פּאַרסיפאַל“.

„פּאַרסיפאַל“ איז ניט קיין אָפּערא אין געוועהנליכען זינן דאָס וואָרט. וואַגנער זעלבסט האָט עס בעצייכענט אלס „איין ביהנען־ווייפעסט־שפּיעל“. עס איז א דראמאַטיש־מוזיקאַלישער פּראָדוקט וואָס איז א קלאַסע אין זיך אליין, וואָס האָט ניט קיין גלייכען און קען ניט פערגליכען ווערען מיט קיין אַנדער קונסטווערק אויף דער אָפּערא ביהנע. „פּאַרסיפאַל“ איז דארום עטוואס גאָר בעזאָנ־דערעס ניי און אָריגינעל, און איז פיעללייכט דער שטאַרקסטער בעוויז פון וואַגנער'ס אונערמיעדליכע גייסטיגע טהעטיגקייט, פון זיין מערקווירדיג ברייטען בעגריף פון וועלטליכע זאכען, פון זיין נייסטרייכע מוזיקאַלישע טיעפקייט, פון זיין אויסערגעוועהנליך־

גרויסע דראמאטישע פעהיגקייט און, אין אלגעמיין, פון זיין וואונדערבארען זשעני.

פערשטעהט זיך, אויך אין „פארסיפאל“ האט וואגנער זיך געהאלטען פעסט אָן זיינע פרינציפען וועגען דעם וואס מוזיק, ספּעציעל אָפּערא מוזיק, דארף זיין. דער כאראקטער פון דיא מוזיק איז זעהר ענג פערבונדען, צוזאמענגעקניפּט, מיט דעם אינהאלט, מיט דעם גייסט, פון דיא ווערטער. איינס פון דיא אנדערע קען ניט אָבגעטהיילט ווערען, אָהן פערליערען דעם פולען ווערטה. ער האט אין „פארסיפאל“ אזוי ענג פערבונדען דיא קונסט פון פּאָעזיע מיט דיא קונסט פון מוזיק וויא טאקע נאר ער אליין האט געקענט, און א חוץ דעם האט ער אריינגעפלאָכטען דיא אנדערע קונסטען אזוי מייסטערהאפט, דאס ביי דער אויפפיהרונג פון דיזער „ביהנענ־ווײ־פעסט־שפּיעל“ זיצען דיא צושויער וויא בעצויבערט פון דעם וואס זייערע אויערן הערען און זייערע אויגען זעהען.

אזאווירקונג מאכט „פארסיפאל“ אויף יענע וואס זיינען בעקאנט מיט איהר אינהאלט — ליטערארישען, אלעגארישען און מוזיקאלישען. „פארסיפאל“ ענטהאלט א זעהר טיעפע בעדייטונג; דאָך איז דיא מוזיק אייגפאך — ניט איינפאך אין דעם זעלבען זינן, צום ביישפּיעל, וויא „איל טראָוואטאר“, „לוציא די לאמערמור“, „קארמען“ אָדער „קאוואלעריא רוסטיקאנא“, זאָנדערן איינפאך אין דעם זינן דאס דיא מוזיק־טענער זיינען ריין וויא גאָלד, קלאָר וויא קריסטאל, אָהן בריליאנטענע בעפוצונגען, אָהן געצוואונגענע עפעקטען, אָהן פאלשען קאָליר.

אי דער דראמאטישער אינהאלט אי דער גייסט פון דיא מוזיק אין דיזען קונסטווערק איז רעליגיעז, אָבער ניט ענג רעליגיעז, זאָנדערן רעליגיעז אין דעם ברייטסטען זינן דאס וואָרט. דער וואס איז שטארק געפיהלפאל, דער וואס האט ליעב דיא מוזיק וואס מען הערט געוועהנליך אין א טעמפּעל, א קירכע, אָדער אירגענד א פּלאץ וואו דיא מוזיק טראגט א הייליגען כאראקטער, דער וואס איז איבערהויפּט בעאיינפלוסט פון אוניווערסאלע אידעען, פון געהיימניספאלע געפיהלען, און פון יענע גרויסע ניט־פערזענליכע

פראַגען וואָס ריהרען אויף דעם גאַנצען מוח און דיא גאַנצע האַרץ — דער מוז ווערען שטאַרק בעגייסטערט הערענדיג און זעהענדיג „פּאַרסיפאַל“.

דיא אידעע פאַר דיזער אָפּערא האָט וואַגנער גענומען פון לעגענדעס וואָס זיינען געוועזען בעקאַנט מיט פיעלע הונדערטער יאָהרען צוריק אין פיעלע אייראָפּעאישע לענדער. לויט דיזע לעגענדעס איז פּאַרסיפאַל געוועזען דער זוהן פון אַ קעניג וועלכען מען האָט גערופען ג אַ מ ו ר ע ט און דער פאַטער פון דעם ריטער ל אָ ה ע נ ג ר י ן, וועלכען וואַגנער האָט פאַר דער וועלט פאַר־געשטעלט אין אַ בעזונדער אָפּערא. *) דיא וואָס זיינען בעקאַנט מיט דעם איינהאַלט פון דער אָפּערא „לאָהענגרין“ געדענקען געוויס וויא דער געהיימניספאָלער ריטער אין פאַנציער־קליידער דערצעהלט דאָס ער קומט פון דעם באַרג מ אָ נ ס אַ ל וו אַ ט, וואו עס געפינט זיך דער ג ר אַ ל - ט ע מ פּ ע ל, און וואו זיין פאַטער פּ אַ ר ס י פ אַ ל איז הערשער. אַלזאָ, אין דער אָפּערא „פּאַרסיפאַל“ קומט פאָר דיא גאַנצע האַנדלונג אויף און אַרום מאָנסאַלוואַט. דער באַרג געפינט זיך ערגיץ אין אַ ווילדער געגענד אין נאָרד־שפּאַניען. דאָרט האָט דער הערשער ט י ט ו ר ע ל אויפגעבויט אַ ריעזען־שלאָס, צו וועלכען זינדיגע מענשען זאָלען ניט קענען צוקומען. אין דיעזען שלאָס איז דאָ אַ טעמפּעל, וואו עס געפינט זיך אונטער דעם שוץ פון העלדישע און גאָטספאָרכטיגע ריטערס דער ג ר אַ ל, אָדער, אין אַנדערע ווערטער, דער הייליגער בעכער פון וועלכען ישוע הנוצרי האָט געטרונקען ביי זיין לעצטען מאָהל־צייט. לויט די לעגענ־דעס ענטהאַלט דיזער בעכער דיא בלוט וועלכע איז געפלאָסען פון דעם געקרייציגטען יעזוס און דער וואָס זעהט דיעזען בעכער ווערט גערייניגט פון אַלע זינד. צוזאַמען מיט דעם הייליגען בעכער געפינט זיך אויך אונטער דעם שוץ פון דיא ריטערס אויף מאָנ־

*) לעזט דיא אָפּערא „לאָהענגרין“ וועט איהר בעסער פערשטעהן „פּאַרסיפאל“; לעזט ספּעציעל דעם צווייטען העלפט פון לעצטען אַקט, ווען דער ריטער לאָהענגרין ערקלעהרט פון וואַנען ער קומט. — וו. ע.

סאַלוואַט דער שפּיעז מיט וועלכען דיא וואונדען פון ישוע הנוצרי זיינען געמאַכט געוואָרען.

אבער זייך דיזע ריטערס אויף מאָנסאַלוואַט דערגרייכען א צייט ווען זיי ווערען אַלט און שוואַך און קענען מעהר זייערע פּפליכטען ניט ערפילען. דער הערשער, טיטורעל, דערגרייכענדיג א גרויסען עלטער, גיט איבער דעם הייליגען טהראָן צו זיין זוהן א מ פ אָ ר ט אַ ס. עס געהט ניט איבער קיין לאַנגע צייט און דער נייער הערשער בעווייזט דאָס ער איז ניט אַזוי פעהיג וויא זיין פאטער איז געוועזען צו געוועלטיגען איבער אַזעלכע גאָטספאָרכטיגע ריטערס וויא עס געפינען זיך אויף מאָנסאַלוואַט. עס מאַכט זיך עפּעס וואָס פעראורזאַכט אַ גאַנצע רעוואָלוציאָן אויף דיזען באַרג, וואָס פעראורזאַכט א גרויסען קריזיס. וואָס איז עס?

ניט ווייט פון דעם באַרג מאָנסאַלוואַט האָט א כשוף־מאַכער מיט'ן נאָמען ק ל י נ ג ז א ר אויסגעבויט אַ גרויסען שלאָס מיט דער אבזיכט פון נעהמען נקמה פון דיא גאָטספאָרכטיגע ריטערס. קלינגזאָר האָט געהאַט אַן אורזאַכע פאַר דעם. ער האָט איינמאָל געוואָלט ווערען א מיטגליעד פון דעם הייליגען ג ר א ל אָרדען און מען האָט זיך ענטזאַגט איהם אריינצונעהמען, ווייל ער האָט צופיעל געזינדיגט געגען גאָט און געגען מענשען. דאָס האָט איהם בעוואָגען אויסצובויען דעם שלאָס, ארום וועלכען ער האָט איינגעפלאַנצט דיא שעהנסטע בלומען וואָס מען קען זיך פאָרשטעלען און אין וועלכען ער האָט אריינגעזעצט א גרויסע צאָהל רייצענד שעהנע מיידלעך. דיא אויפגאַבע פון דיעזע מיידלעך איז געוועזען צו פערנאַרען אַהין דיא גאָטספאָרכטיגע אין זינדלאָזע ריטערס און זיי צו מאַכען קרבנות פון ליעבע און תאוה, פון לוסט און זינד.

אויף אַזא אופן איז איינמאָל דער נייער קעניג פון מאָנ־סאַלוואַט, אמפאָרטאַס, פערנאַרט געוואָרען צו קלינגזאָר'ס שלאָס, און צוואַר פון דער שעהנסטער פון דיא רייצענדע מעדכען, ק ו נ ד ר י. דיזע קונדרי איז, לויט דיא לעגענדעס, קיין אַנדערע וויא ה ו ר ו ד י ת, וועלכע האָט געלאַכט פון ישוע הנוצרי ווען מען האָט איהם געפיהרט צו דער הינריכטונג אויף דעם באַרג

גאָלגאָטא, און וועלכע איז פאַר דיזע גראָבהייט פערשאָלטען; געשוואָרען ארומצואוואנדערען לאַכענדיג איבער דער וועלט ביז זיא וועט פערגעבען ווערען פון אַן אַנדער „ערלייזער". אין וואַגנער'ס אָפּערא האָט קונדרי א דאָפּעלטען כאַראַקטער; זיא איז אַ דאָפּעלטע פערזענליכקייט. טהיילווייז איז זיא אונטער דעם כשוף'דיגען איינפלוס פון קלינגזאָר און דאַן איז זיא זיין געצייג פאַר שלעכטעס; טהיילווייז איז זיא אָבער בעפרייט פון קלינגזאָר'ס איינפלוס און דאַן זוכט זיא צו טהאָן גוטעס אויף אַזוי וויט וויא איהר ווילדע נאַטור ערלויבט איהר; אבער ווען זיא איז אונטער קלינגזאָר'ס איינפלוס טהוט זיא אַלעס וואָס ער וויל. אַלזאָ, זייענדיג אונטער דעם איינפלוס פון דעם טייפלישען קלינגזאָר איז אין איהרע הענד אריינגעפאַלען אַמפאָרטאַס, דער הערשער פון מאָנסאַלוואַט, וועלכער איז געוועזען שוואַך גענוג צו לאָזען זיך פערגעסען און זינדיגען... נאָך מעהר! דער כשוף־מאַכער האָט ביי אַמפאָרטאַס'ן ארויסגעריסען דעם היילינגען שפּיעז און האָט איהם געמאַכט אַ וואונד — אַ וואונד וועלכע קען ניט אויסגעהיילט ווערען סיידען דער היילינגער שפּיעז, געהאַלטען אין זינדלאָזע הענד, זאָל עס ווידער אָנריהרען.

אָט דאָס פעראורזאַכט דעם קריזיס אויף מאָנסאַלוואַט. דער פערוואונדעטער הערשער ליידעט שרעקליך, די גאָטספאָרכטיגע ריטערס זיינען ניעדערגעשלאָגען, אַ שוואַרצע כמאַרע פערציהט זיך איבער'ן היילינגען בארג מאָנסאַלוואַט.

ערשטער אַקט

ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף גאָר צוערשט זעהט זיך אַ שטיינערנער באָדען. אַן דער זייט ציהט זיך אַ וועג צו אַ טייך. אין מיטען איז אַ גרויסער בוים מיט ברייטע צווייגען, אונטער וועלכען עס שלאָפען דער אַלטער ריטער גורנעמאַנז און צוויי יונגע ריטערס. עס זעהט זיך דער שיין פון פריהמאָרגען און עס הערט זיך פון דער געגענד פון שלאָס דער קלאַנג פון טרובעס. דער אַלטער ריטער כאַפּט זיך אויף און וועקט זיינע צוויי חברים. נאָכדעם וויא זיי ווערען פערטיג מיט'ן מאָרגען־געבעט הייסט ער

זיי צוגרייטען די באד וועלכע אמפארטאס נעהמט יעדען פריהד מארגען, מיט דער האפנונג אז דאס וועט פערלייכטערען די שמערץ פון זיין וואונד. עס קומען פון שלאס צוויי ערוואקסענע ריטערס און גורנעמאנז פרעגט זיך נאך אויף אמפארטאס'עס געזונד. הערענדיג זייער ניט גוטען ענטפער לאזט ער ארונטער זיין קאפ אין טרויער.

פלוצלונג פליהט אריין, ווילד געקליידעט, קוים האלטענדיג זיך אויף די פיס, א פרוי. דאס איז קונדרי. זיא לויפט צו צו גורנעמאנז'ן און דערלאנגענדיג איהם א קריסטאלענעם געפעס זאגט זיא: „היער נעהם דו — באלזאם!" גורנעמאנז פערשטעהט אז זיא האט געבראכט א רפואה פאר אמפארטאס. זייענדיג זעהר מיער פאלט זיא אנידער אויסגעשטרעקט אויף א שטיין דערביי. דיא אויפמערקזאמקייט פון דיא אנדערע ווערט אין דעם מאמענט געצויגען אין דער ריכטונג פון שלאס, פון וואנען מען טראגט דעם פערוואונדעטען אמפארטאס צום וואסער.

אמפארטאס ווערט געטראגען אויף א בעטיל, בעגלייטעט פון פיעלע ריטערס. גורנעמאנז דערלאנגט דעם קראנקען דיא נייע רפואה, פאר וועלכען ער ווערט בעדאנקט, אבוואהל דער קראנקער האט שוין פערלארען יעדע האפנונג געזונד צו ווערען. איין זאך קען איהם בעפרייען פון דיא שמערצען, און דאס איז דיא ערשיינונג פון א העלד, פון איינעם וואס זאל קענען צוריק קריגען דעם הייליגען שפיעז פון דעם זינדיגען קלינגזאר. דיזער העלד מוז אבער זיין פאלשטענדיג ריין פון זינד, א „ריינער נאר", איינער וואס איז אונשולדיג אין פולסטען זינן דאס ווארט, איינער וואס וועט אזוי געריהרט ווערען פון זיינע (אמפארטאס'עס) שמערצען, דאס ער וועט קענען ביישטעהן אלע נסיונות. אז אזא העלד וועט ערשיינען, אז אזא „ערלייזער" וועט קומען, איז ער זיכער. גורנעמאנז זעלבסט האט געהערט פון א געהיימניספאלע געטליכע שטימע, אז עס וועט קומען א „ריינער נאר", אונוויסענד פון דער וועלט'ס חטאים, וועלכער וועט אלעס ווידער אין ארדנונג ברענגען. דאס איז אבער א פראגע דער צוקונפט, און אמפארטאס

ליידעט דערווײלע אזוי שטארק, דאס ער ווינשט זיך בעסער דעם טויט. פון רעסטיוגען, קריגעטריג פון גורנעמאנז'ן דיא באלזאם וואס קונדרי האט געבראכט, קעהרט ער זיך אום צו איהר און בעדאנקט איהר. אבער דיא ווילדע פרוי, בעוועגענדיג זיך אונרוהיג אויפ'ן שטיין, ענטפערט גראב:

„ניכט דאנק! — הא, הא! וואס ווירד עס העלפען?
ניכט דאנק! פארט, פארט! צום באד!"

אמפארטאסווערט אבגעטראגען צום באד, אבער איינער פון דיא איבערגעבליעבענע ריטערס קעהרט זיך אום צו איהר מיט כעס און זאגט:

„העי, דו דא! —
וואס ליעגסט דו דארט וויא איין ווילדעס טהיער?"

דיא אנדערע יונגע לייט פאלען אויך אויף איהר ארויף מיט זידעל־ווערטער, רופענדיג איהר מכשפה און זאגענדיג זיי פערשטעהען גאר ניט וואס פאר א מין בריאה זיא איז, פון וואנען זיא קומט און וואס זיא וויל דא. אבער דער אלטער גורנעמאנז נעהמט זיך אן פאר איהר. ער זאגט דאס זיא איז א זינדיגע פרוי וועלכע וויל גערייניגט ווערען פון איהרע חטאים דורך גוטע טהאטען. דאס ברענגט איהם ארויף אויפ'ן זינען דיא חטאים וואס ווערען בעגאנגען אין קלינגזאר'ס שלאס, און דיא יונגע ריטער פרעגען איהם אויב ער האט געקענט קלינגזאר'ן. גורנעמאנז דערצעהלט דאן דיא גאנצע געשיכטע מיט קלינגזאר'ן און וויא ער האט זיך נוקם געוועזן אן אמפארטאס. ווען ער ענדיגט דערהערט זיך א טומעל צווישען דיא ריטערס ביים וואסער. עס דערהערט זיך דער גערויש פון א פייל פון בויגען. עס פאלט ארונטער אויף דער ערד א פערוואונדעטער שוואן. אלע ווערען ענטריסטעט, ווייל דער שוואן איז איינע פון דיא הייליגע חיות אין מאנסאלוואט. עטליכע ריטערס פיהרען אריין דעם וואס האט אויסגעשאסען דעם פייל פון בויגען, א הויכער, שטארק געבויטער יונגער מאן, כמעט אין גאנצען נאקעט, מיט אן אויסדרוק פון נארישע איבעראשונג אויפ'ן געזיכט. דאס איז קיין אנדערער וויא **פארסיפאל**. גורנע־

מאַנז פרעגט איהם וואָצו ער האָט עס געטהאָן, ווער ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט. אבער פון זיינע אַנטוואָרטען קען מען וועניג דערגעהן, און גורנעמאַנז הויבט אָן דענקען אַז ער איז פיעל־לייכט דער „רייגער נאַר“ וואָס ווייס נאָך ניט פון זינד, געשיקט פון גאָט אַלס דער נייער „ערלייזער“.

פּאַרסיפאַל ווערט אָבער אַרויסגעהאָלפען אין זיינע אַנט־וואָרטען פון קונדרי, וועלכע שיינט צו וויסען פיעל וועגען איהם. גורנעמאַנז דערגעהט פוןביידען דאָס פּאַרסיפאַל׳ס מוטער האָט געהייסען „ה ע ר ץ־ל י י ד ע“ און דאָס זיין פאָטער, וועלכער איז געפאַלען אין קאַמפף איידער זיין זוהן איז געבאָרען געוואָרען האָט געהייסען ג אַ מ ו ר ע ט. פּאַרסיפאַל געדענקט ווי אין איין שעהנעם טאָג האָט ער דערזעהן אַ סך שעהן געקליידעטע ריטערס פאָהרען אויף פערד און ער איז זיי נאָכגעלאָפען. ער האָט אויף דעם אופן פערלאָרען דעם וועג און האָט פערבלאָנדזשעט אַהער. קונדרי דערצעהלט איהם דאַן דאָס זיא האָט אין איהר אַרומ־וואַנדערען בעגעגענט זיין מוטער „הערץ־ליידע“ און זיא איז שוין יעצט טויט. דערהערענדיג דאָס ווערט פּאַרסיפאַל געוואַלדיג אויפגערעגט און וואַרפט זיך אַרויף אויף איהר, שטיקענדיג איהר אַרום האַלז. אבער גורנעמאַנז רייסט איהם אָב פון איהר און ווערט יעצט מעהר איבערצייגט אַז פּאַרסיפאַל איז אַ „רייגער נאַר“, אַ זינדלאָזער נאַר, אַן אונוויסענדער נאַר, און ער לאַדעט איהם איין צו געהן מיט איהם אין טעמפעל, בייצואוואָהנען דיא שרעקליכע ליידען פון אַמפאָרטאַס, מיט דער האָפנונג פיעלייכט וועט זיין האַרץ גערידהרט ווערען און ער וועט ווערען גאָט׳ס ערוועהלטער עציזיג פיר דיא „ערלייזונג“ פון אַלע ליידענדע.

קונדרי ווערט אונטערהדעסען אָנגעכאַפּט פון דעם שלאָף וואָס פערענדערט פון צייט צו צייט איהר פערזענליכקייט. זיא פיהלט קלינגזאָר׳ס טייפעלשען צויבער אויף זיך און זיא פאַלט אַנידער נאָך אַ שווערען קאַמפף מיט זיך אַליין אין אַ דערביי׳איגער קוסט. אַמפאָרטאַס ווערט צוריקגעטראָגען פון זיינע טרייע ריטערס און

גורנעמאַנז פיהרט זיין בעגלייטער, פּאַרסיפאַל, צו דעם טעמפּעל וואו דער גראל געפינט זיך.

(פערוואנדלונג)

לאַנגזאַם פערענדערט זיך יעצט דיא סצענע. עס זעהט זיך וויא גורנעמאַנז פיהרט דעם יונגען פּאַרסיפאַל, פאַרבייגעהענדיג גרויסע בערג, פעלדער, וועלדער און טהאָלען. פאַר דיא אויגען פון דיא צושויער וויקעלט זיך פונאַנדער אַן איינדרוקספאָלע פּאַנאָ־ראַמאַ. דיא צוויי געהן ענדליך אַריין דורך אַ טהיר וועלכע פיהרט אין אַן אונטעראַירדישען קעלער, קלעטערנדיג אויף טרעפּ אַלץ העכער און העכער; און וואָס ווייטער זיי געהען אַלץ נעהנטער הערט זיך דער קלינגען פון גלאָקען. מיט אַ מאָל געפינען זיי זיך אין אַ גרויסען זאַאל, מיט אַ וואונדערבאַרען „קאָלפּאַק" אין סענטער, מיט גרויסע מאַרמאָרנע זיילען אַרום און אַרום. דער קלאַנג פון דיא גלאָקען שיינט צו קומען פון אויבען. פּאַרסיפאַל איז בעצווי־בערט, ער ווערט וויא צוגעשמידט צו דעם פּלאַץ, און ווען גורנע־מאַנז לאַדעט איהם איין צו געהן זעצען זיך ביי אַ טיש הערט ער ניט און בעוועגט זיך ניט.

דורך טהירען אין הינטערגרונד, רעכטס און לינקס, קומען יעצט אַריין ריטערס אין צוויי לאַנגע רייהען און שטעלען זיך אויס אַרום אַ טיש, אויף וועלכען עס געפינט זיך אַ בעכער פאַר יעדען איינעם. עס ווערט אַריינגעטראָגען אויף זיין בעטיל אַמפאָרטאַס, ליידענדיג שרעקליך פון זיין וואונד. ער ווערט מיט שוועריגקייט אוועק־געזעצט אויף זיין טהראָן. צוויי ריטערס טראָגען עפּעס אַ פער־דעקטע זאַך און שטעלען עס אוועק אויף אַן אַלטאַר, וועלכער געפינט זיך ביים טהראָן; און פון ערגיץ אין דער הויך, אַזוי וויא צו־וואָרפען אין פערשיעדענע גאַלעריען, הערען זיך יעצט שטימען פון יונגע מענער און יונגע קינדער, זינגענדיג אַזוי זאַנפט, אַזוי געהיימניספאָל, אַזוי זיס, דאָס דיא גאַנצע סצענע מאַכט אַ שטאַרק רעליגיעזען איינדרוק אויף יעדען איינעם. דיא ריטערס זיינען יעצט אויף זייערע קניע. אַמפאָרטאַס גראָבט איין זיין קאָפּ אין זיינע הענד אויפ'ן אַלטאַר. עס הערשט אַ קורצע ווײַלע אַ הייליגע

שטילקייט, וועלכע ווערט אונטערבראכען פון טיטורעל'ס שטימע, קומענדיג וויא פון א קבר:

„מיין זוהן אמפארטאס, ביזט דו אם אמט?
(קיין ענטפער)
זאל איך דען גראל הײנט נאך ערשאוען אונד לעבען?
(קיין ענטפער)
מוז איך שטערבען, פאם רעטער אונגעלייטעד!"

אמפארטאס ברעכט אויס אין שמערצפאלע פערצווייפלונג, ברעכענדיג דיא הענד:

„וועהע! וועהע מיר דער קוואל! —
מיין פאטער, אה! נאך איינמאל
פעררינכטע דו דאס אמט!
לעבע! לעב אונד לאס מיך שטערבען!"

טיטורעל ענטפערט אז ער איז צו שוואך און ער פאדערט אויף זיין זוהן אויסצוקויפען זיך פון זינד דורך דיענען גאט. „דעק אויף דעם גראל!" בעפעהלט ער. דיא יונגע ריטערס מאכען א בעוועגונג דעם גראל אויפצודעקען, אבער אמפארטאס האלט זיי אפ. ער פיהלט זיך שולדיג, געזינדיגט, און ער ליידעט שרעקליך פון דער וואונד. ער בעט גאט צו פערגעבען איהם און צו לאזען איהם שטארבען:

„ערבארמען, אך, ערבארמען!
אל-ערבארמער, אך! ערבארמען!
נים מיר מיין ערבע,
שליסע דיא וואונדע,
דאס היילינג איך שטערבע,
ריין דיר געזונדע!"

טיטורעל בעפעהלט אבער עטליכע מאל, אז דער גראל זאל אויפגעדעקט ווערען. אמפארטאס הויבט זיך ענדליך אויף, דיא יונגע ריטערס דעקען אויף דיא זאך וואס זיי האבען פריהער אוועקגעשטעלט אויפ'ן אלטאר. עס זעהט זיך אן אלטערטהימליכער קריסטאלענער בעכער. פון אויבען הערט זיך ווידער דער זינגען

פון דיא קנאבען. אמפארטאס איז פערטיעפט אין שטילען געבעט. א פינסטערניס הילט איין דעם גאנצען טעמפעל.

פלוצלונג גיט א שאס ארונטער פון אויבען א בלענדענדער ליכט־שטראהל און בעלייכטעט דעם גראל, וועלכער גלאנצט יעצט מיט אן אימער פערשטארקערטער רויטקייט. אמפארטאס הויבט אויף דעם גראל אין דער הויך און צייגט עס אויף אלע זייטען. דערנאך שטעלט ער עס אוועק צוריק און עס ווערט ווידער דונקעל. יעצט זיינען שוין אלע בעכערס אויפ'ן טיש פול מיט וויין, און ביי יעדען בעכער ליעגט א ברויט'ל. אלע זעצען זיך אוועק עסען און טרינקען. אלע ווערען יעצט לוסטיגער. ביים ענדע פון דיא צערעמאניעס הויבען זיך אויף אלע ריטערס, נעהמען זיך ארום איינע דיא אנדערע אמת ברידערליך און צוגעהן זיך. דער גראל ווערט אוועק גענומען, אמפארטאס ווערט אפגעטראגען אויף זיין בעטיל, און פארסיפאל שטעהט ווייא מאגנעטיזירט פון דעם וואס ער האט געזעהן און געהערט. דיא ליידען פון אמפאר־טאס האבען אויף איהם א שטארע ווירקונג געמאכט און ער האט יעצט אנגעהויבען בעגרייפען וואס איז ווינד. דאך, אויפ'ן געזיכט איז דאס ביי איהם ניט אויסגעדריקט, און ווען גורנעמאנז געהט צו איהם צו און פרעגט:

„וואס שטעהסט דו נאך דא?

ווייסט דו וואס דו זעהסט?“

וויים פארסיפאל ניט וואס צו ענפערן און ער שאקעלט לייכט מיט זיין קאפ. דאס מאכט גורנעמאנז'ן שטארק ענטוישט. דער אלטער ריטער פערשטעהט ניט, אז דיא ליידען פון אמפארטאס האבען פארסיפאל'ן שטארק גערירט, און ער שטופט איהם ארויס פון פלאץ ניט זעהר העפליך, זאגענדיג איהם אז ער זאל געהן זיין וועג און ווארנענדיג איהם אז ער זאל ווייטער ניט שיסען קיין שוואנען.

צווייטער אקט

אין דעם ערשטען טהייל פון צווייטען אקט זעהט זיך קלינגזאר'ס שלאס, איינגעהילט אין א געהיימניספאלע פינסטערניס. קלינגזאר זעלבסט שטעהט אויף א באלקאן און קוקט זיך איין וויא

פארסיפאל ווערט אלץ נעהנטער צוגעצויגען פון זיין כשוף צום שלאס. דער דורכגעטריעבענער מכשף פערשטעהט אז דער „ריינער נאר“, וועלכער איז פון גורנעמאנז׳ן ארויסגעטריעבען געווארען פון מאנסאלוואט, איז דער ערוועהלטער פון גאט צו הערשען אויף אמפארטאס׳עס פלאטץ, און ער איז דארום ביי זיך בעשלאסען צו פערנארען איהם אין זיין שלאס אזוי וויא ער האט געטהאן מיט אמפארטאס. אבער פאר זיין צוועק איז ווייעדער נויטיג קונדרי, אויף וועמען ער האט ארויפגעווארפען א מאגנעטישען שלאף, וויא מיר האבען שוין געזעהן ביים ענדע פון ערשטען אקט.

דער שווארץ־קונצען־מאכער נעהמט זיך צו דער ארבייט פון צוטרייטען קונדרי פאר איהר שווערער אויפגאבע. ער ברענט געווירסע הערבען, וועלכע גיבען פון זיך ארויס א דיקען רויך. אין מיטען פון דיזען רויך ווייזט זיך אלץ דייטליכער דיא פארמע פון ־ער היפנאטיזירטער קונדרי.

קלינגזאר האט הומאר אין זיך. ער לאכט פון קונדרי וואס יא איז אזוי איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען צו דיא ריטערס פון מאנסאלוואט יעדען מאל וואס ער בעפרייט איהר פון זיין כשוף׳דיגען איינפלוס, און ער פערגעסט איהר אויך ניט צו דער־ מאנען אויף דיא טהייערע שטיקעל ארבייט וואס זיא האט איהם אפגעטהאן ווען זיא האט אמפארטאס׳ן געמאכט זינדיגען. דאס ־ופט ארויס ביי קונדרי׳ן שמערצליכע געדאנקען און געפיהלען, און יא קרעכצט וויא איינע וואס איז האלב בעוואוסטלאז. קלינגזאר אגט איהר אז היינט וועט זיא פאר איהם מוזען אפטהאן נאך א ־הר וויכטיגע ארבייט — צו בערויבען דיא אונשולד פון א נייעם ־נגען מאן. קונדרי, קעמפפענדיג מיט זיך, זאגט אין צובראכענע ־ערטער, דאס זיא וויל מעהר דעם טייפעל ניט דיענען. אבער ־לינגזאר האט דיא מאכט איבער איהר און מיט איהר כאראקטע־ ־יסטישען ווילדען געלעכטער פערשווינדט זיא צו ערפילען זיין בעפעהל. קלינגזאר, בלייבענדיג אליין, זעהט פון וויטען וויא פארסיפאל קומט אלץ נעהנטער, וויא ער קעמפפט מיט אלע וואס

שטעהן איהם אין וועג און זיעגט איבער יעדען. אבער דער בעל מכשף לאכט פון דעם „קינדערשען העלד" און פערשווינדעט.

(פערוואנדלונג)

קלינגזאר פערזינקט לאנגזאם מיט'ן גאנצען שלאס און אויפ'ן פלאץ בעוויזט זיך אן אמת'ער גן עדן, מיט אלערליי טראפישע פפלאנצונגען, מיט דיעם שעהנסטען אויסוואהל פון זעלטענע בלומען. אין הינטערגרונד זעהן זיך דיקע שטיינערנע וועגד וואס ריגגלען ארום דעם גארטען, געבויט נאך אראבישען סטיל, און אויף דער וואנד אין מיטען שטעהט פארסיפאל, קוקענדיג אויפ'ן גארטען מיט ערשטוינונג, ניט גלויבענדיג זיינע אייגענע אויגען אז ער זעהט דאס ווירקליך. עס לויפען אריין פון אלע זייטען שעהנע מיידלעך, לייכט געקליידעט, און מיט מוזיקאלישע שטימען דריקען זיי אויס זייער פערוואונדערונג איבער דיא חוצפה פון דעם פרעמדען, דעם רוהע־שטערער, דעם יונגען מאן וואס האט זיך אריינגע'גנב'עט צו זיי. צוערשט שילטען זיי איהם, דערנאך ווען זיי זעהן דאס ער מיינט זיי ניט קיין שלעכטס צו טהאן קאקעטירען זיי מיט איהם. מאנכע רייסען איהם אויף איין זייט, אנדערע אויף אן אנדער זייט, צוטומלענדיג דעם יונגען מאן אזוי, אז ער ווייס ניט אויף וואס פאר א וועלט ער געפינט זיך. אבער זיי קענען איהם ניט ריהרען; ער שטויסט זיי אפ פון זיך; און ענדליך ווען ער וויל גאר אין גאנצען אנטלויפען פון זיי דערהערט ער א שטימע איהם רופעןביים נאמען: „פ א ר ס י פ א ל".

אה, זיין מאמע פלעגט איהם אזוי רופען, און דער „אונשולדי־גער נאר" קעהרט זיך אום אין דער ריכטונג פון וואנען דיא שטימע האט זיך געהערט. דיא רייצענדע מיידלעך פערשווינדען און פאר זיינע אויגען וויקעלט זיך פונאנדער א סצענע פון פאנטאסטישען צויבער. עס נעהמען זיך פונאנדער עטליכע געדיכטע צווייגען און בעווייזען וויא אויף א בעט פון בלומען ליעגט א האלב־נאקעטע פרוי פון בעזאנדערע געטליכע שעהנהייט. זיא שמייכעלט צו איהם און הייסט איהם צוקומען נעהענטער.

דיא פרוי איז קונדרי. זיא איז שוין יעצט פאלשטענדיג

אונטער קלינגזאר'ס איינפלוס. זיא וועגדעט אן איהר גאנצע קראפט איהם צו פערפיהרען. זיא דערמאהנט איהם צוערשט אויף זיין מוטער, און דאס רופט ביי איהם ארויס געוויסענביסע פאר דעם וואס ער האט איהר געלאזט שטארבען אין עלענד. קונדרי טרייסט איהם און זאגט איהם אז נור איהר ליעבע קען איהם אויס־היילען זיינע געוויסענסביסע. זיא קומט צו אלץ נעהענטער ביז זיא אומארעמט איהם און דריקט אויף זיינע ליפען א פייערדיגען, ליידענשאפטליכען קוש. אבער דער קוש וועקט איהם ערשט אויף צו דער ווירקליכקייט; ער דערמאנט זיך יעצט אויף דיא שמערצען פון אמפארטאס, אויף דער שאנדע פון זינד; און טראץ דיא קושען מיט וועלכע דיא ליידענשאפטליך רייצענדע קונדרי באדעקט זיין געזיכט רייסט ער זיך ארויס פון איהרע ארעמס. ניין, ער לאזט זיך נים איינרעדען. פארקעהרט! ער רעדט יעצט אין דער זינדיגער אז זיא זאל מיט איהם געהן אהין וואו איהרע זינד וועלען אפגעוואשען ווערען, וואו איהר שענדליכע פערגאנגענהייט וועט אפגעמעקט ווערען, וואו איהר תאוה'דיגער לעבען וועט פערגעסען ווערען. צווישען ביידע ענטוויקעלט זיך א שטארקער קאמפף. קונדרי, וועהענדיג אז מיט גוטען וועט זיא גאר נים מאכען, פערשילט איהם אז ער זאל מעהר נים קענען צוריק געפינען דעם גראל־טעמפעל, און רופט נאך הילפע.

אויף קונדרי'ס געשרייען פליהט אריין קלינגזאר מיט אמפאר־טאס'עס שפיעז אין זיינע הענד. דעם שפיעז גיט ער א ווארף אויף פארסיפאל, אבער — א נס געשעהט! דיא הייליגע וואפע בלייבט הענגען אין דער לופטען איבער פארסיפאל'ס קאפ. פארסיפאל שטרעקט אוים זיין האנד, כאפט אן דעם שפיעז און מאכט א צייכען פון א קרייץ אין דער לופטען. דער גאנצער כשוף פון קלינגזאר ווערט דערמיט געבראכען. מיט א קראך פאלט איין דער שלאס מיט'ן גארטען. דער פלאץ ווערט א וויסטעניש. דיא צויבער־מיידלעך ליעגען אויף דער ערד וויא פערדארטע בלעטער פון בוימער. פארסיפאל שטעהט אויפ'ן מיטען וואסד

וועלכער איז געבליבען גאנץ, און איידער ער געהט אפ זאגט ער צו קונדרי, וועלכע ליעגט האלב בעוואוסטלאז אויף דער ערד:

„דו ווייסט —

וואו איינציג דו מיך ווידער־זעהסט“.

דריטער אקט

ווידער מאנסאלוואט. עס איז פריהלינג. אן הער זייט שטעהט גורנעמאנז'עס שטיבעל. דער אלטער ריטער איז יעצט פיעל עלטער געווארען, און ער הערט ניט אויף צו בעדויערן דיא איבער־קעהרעניש וואס איז געווארען אין מאנסאלוואט זייט אמפארטאס איז געפאלען א קרבן פון קלינגזאר'ס כשוף.

עס איז טאג. עס הערט זיך עפעס א קרעכצען און גורנעמאנז קומט ארויס זעהן וואס דאס איז. ער הערט זיך איין. דער קרעכצען קומט פון א געוויסען פלאץ צווישען געדיכטע ביימער. ער קומט צו צו דעם ארט, נעהמט פונאנדער דיא צווייגען און דערזעהט דארט ליעגען קונדרי, שטייף וויא א שטיין. ער נעהמט איהר ארויס פון דארט, לעגט איהר אוועק אויפ'ן גראז, באנעצט איהר געזיכט מיט וואסער און מינטערט איהר. זיא עפענט דיא אויגען, בליקט א ווייל־ע אויפ'ן אלטען, הויבט זיך דערנאך אויף, מאכט צורעכט איהרע האאר און ביסעל קליידונג, און הויבט אן טהאן ארבייט וויא א דיענסט, ניט זאגענדיג א ווארט. דעם אלטען ריטער פער־דריסט עס אביסעל וואס זיא האט איהם אפילו קיין דאנק ניט געזאגט און ער מאכט איהר אויפמערקזאם אויף דעם, אבער קונדרי בייגט איין איהר קאפ און זאגט מיט האלב געבראכענע ווערטער:

„דיענען.... דיענען! —“

גורנעמאנז שאקעלט מיט'ן קאפ, זאגענדיג איהר אז זיא וועט דא ווייניג האבען צו טהאן. אבער קונדרי טהוט זיך איהריגעס. זיא טראגט ארויס פון שטיבעל א וואסער־קרוג און געהט צום טייך. קוקענדיג אין דער ריכטונג פון וואלד זעהט זיא עס געהט אימיצער. זיא מאכט א צייכען צו גורנעמאנז'ן.

עס קומט אריין פארסיפאל, געקליידעט אין א שווארצען פאנ־

ציער מיט א געשלאָסענעם העלמעט אויפ׳ן קאָפּ, טראָגענדיג א שפּיעז אין האַנד.

גורנעמאַנז בעגריסט דעם גאַסט, ניט וויסענדיג ווער ער איז. ער ערקלעהרט איהם דאָס ער געפינט זיך אויף א היילינען באָדען, וואו עס איז ניט רעכט ארומצוגעהן בעוואפענט. א חוץ דעם דער־מאָנט ער איהם דאָס דיזער טאָג איז א בעזאָנדערס היילינער; עס איז „היילינער פרייטאג". *)

דערהערענדיג דאָס נעהמט פּאַרסיפאַל ארונטער זיין העלמעט און זיינע פּאַנציער קליידער. גורנעמאַנז, וועלכער האָט בעאָבאַכ־טעד יעדען קעהר פון דעם פרעמדען, דערקענט איהם יעצט, אָב־וואָהל פּאַרסיפאַל האָט זיך אויך פערעלטערט זייט ער איז צוערשט געוועזען אין מאָנסאַלוואַט. דאָס געזיכט פון דעם אַלטען ריטער ווערט ליכטיג פון פרייד, ווען ער דערקענט דעם שפּיעז פון אמ־פאָרטאַס. קונדרי קעהרט אָפּ איהר קאָפּ פון פּאַרסיפאַל, וועלכער שטעהט פערטיעפט און באַמערקט ניט וואָס עס טהוט זיך ארום איהם.

גורנעמאַנז דערצעהלט דאַן וויא מיט יעדען יאָהר זייט ער, פּאַרסיפאַל, איז אין מאָנסאַלוואַט פערבלאָנדזשעט געוואָרען, האָט זיך אַלעס געענדערט צום ערגסטען. אמפאָרטאַס, אום אַן ענדע צו מאַכען פון זיין שמערצליכען עקזיסטענץ, ענטזאַגט זיך אויפצו־דעקען דעם ג ר א ל און פערטהיילט ניט מעהר דיא געטליכע שפּייז צווישען דיא ריטערס. דאָס האָט אַזוי געקריינקט דעם אַלטען און נאָבעלען טיטורעל דאָס ער איז ערשט געשטאָרבען — א קרבן פון זיין זוהן׳ס שוואַכקייט.

אויף פּאַרסיפאַל מאַכען גורנעמאַנז׳ס ווערטער א שטאַרקען איינדרוק. ער פיהלט זיך זעהר שלעכט און קען זיך קוים האַלטען אויף זיינע פיס. גורנעמאַנז זעצט איהם אוועק נאָהענט פון א קוואַל, וואַשט איהם ארום און זאָגט איהם, אז ער וועט באַלד גע־

---

*) וואָס מען רופט אין ענגליש „גוד פריידעי" און אין דייטש „קאַרפרייטאַג". — וו. ע.

זאָלבט ווערען קעניג און פּריעסטער פון מאָנסאַלוואַט. קונדרי וואַשט אַרום דעם העלד'ס פיס און ווישט זיי דערנאָך אַרום מיט איהרע לאַנגע שוואַרצע האָאר. פּאַרסיפאַל בּעשפּרעהט אַז ער וועט נאָך היינט דאַרפען איבערנעהמען אמפּאָרטאַס'עס אמט אין ער בעט דעם אַלטען ריטער איהם גלייך צו זאַלבּען. זיין וואונש ווערט ער־פילט און גורנעמאַנז ערקלעהרט איהם אַלס דעם ערוועהלטען פון גאָט, אַלס דער זינדלאָזער וועמעס האַרץ איז גערוהרט געוואָרען פון אַן אַנדערן'ס חטא, אַלס דער נייער „ערלייזער“. דער ערשטער טהאַט פון פּאַרסיפאַל אַלס געזאַלבטער איז צו פאַרגעבען קונדרי'ן איהרע זינד, און זיא, פיהלענדיג זיך אונטער געטליכען שוץ, פאַלט צו דער ערד וועלכע זיא בענעצט מיט איהרע טרעהרען פון דאַנק־באַרקייט און פרייד.

פון דער וויטען הערט זיך דער קלינגען פון גלאָקען. דאַס ווערן צוזאַמענגערופען אַלע איינוואָהנער פון מאָנסאַלוואַט צו דער בעערדיגונג פון דעם פערשטאָרבענעם טיטורעל. גורנעמאַנז וואַרפט אַרויף אויף פּאַרסיפאַל אַ מאַנטעל פון דעם אָרדען פון מאָנסאַלוואַט. דער נייער „ערלייזער“ נעהמט דעם שפּיעז אין זיינע הענד. קונדרי הויבט זיך אויף פון דער ערד. אַלע דריי געהן אָפּ צום טעמפּיל.

(פערוואַנדלונג)

יעצט זעהט זיך ווידער דיא מערקווירדיגע פּאַנאָראַמאַ פון וועלדער, פעלדער, בערג און טהאָלען, ביז דיא דריי פערשווינדען אין אַן אונטעראירדישען קעלער.

דער זעלבער זאַל וואָס אין דער צווייטער סצענע פון ערשטען אַקט. דיא טהירען פון ביידע זייטען אין הינטערגרונד עפנען זיך; פון איין זייט ווערט געטראָגען דער פערשטאָרבענער טיטורעל אין אַן אַרון, פון דער צווייטער זייט ווערט געטראָגען דער ליי־דענדער אמפּאָרטאַס אויף זיין בעטיל. דער אַרון ווערט אוועק־געשטעלט נעבענאיבער דעם טהראָן אויף וועלכען אמפּאָרטאַס ווערט אויסגעזעצט. דער ג ר אַ ל ווערט אַריינגעטראָגען און אוועק גע־שטעלט אויף'ן אַלטאַר.

מיט גרויס שמערץ הויבט זיך אויף אמפאָרטאַס, בעט בע־גנאַדיגונג פון זיין פאָטער, טיטורעל, פערלאַנגט אז ער זאָל אויף איהם רחמנות האָבען און ניט צווינגען איהם אויפצודעקען דעם ג ר א ל, וואָס דאָס פערשטאַרקערט טויזענד־פאַך זיינע שמערצען. איהם איז ליבערשט דער טוידט; יאָ, דער טוידט; ער וועט ליע־בערשט שטאַרבען דורכגעלעכערט פון דיא שווערדען פון דיא רי־טערס, וועלכע פאָדערן דורכאויס אז ער זאָל דעם הייליגען בעכער אויפדעקען און זיי געבען דיא געטליכע שפּייז. אין גרויס אויפרע־גונג רייסט ער אויף זיין מאַנטעל און ווייזט פאר אלעמען דיא שוידערהאַפטע בלוטיגע וואונד אין ברוסט. אלע קעהרען אָפּ דיא קאָפּ אין שרעק. אָבער עס קומט יעצט אריין אונבעמערקט פּאַר־סיפאַל, בעגלייטעד פון גורנעמאַנז און קונדרי. דער נייער גע־זאַלבטער געהט גלייך צו צו אמפאָרטאַס׳ן און מיט׳ן שפּיץ ריהרט ער אָן דיא וואונד. דאָס ערוואַרטעטע איז געשעהן! אמפאָרטאַס פאַלט אריין אין דיא אָרעמס פון גורנעמאַנז בעפרייט פון זיינע ליידען, וועהרענד פּאַרסיפאַל שטייגט ארויף אויף׳ן טהראָן און, נאָכדעם וויא ער ערקלעהרט זיך הערשער פון מאָנסאַלוואַט, דעקט ער אויף דעם גראַל.

אלע קוקען יעצט אויף דעם נייעם „ערלייזער" מיט דער העכ־סטער התלהבות. דער זעלבער בלענדענדער ליכט־שטראַהל ער־גליהט דעם הייליגען בעכער און בעלייכטעד אלע אָנוועזענדע. דער פערשטאָרבענער טיטורעל ווערט אויף דעם מאָמענט ניי־בעלעבט, און ער הויבט זיך אויף אין דעם ארון. פון אויבען פליהט ארונ־טער א ווייסע טויב, וועלכע שוועבט איבער׳ן קאָפּ פון פּאַרסיפאַל, אויף וועמען קוקענדיג קונדרי זינקט לאַנגזאַם צו דער ערד און שטאַרבט... אלע זינגען:

„העכסטען היילעס וואונדער:
ערלייזונג דעם ערלייזער!"

און דער פאָרהאַנג פאַלט.

דערמיט ענדיגט זיך דיא האנדלונג פון דיזער רעליגיעזער אָפּערא, אויב מען קען עס אָנרופען אָפּערא. אז עס איז ניט קיין

געוואהנליכע קונסטווערק קען יעדער זעלבסט פערשטעהן. קיינ־מאל בעפאר איז עהנליכעס צו דעם בעשאפען געווארען — ניט אין רייכקייט פון דער טהעמא, ניט אין זיסקייט פון דער מוזיק און ניט אין דיא ארטיסטישע ארט און וויזע, היא ס י מ ע ט ר י ע, דיא הארמאניע פון דיא פערשיעדענע טהיילען, אין וועלכען עס איז דורכגעפיהרט. נור א מייסטערהאנד ערשטער ראנגע, נור א זשעני פון אונשטערבליכע גרויסקייט האט געקענט געבען דער וועלט אזא מתנה וויא „פארסיפאל“.

דיא מוזיק פון „פארסיפאל“ איז פון אנפאנג ביז ענדע וויא „אויסגעגאסען פון איין שטיק“. דיא מוזיקאלישע פראזען זיינען לאנגע, אויסגעצויגענע, און גיסען זיך אריין איינע אין דיא אנדערע אזוי שעהן, אזוי גלאט, אזוי נאטירליך, דאס דיא אויפמערקזאמקייט פון דיא צושויער ווערט אויף א מאמענט ניט אפגעצויגען פון דיא א י י נ ה י י ט פון דעם מוזיקאלישען און דראמאטישען געבוי.

פון דעם ערשטען טאן וואס עס הערט זיך, ווען דער „פאר־שפיעל“ ווערט געשפיעלט, ווערט דיא מענשליכע פאנטאזיע אריינגעצויגען אין א גאנץ אנדער אטמאספערע. ניטא קיין באמבאסטי־שע אויסדריקע פון דעם ארקעסטער, ניטא קיין טרילענדע אריאס, ניטא קיינע פון דיא מוזיקאלישע קונצען וואס מען איז געוואהנט צו הערן אין מאנכע אפעראס. אלעס ווערט דורכגעפיהרט אזוי שטיל, אזוי געלאסען, אזוי זאנפט, אזוי געהיימניספאל, אזוי בעצויבערענד, דאס ביים ענדע פון דיא דריי לאנגע אקטען ערוואכט מען וויא פון א זיסען טרוים.

דיא רעליגיעזע אידעע וואס איז דראמאטיש און מוזיקאליש אויסגעארבייט אין „פארסיפאל“ איז געווען וואגנער׳ס טרוים זייט 1852. דאמאלס נאך, ווען ער איז נאך ניט אנערקענט געווארען פאר דעם גרויסען זשעני וואס ער איז אין דערווירקליכקייט גע־ווען, האט ער געפלאנט צו שרייבען אן אפערא וואס זאל הייסען „ישוע הנוצרי“ („יעזוס פאן נאזארין“). דיזע אידעע האט ער אבער ערשט פערווירקליכט פיעל שפעטער אין לעבען, און צוואר אין אן אנדער פארמע וויא ער האט עס צוערשט געפלאנעוועט. נא־

טירליך, יעדער איינער קען זיך אָנשטויסען אז אין „פּאַרסיפאַל“ האָט וואַגנער געשילדערט דעם קאַמפּף צווישען קריסטענטהום און געטצען־דינעריי — פּאַרסיפאַל זייענדיג דער סימבאָלישער פערטרעטער פון קריסטענטהום, קלינגזאָר פון געטצען־דינעריי, און קונדרי פון דיא זינדיגע מאַסען. עס איז געווען אין 1879 דאָס „פּאַרסיפאַל“ איז אין גאַנצען פערטיג געוואָרען, און ערשט אין יולי, 1882, איז דיזע לעצטע מייסטערווערק פון דעם אונשטערבליכען מייסטער פאר דעם ערשטען מאָל אויפגעפיהרט געוואָרען אין בעירוט, דייטשלאַנד, אונטער די דיריגענטסטוואָ פון דעם בעוואוסטען אידישען מוזיקער הערמאַן ליווי. זיעבען חדשים שפּעטער איז שוין דאָס וואָס איז געווען שטערבליך אין ריכאַרד וואַגנער אָפּגעשטאָרבען.

דיא איראָניע פון דעם שיקזאַל! וואַגנער איז אין פּעברואַר 1883 געשטאָרבען אין ווענעציא, איטאַליען — אין דאָס לאַנד וואו דיא מוזיק איז פונקט פערקעהרט פון דעם וואָס ער האָט געשטרעבט צו בעשאַפען. מיט גרויס עהרע איז דיא לייכע פון דעם אונשטערבליכען געבראַכט געוואָרען נאָך בעירוט, דייטשלאַנד.

DON GIOVANNI — Mozart

דאָן זשואַן

פון וואָלפגאַנג אַמאַדעאוס מאָצאַרט

פערזאָנען:

דאָן אָקטאַוויאָ — טענאָר; מאַסעטאָ — טענאָר; דאָן זשואַן — באַריטאָן; לעפּאָרעלאָ — באַס; דאָן פעדראָ — באַס; דאָננאָ אַננאַ — סאָפּראַנאָ; דאָנאַ עלווירא — סאָפּראַנאָ; זערלינאַ — סאָפּראַנאָ.

איינע פון די גאָר אַלטע אָפּעראַס וועלכע האָט נאָך עד היום אזא גרויסען ערפאָלג וויא פיעלע פון דיא גאָר בעסטע נייע איז „דאָן זשואָן“, פון וואָלפגאַנג אמאַדעאוס מאָצאַרט.

„דאָן זשואַן“ איז מעהר וויא א גוטע אָפּערא, אזוי וויא איהר קאָמפּאָזיטאָר איז מעהר וויא א גרויסער מוזיקאַלישער מייסטער; פיעל מעהר! „דאָן זשואַן“ איז אַ קלאַסישע ווערק וואָס האָט צו זיך ניט קיין גלייכען אין דיא מוזיקאַלישע ווערקע אין אָפּערא פאָרמע וואָס זיינען בעשאַפען געוואָרען אין דעם ערשטען העלפט פון 19טען יאהרהונדערט, און מאָצאַרט איז אָהן צווייפעל דער גרעסטער זשעני וואָס איז פערשריעבען אין דעם מוזיקאַלישען בוך פון אונשטערבליכע נעמען, מיט דער אויסנאהמע פיעלייכט פון צוויי אָדער דריי.

און נאָך אַ מאָל איז דאָ נויטיג צו זאָגען, אז מאָצאַרט איז געוועזן מעהר וויא א גרויסער קאָמפּאָזיטאָר — ער איז געוועזן א וואונדערבאַרע ערשיינונג אויף דעם פעלד פון דער מוזיק קונסט.

אין די 35 יאהר וואָס ער האָט געלעבט האָט ער אויפגעטהאָן, אין קוואַנטיטעט און אין קוואַליטעט, אזוי פיעל אויב ניט מעהר וויא די גרעסטע קאָמפּאָזיטאָרס וואָס האָבען געלעבט צוויי מאָל 35. ער האָט אָנגעפאַנגען זיין מוזיקאַלישע טהעטיגקייט ווען ער איז אַלט געוועזן 3 יאָהר, און פאר כמעט גאַנצע 32 יאָהר פון זיין קורצען לעבען איז ער געוועזן בעוואונדערט, בעריהמט, בעליעבט און פערגעטערט.

דאָס קלינגט אונגלויבליך, איבערטריבען; אָבער דאָס איז א טהאַטזאַכע. א דאַנק זיין מוזיקאַלישען פאָטער האָט מאָצאַרט שוין צו זיין פינפטען יאָהר געשריעבען נאָטען פאַר'ן פיאַנאָ. צו זיין זעקסטען יאָהר איז ער אין דער בעגלייטונג פון זיין פאָטער און זיין עלטערע שוועסטער ארויסגעפאָהרען פון זיין געבורטס־שטאָדט, זאַלצבורג, דייטשלאַנד, צו געבען קאָנצערטען איבער דיא גרעסטע שטעדט פון אייראָפּא און האָט אָפט געשפּיעלט אויף'ן פידעל און אויף'ן פיאַנאָ זיינע אייגענע קאָמפּאָזיציאָנען. צו זיין 14־טען יאָהר האָט ער שוין אין מילאַן, איטאַליען, אויפגעפיהרט אן אָפּערא („מ י ט ר י ד י ט“), אָבער ערשט צו זיין 30־טען יאָהר האָט ער פערטיג געמאַכט אן אָפּערא'טישע קונסטווערק וואָס האָט איהם אויף דיזען בעזאָנדערען פעלד געגעבען א גרויסען נאָמען. דאָס איז געוועזן דאַן ווען זיין „ל ע נ אָ צ ע ד ע פ י ג אַ ר אָ“ („דיא חתונה פון פיגאַראָ“) איז בעשאַפען געוואָרן. א יאָהר שפּעטער האָט ער זיין אָפּערא'טישע קאַריערע רייכער געמאַכט מיט „דאָן זשואַן“ און עטליכע יאָהר נאָכדעם מיט זיין „צייבער־פלייט“. דיעזע דריי אָפּעראָס זיינען זיינע דריי גרעסטע. ער האָט אויך געשריעבען 41 סימפאָניס, א חוץ אַנדערע קאָמפּאָזיציאָנען פאַר'ן אָרקעסטער; ווייטער האָט ער דער וועלט איבערגעלאָזען מאַסען קאָמפּאָזיציאָנען פאַר'ן פיעדעל און פיאַנאָ, פאַר'ן אָרגאָן און פאַר דער מענשליכער שטימע — צוזאַמען איבער 600 קאָמפּאָזיציאָנען. און געלעבט האָט ער נור פון דעם 27טען יאַנואַר 1756 ביז דעם 5טען דעצעמבער 1791, ניט מעהר וויא 35 יאָהר און 11 חדשים!

מען דאַרף ניט דענקען דאָס אַלעס איז מאָצאַרט'ן געגאַנגען

גלאַט אין לעבען. וויא גינסטיג עס זיינען געוועזן זיינע אומשטענדען, וויא שטאַרק ער איז געוועזן בעגאַבט פון דער נאַטור, האָט ער דאָך אין זיין קורצען לעבען געהאַט אַ היבשע ביסעל צרות. זייענדיג אַזאַ גרויסער זשעני האָט ער, פערשטעהט זיך, ניט געקענט זיך אין גאַנצען צופּאַסען צו דער וועלט און אויסקומען מיט דיא מענשען פון זיין צייט. דאָס האָט געפיהרט צו אָרעמקייט אין עטליכע פון זיינע יאָהרען, צו גרויס ערגערניס און ביטערע ענטטוישונגען; און אַבוואָהל ער איז געשטאָרבען אַ זעהר בערהמטער מאַן איז ער געשטאָרבען פערנאַכלעסיגט. מען האָט איהם בעערדיגט אין וויען, אויף אַ בית עולם וואו מען לייגט אַוועק צור עוויגער רוה אַלע דיא וואָס זיינען היימלאָז און ברויטלאָז, און מען האָט זיין לייכע קיינמאָל מעהר ניט געפונען. נור אויף'ן סעמעטערי דאָרט געפינט זיך יעצט אַ מאָנומענט אַלס עהרע צו זיין אָנדענקען.

אָבער דער גרעסטער און שעהנסטער מאָנומענט צום אָנדענקען פון מאָצאַרט'ס נאָמען זיינען זיינע מוזיקאַלישע פערפאַסונגען, וועלכע ער האָט דער וועלט איבערגעלאָזען; און אַבוואָהל ער האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכענט אויף יעדען געביט פון דער מוזיקקונסט בלייבט ער נאָך יעצט אויך, מיט דער אויסנאַמהע פיעלייכט פון װ א ג נ ע ר און װ ע ר ד י, דער גרעסטער אָפּעראַ קאָמפּאָזיטאָר וואָס דיא וועלט האָט געהאַט; אין „דאָן זשואַן" איז דער בעסטער ביישפּיעל פון דעם וואָס ער האָט אויפגעטהאָן אויף דעם פעלד פון אָפּעראַ.

דער סוזשעט פון „דאָן זשואַן" איז געבויט אויף אַן אַלטע שפּאַנישע געשיכטע, אין וועלכע דיא הויפּט פיגור, דער העלד, איז אַן אויסגעלאַסענער מאַן מיט'ן נאָמען ד אָ ן ז ש ו אַ ן. אין אַ געוויסען זינן איז דיא פערזענליכקייט פון דאָן זשואַן ענליך צו דער אַלטער דייטשער געשיכטע פון ד"ר. פ א ו ס ט, מיט דעם אונטערשיעד נור וואָס דר. פאוסט איז אַ גרויסע גייסטיגע פערזענליכקייט ווערהענד דאָן זשואַן איז אַ ליידענשאַפטליכער פערזאָן — איינער וועלכער איז אריינגעטהאָן אין ליעבעס אינטריגען פון אַלע זאַרטען, איינער ביי וועמען אַלעס ווערט געטהאָן און אַלעס ווערט

נעאַפּפּערט צופריעדען צו שטעלען זיין תאוה'דיגע נאַטור. און דאַן זשואַן'ס לעבען, לויט דיא לעגענדע, ענדיגט זיך מיט דעם וואָס ער ווערט אין גיהנם אוועקגעשלעפּט פון איינעם פון זיינע קרבנות, א מאַן וועמען ער האָט דער'הרג'עט אין א דועל נאָכדעם וויא ער האָט פערפיהרט זיין טאָכטער.

דיא האַנדלונג אין מאָצאַרט'ס אָפּערא איז איינגעטהיילט אין 2 אקטען און פיעל מעהר סצענען. דער כאַראַקטער פון דעם לעגענדאַרישען דאַן זשואַן ווערט מערקווירדיג קלאָהר ארויסגעבראַכט, דראַמאַטיש און מוזיקאַליש. דער סוזשעט איז וויא פאָלגט:

ערשטער אקט

ביים אָנפאַנג זעהט זיך א גאַס, אין פראָנט פון דעם שפּאַנישען קאָמאַנדאַנט ד אָ ן פּ ע ד ר אָ'ס הויז. עס ווערט פאָרגעשטעלט וויא ד אָ ן ז ש ו אָ ן זוכט צו פערפיהרען דיא טאָכטער פון קאָמאַנדאַנט, ד אָ נ א א נ נ א. דאָן זשואַן גנב'עט זיך אריין צו איהר אין צימער, וועלכער איז גאַנץ דונקעל, און פאַר א צייט דענקט דאָנא אַננא אז דאָס איז איהר חתן ד אָ ן אָ ק ט אַ ו ו י אָ. ווען זיא געפינט אָבער אויס איהר טעות, מאַכט זיא א גרויסען טומעל, א געשריי, א געפילדער, און לויפט נאָך דעם אויסגעלאַסענעם פערפיהרער; זיא כאַפּט איהם ביים ראָק, גראַדע ווען ער לויפט ארויס אויפ'ן גאַס, וואו עס האָט אויף איהם געוואַרט זיין טרייער דיענער ל ע פּ אָ ר ע ל אָ, און אויף איהרע געשרייען רופט זיך אָפּ צוערשט איהר אַלטער פאַטער. זיא לויפט דאַן נאָך ווייטערע הילפע, אָבער ווען זיא קומט צוריק געפינט זיא איהר געליבטען פאָטער טויט. דאָן זשואַן האָט מיט איהם א דועל געהאַט און געוויסערמאַסען אין זעלבסט פערטהיידיגונג האָט ער איהם דער'הרג'עט.

(פערוואַנדלונג)

לויפענדיג מיט זיין דיענער אזוי ווייט פון דער סצענע וויא נור מעגליך קומט ער אָן גאַנץ נאָהענט פון ד אָ נ א ע ל וו י ר א'ס וואָהנונג. דיא שעהנע עלווירא קומט גראַדע ארויס אויפ'ן גאַס פערשלייערט און טרויערט נאָך איהר געליבטען וועלכער

האט איהר פערלאזען. דאן זשואן, וועלכער איז דער געליעבטער נאך וועלכען זי טרויערט, דערקענט איהר ניט צוערשט און מיינט אז דא האט ער א געלעגענהייט צו קריגען א נייעם קרבן, אבער ווען זיא עפענט איהר מויל און ער זעהט מיט וועמען ער האט זיך בעגעגנט, אנטלויפט ער אזוי שנעל וויא דיא פיס קענען איהם טראגען, איבערלאזענדיג זיין דיענער צו בערוהיגען איהר. אבער לעפארעלא מאכט ערשט דער אונגליקליכער דאנא עלווירא פיהלען א סך ערגער מיט זיין דערצעהלען איהר מעהר אויף שפאס וויא אין ערנסט דעם אמת וועגען דיא הולטייסטווא פון זיין בעל הבית. זיא שווערט ראכע און געהט אוועק א היים אין דער העכסטער אויפרעגונג.

(פערוואנדלונג)

דיא פאסירונגען האבען אבער א קליינע ווירקונג אויף דעם לוסטיגען דאן זשואן. א פאאר טעג שפעטער טרעפט ער זיך אן מיט א פויערשער חתונה, ניט וויים פון זיין וואהנונג אויסערן שטאדט. דיא כלה, ז ע ר ל י נ א, איז א בילד שעהנע, געזונטע מיידעל, וועהרענד איהר חתן, מ א ס ע ט א, איז א נארישער דארפסיונג; און דאן זשואן טראכט ביי זיך אז עס איז א שאדע דאס אזא מיידעל זאל אריינפאלען אין דיא הענד פון אזא פויער. ער הייסט דארום זיין דיענער ברענגען דיא גאנצע חתונה צו זיך א היים און אראנזשירט צוליעב דעם א גרויסארטיגען באל.

(פערוואנדלונג)

אלע קומען אויפ'ן באל. דער פאלאץ פון דאן זשואן איז בעלויכטען און בעפוצט אויף דעם פראכטפאלסטען אופן. דריי ארקעסטערס געפינען זיך אויסגעזעצט אין פערשיעדענע טהיילען פון זאאל. דאן זשואן און לעפארעלא נעהמען אויף דיא געסט און שענקען ספעציעלע אויפמערקזאמקייט אויף דיא פרויען, זוכענדיג צווישען זיי פרישע קרבנות. פערשטעהט זיך, מאסעטא און זיין כלה זערלינא זיינען אנוועזענד. עס קומען אויך אריין דאנא אננא מיט איהר חתן אקטאוויא און דאנא עלווירא — זיי זיינען מאסקירט. געקומען זיינען זיי אהין, ווייל זיי האבען זיך דערוואוסט

פון דעם באל און האָבען געוואָלט מאכען א סקאנדאל, אויפדעקענ־דיג דאָן זשואַן׳ס ווירקליכען כאראקטער; און דיא געלעגענהייט קריגען זיי אויך.

דאָן זשואַן פערנארט דער שעהנער בויערין כלה אין א זייטי־גען צימער, און זיא מאכט אזעלכע קולות אז איהר חתן מאסעטא, מיט דער הילפע פון דיא אנדערע פויערן געסט, רייסט אויף דיא טיהר פון דעם זייטיגען צימער. זערלינא בעווייזט זיך בלייך און דערשראָקען, נאָך איהר בעווייזט זיך דאָן זשואַן, שלעפענדיג זיין דיענער לעפּאָרעלאָ מיט איין האנד און האלטענדיג זיין שווערד אין דער צווייטער האנד. דערמיט וויל ער איבערקעהרען דעם פעלץ אויף זיין דיענער, אָבער דאָ נעהמען ארונטער זייערע מאסקעס דאָנאַ אננא, דאָן אָקטאַוויאָ און דאָנאַ עלווירא, און זיי זאָגען וואָס פאר א תכשיט עס איז דער בעל הבית דאָן זשואַן. דער לעצטער, זעהענדיג אז ער האלט שמאָל, אנטלויפט מיט זיין דיענער פון פּאלאץ, לאַ־כענדיג וויא א טייפעל פון זיינע פערפאָלגערס; און דערמיט ענ־דיגט זיך דער ערשטער טהייל פון דער אָפּערא, אין וועלכען דער לעבען פון דאָן זשואַן ווערט געשילדערט מיט אזוי פיעל קאָליר, מיט אזוי פיעל מעלאָדישע הארמאָני. דערנאָך קומט דיא צווייטע העלפט פון דער אָפּערא, אין וועלכער עס ווערט בעוויעזען דער פאנטאסטישער סוף פון דעם הולטיי.

צווייטער אַקט

דיזער אקט פאנגט אָן מיט א סצענע פאר דאָנאַ עלווירא׳ס וואָהנונג. דאָן זשואַן איז דאָרט מיט זיין דיענער לעפּאָרעלאָ. ער האָט געוואָרפען אן אויג אויף דאָנאַ עלווירא׳ס קאמער מיידעל און ער זוכט יעצט א געלעגענהייט איהר צו פערפיהרען.

עס איז נאכט. ביים פענסטער בעווייזט זיך דאָנאַ עלווירא. דאָן זשואַן בייט זיך מיט לעפּאָרעלאָ אין דיא קליידער און שטע־לענדיג זיך הינטער זיין דיענער בעט ער ביי זיין געוועזענע גע־ליעבטע אז זיא זאָל איהם פערצייהען. דאָנאַ עלווירא, אָהן פיעל טענות, ליעבענדיג איהם טראָץ זיין אונטרייהייט צו איהר, פער־צייהט איהם און געהט ארונטער זיך זעהן מיט איהם. אָבער אָנ־

שטאָט דאָן זשואן גיט איהר דעם ארעם לעפּאָרעלאָ, וועלכער טראָגט די קליידער פון זיין בעל הבית. דאָן זשואן בלייבט דאן אליין, און אַ קורצע ווײלע נאכדעם וויא ער פאנגט אָן זינגען א סערענאדע פאר זיין נייער געליעבטער קומט אָן מאסעטאָ מיט א באנדע פויערן, אַלע בעוואפענט, זוכענדיג איהם. ער איז אָבער אָנגעטהאָן אין דיא קליידער פון לעפּאָרעלאָ און איהם געלינגט אָפּצונארען דיא פויערן, זאָגענדיג זיי אַז זיין בעל הבית דאָן זשואן איז ערשט אַוועק שפּאַציערען מיט דאָנא עלווירא. אַלע פויערן געהן דאן אַוועק, א חוץ מאסעטאָ. דאָן זשואן טהיילט איהם אריין אַ היבשע ביסעל קלעפּ און אנטלויפט.

(פערוואנדלונג)

לויפענדיג קומט אָן דער אויסגעלאָסענער דאָן זשואן אין אַ סקווער אַנטקעגען אַ גרויסע קירכע, וואו עס געפינט זיך אַ שטיינערנע סטאטוע פון דעם קאָמאנדאַנט דאָן פּעדראָ וועלכען דאָן זשואן האָט ערמאָרדעט אין ערשטען אקט. דאָרט בעגעגענט ער זיין דיענער לעפּאָרעלא, וועלכער האָט דורכגעלעבט אַ שרעקליכע פּאָאר שטונדען. ער, לעפּאָרעלא, האָט זיך אַנגעטראָפען מיט דאָן זשואן׳ס שונאים און ער איז קוים מיט זיין לעבען אַנטלאָפען. יעצט ציטערט ער וויא א בלאַט און וויל זיך אין גאַנצען אָפּזאָגען פון זיין בעל הבית מיט אַלע זיינע צרות. אָבער דאָן זשואן לאַכט פון איהם, פון דעם ערמאָרדעטען קאָמאַנדאַנט און פון דער גאַנצער וועלט. פּלוצלונג דערהערט לעפּאָרעלאָ אַ שטימע וויא פון קבר. ער גיט זיך אַ קעהר און דערזעהט וויא דיא קאָפּ פון דעם ערמאָרהעטען קאָמאַנדאַנט׳ס סטאַטוע בעוועגט זיך. זיין שרעק קען מען זיך פּאָרשטעלען. דאָן זשואן לאַכט אָבער אַלץ פון איהם, און מיט זיין געוועהנליכער בראַוואדאָ לאַדעט ער איין דיא סטאַטוע פון דעם קאָמאַנדאַנט צו זיך אהיים אויף אַ באַנקעט.

(פערוואַנדלונג)

קומענדיג אהיים גרייט ער אָן א פראכטפאָלען סאַפּער פאר זיינע פריינד, און צו דעם גרויסען שרעק פון אַלעמען, און איבערהויפּט לעפּאָרעלא, קומט אַריין דיא סטאַטוע פון דעם טוידטען

קאָמאַנדאַנט. דער איינציגער וואָס איז ניט דערשראָקען איז דאָן זשואַן. דיא סטאַטוע לאַדעט איהם איין צו זיך אויף סאַפּער און דאָן זשואַן נעהמט אָן — אַזוי וויט געהט ער מיט זיין מוטה. ער שליסט אַלזאָ אַ קאָנטראַקט מיט דעם טוידטען, אָבער אַזוי שנעל וויא ער נעהמט איהם אָן ביים האַנד פיהלט ער דאָס זיין לעצטע שטונדע האָט געשלאָגען. דער קאָמאַנדאַנט הייסט איהם תשובה טהאָן, אָבער דאָס איז ניט אין דאָן זשואַן'ס כאַראַקטער; ער האָט קיין חרטה ניט אויף וואָס ער האָט געטהאָן און ער ענטזאַגט זיך תשובה צו טהאָן. „דאַן געה אין גיהנם,“ זאָגט דיא סטאַטוע; און דאָן זשואַן ווערט אהין אוועקגעשלעפּט אונטער דיא שרעקליכע קולות פון דיא מלאכי חבלים.

דערמיט ענדיגט זיך דיא האַנדלונג.

יעדער איינער וואָס איז נור בעקאַנט מיט גוטע דראַמא וועט גלייך איינזעהען אז אין דיעזען סוזשעט איז דאָ אויסגעצייכענטער מאַטעריאַל פאַר דער ביהנע; און מאָצאַרט האָט מיט זיין אָריגינאַ־ליטעט, מיט זיין גרויסע פאָרשטעלונגס קראַפט און מיט זיין רייכען ערפינדונגס גייסט דעם סוזשעט ארומגעאַרבייט מוזיקאַליש אַזוי מייסטערהאַפט, דאָס זאָלאַנג אָפּערא וועט שפּיעלען אַ ראָלע וועט „דאָן זשואַן“ זיין אַ בעריהמטע קונסט־ווערק.

פערשיעדענע אַרטיסטען — פון'ם פעדער און פון'ם פּינזעל — האָבען געשילדערט דיא בעריהמטע דראַמאַטישע פיגור פון דאָן זשואַן. דער בעריהמטער פראַנצויזישער דראַמאַטורג מאָליער, פון 17טען יאהרהונדערט, האָט פערפאַסט אַ דראַמא מיט'ן נאָמען „דאָן זשואַן“. אַלעקסאַנדער דיומא האָט אויך אַ דראַמא מיט'ן זעל־בען נאָמען. און ווער האָט עס ניט געהערט פון בייראָן'ס „דאָן זשואַן“? יעדער מייסטער האָט דעם מערקווירדיגען כאַראַקטער פון דער שפּאַנישער לעגענדע געשילדערט אביסעל אנדערש, אָבער קיינער האָט ניט אויסגעלאָזען דיא שטריכען וועלכע בעצייכענען דיא פייעריגע, געפיהלפאָלע, ליידענשאַפטליכע, ליעבעס־זוכענדיגע נאַטור פון דעם העלדישען שפּאַניאָל וועלכער שרעקט זיך ניט פאַר

קיין טויטע און פאַר קיין לעבעדיגע און וועלכער ווערט דורך זיין איי־גענער כוואַטסקייט אַוועק געשלעפּט אין גיהנם.

דער טעקסט פאַר מאָצאַרט׳ס אָפּערא איז געשריבען געוואָרען פון ל אָ ר ע נ צ אָ ד ע פּ אָ נ ט ע, און דורך דיעזע אָפּערא, מעהר וויא דורך אירגענד וועלכע אַנדער קונסט־ווערק, איז דיא דראַמאַטישע פיגור פון דאָן זשואַן געוואָרען בעוואוסט אין אַלע ציוויליזירטע לענדער. „דאָן זשואַן" איז אַ ראָמאַנטישע אָפּערא — דיא גרעסטע ראָמאַנטישע אָפּערא וועלכע איז ווען פערפאַסט גע־וואָרען, מיט פיעלייכט דיא איינציגע אויסנאַהמע פון וואַגנער׳ס „ט אַ נ ה י י ז ע ר". אין דאָן זשואַן, בעסער און שטאַרקער וויא אין אירגענד וועלכע אַנדערע איינציגע אָפּערא, האָבען מיר דעם עלעמענט פון הומאָר געשילדערט זייט ביי זייט מיט דעם עלעמענט פון טראַגעדיע. דער רייכער קאָליר אין טענער, אין מעלאָדי, אין אָרקעסטראַציאָן — דיא פערשיעדענאַרטיגקייט פון דיא גרויסע צאָהל סצענען — דיא קלאָהרהייט פון דעם אונטערשיעד אין דיא כאַראַקטערע פון דיא דראַמאַטישע פערזאָנען, אַלעס דיעזעס מאַכט „דאָן זשואַן" נאָך יעצט, 120 יאָהר נאָך איהר ערשטער אויפפיהר־רונג, פאַר איינע פון דיא גלענצענדסטע אָפּעראַס אין דעם רע־פּערטואַר פון אַלע ערשטע קלאַסע אָפּערא ביהנעס פון דער וועלט.

איינע פון דיא אינטערעסאַנטע זאַכען אין פערבינדונג מיט „דאָן זשואַן" איז דער פאַקט דאָס דיא אָוווערטיורע וועלכע ווערט געשפּיעלט פון דעם אָרקעסטער איידער דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף איז פון מאָצאַרט׳ן געשריעבען געוואָרען אין עטליכע שטונ־דען צייט, אין דער נאַכט פאַר דיא ערשטע אויפפיהרונג; און אין דיעזע אָוווערטיורע ווייזט זיך ערשט ארויס מאָצאַרט׳ס גרויס־קייט; זיא איז איינע פון דיא שעהנסטע, מעלאָדישסטע און וואונ־דערבאַרסטע קאָמפּאָזיציאָנען אין דער מוזיקאַלישער ליטעראַטור.

נור דיא וואָס הערען „דאָן זשואַן" אָפט אויף דער אָפּעראַ׳טי־שער ביהנע און האָבען אין זינען וויא לאַנג צוריק דיא קונסטווערק איז בעשאַפען געוואָרען קענען ריכטיג אָפּשאַצען דעם גרויסען ווערטה פון מאָצאַרט אַלס מוזיקאַלישער זשעני.

FIDELIO — Beethoven

פידעליא

פון לודוויג פאָן בעטהאָווען

פערזאָנען:

פלאָרעסטאַן — טענאָר; דאָן פיזאַראָ — באַריטאָן; ראָקאָ — באַס; דאָן פערנאַנדאָ — באַס; זשאַקינאָ — טענאָר; לעאָנאָרע (פארשטעלט אַלס פידעליאָ) — סאָפּראַנאָ; מאַרזעלינאָ — סאָפּראַנאָ.

איינע פון דיא וועלט-בעריהמטע דראַמאַטיש-מוזיקאַלישע ווערקע וואָס איז בעקאַנט צו דיא אָפּערא ליעבהאָבערס פון עטליכע דורות איז „פידעליאָ", דיא איינציגע אָפּערא וואָס דער גרויסער אונשטערבליכער גייסט פון לודוויג פאָן בעטהאָווען האָט איבערגעלאָזען דער וועלט. „פידעליאָ" איז געווען דיא ערשטע אמת דייטשע אָפּערא, און דאָס וואָס זיא ווערט נאָך יעצט אויפגעפיהרט מיט ערפאָלג, אָבוואָהל זיא איז איבער 100 יאָהר אַלט, איז ניט מעהר וויא א בעוויז פון איהר דויערהאפטען ווערטה און פון דיא גרויסקייט פון איהר קאָמפאָזיטאָר.

אַז בעטהאָווען איז איינער פון דיא עטליכע גאָר גרעסטע נעמען אין דער געשיכטע פון מוזיק איז גאָר קיין צווייפעל ניט. ער איז, קען מען זאָגען אָהן איבערטרייבונג, געווען פאר א לאַנגע צייט דער גרעסטער פערטרעטער פון מוזיק אין איהר ריינסטער פאָרמע, דאָס הייסט, מוזיק ניט געמישט מיט דער דראַמאַטישער קונסט, און איז דאָס פיעלייכט פערבליבען ביז היינטיגען טאָג. נור עט־

ליבע געצעהלטע אנדערע נעמען קענען דערמאהנט ווערן אין דעם זעלבען אטהעם מיט דעם נאמען פון „פידעליא'ס" קאמפאזיטאר. דיזע נעמען זיינען באך, מאצארט, וואגנער און טשאיקאווסקי. אין מאנכע זאכען איז אבער בעטהאווען זיכער פון קיינעם ניט איבערטראפען געווארען — דאס זיינען זיינע וואונדערבארע סימפאניס, פון וועלכע דיא 9טע איז אהן צווייפעל דיא טיעפסטע, שעהנסטע, הערליכסטע מוזיקאלישע פראדוקציאן אין סימפאנישער פארמע וואס דיא וועלט בעזיצט.

דאך, וויא גרויס בעטהאווען איז געוועזען אלס קאמפאזיטאר פון סימפאניס, סאנאטאס, אווערטיורעס, סערענאדעס, קווארטעטס, קווינטעטס און סעפטעטס, וויא אויסגעצייכענט ער האט זיך אין דיא מאסען פערשיעדענע קאמפאזיציאנען פאר'ן פיאנא און פאר'ן פיעדעל, האט ער אין זיין איין איינציגע אפערא ניט ארויסגעצייגט יענע בעזאנדערע גרויסקייט וואס מען וואלט פון איהם געקענט ערווארטען. „פידעליא" איז אהן צווייפעל אן אפערא פון גרויסען ווערטה, אבער בעלאנגט ניט צו דעם זארט גרויסע דראמאטיש־מוזיקאלישע מייסטערווערקע פון וועלכע מאצארט און וואגנער האבען איבערגעלאזען אזוי פיעל ביישפיעלע דער וועלט. בעטהאווען אליין האט געוואוסט אז זיין אפערא איז ניט דאס וואס ער וואלט געקענט בעשאפען, און ער האט זיך בעקלאגט אויף דעם וואס ער קען ניט געפינען קיין פאסענדע ליברעטא. מעגליך אז דאס איז א ווירקליכע אורזאכע. דיא ליברעטא פון „פידעליא" איז ניט קיין שלעכטע פאר דער צייט ווען בעטהאווען האט געלעבט, אבער איז וויים פון זיין דאס וואס זאל קענען געבען אזא טיעפען גייסט וויא בעטהאווען'ס א געלעגענהייט אויסצודריקען זיך זעהר שטארק. דער סוזשעט פון „פידעליא", אין קורצען איבערגעגעבען, איז וויא פאלגט:

א שפאנישער אדעלמאן מיט'ן נאמען פלארעסטאן ווערט ארייגעווארפען אין א געפענגניס וואו עס ווערן געהאלטען פאליטישע פארברעכער. דער גובערנאטאר פון דעם געפענגניס, דאן פיזארא, איז פלארעסטאן'ס א שונא און ער האלט איהם דארט

אָהן אַ געזעצליכע אורזאכע. פאַר דער וועלט האָט ער אויסגעבריט אַ קלאַנג אַז פלאָרעסטאַן איז טוידט און האָט איהם אין דער ווירקליכקייט געטריבען צו אַ לאַנגזאַמען טוידט, האַלטענדיג איהם אין אַ פינסטערען, נאַסען קעלער פון געפענגניס און געבענדיג איהם עסען קוים גענוג אויף דערהאַלטען זיין לעבען.

דער אַדעלמאַן וואָלט געוויס אויסגעגאַנגען אין תפיסה ווען זיין שעהנע יונגע ווייב, לעאָנאָרע, וואָלט ניט געפאַלען אויף אַ פּלאַן איהם צו רעטען. זיא פאַרשטעלט זיך פאַר אַ מאַן, גיט זיך אַ נאָמען פ י ד ע ל י אָ, און קריגט בעשעפטיגונג ביים געפענגניס־וועכטער ר אָ ק אָ. אין אַ קורצע צייט קריגט זי דעם צוטרויען פון אַלטען מאַן און אויך דיא ליעבע פון זיין טאָכטער מ אַ ר ז ע ל י נ אָ.

אונטערהדעסען דערוויסט זיך דאָן פיזאַראָ דאָס דער שפּאַנישער פּרעמיער, ד אָ ן פ ע ר נ אַ נ ד אָ, פאָהרט בעזוכען דעם געפענגניס, ווייל ער האָט געהערט אַז דאָרט ווערן געהאַלטען פערשפּאַרט פיעלע אונשולדיגע מענשען. דעם גובערנאַטאָר געפעהלט דאָס גאָר ניט און ער שלאָגט פאָר דעם וועכטער דאָס פלאָרעסטאַן זאָל אין דער שטיל ערמאָרדעט ווערן אין געפענגניס. ראָקאָ טרייסעלט זיך אָפּ פון אזא שרעקליכער אויפגאבע; אַלעס וואָס דער גובערנאַטאָר פועל'ט ביי איהם איז ער זאָל אויסגראָבען אין קעלער דעם קבר; דער גובערנאַטאָר זאָגט ער וועט אַליין דעם געפאַנגענעם דער'הרג'ענען. ראָקאָ נעהמט דאַן מיט פידעליאָ'ן צו טהאָן וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען.

ווען דיא ארבייט איז פערטיג קומט ארונטער דער גובערנאַטאָר, דאָן פיזאַראָ, און וויל דעם געפאַנגענעם דערשטעכען. אָבער דאָ ווארפט פון זיך פידעליאָ ארונטער איהר מאַסקע און מיט אַ רעוואָלווער אין האַנד האַלט זיא אָפּ איהר מאַן'ס שונא פון דורכפיהרען זיין טייפעלשען פּלאַן. אין דעם זעלבען מאָמענט דערהערט זיך אַ סיגנאַל דאָס דער פּרעמיער איז אָנגעקומען אין געפענגניס און לעאָנאָרע וויים דאָס איהר מאַן איז גערעטעד. פלאָרעסטאַן ווערט דערקענט פון פּרעמיער אלס אַן אַלטער פריינד זיינער און

איז זאָפאָרט בעפרייט, ווערהענד דער גובערנאַטאָר ווערט געשלאָ־
סען אין קייטען און אריינגעוואָרפען אין געפענגניס.

וויא מען זעהט אלזא, א גאנץ געוואָהנליכע געשיכטע. בעט־
האָווען האָט פון דעסטוועגען אוועק געלייגט פיעל ענערגיע אויף
בעארבייטען עס מוזיקאַליש. ער האָט פערפאסט ניט ווענינער וויא
פיער פערשיעדענע אָווערטיורעס, פון וועלכע צוויי ווערן אָפט גע־
שפיעלט — איינע ביים אָנפאנג פון דער אָפּערא (פידעליאָ אָווער־
טיור) און דיא צווייטע צווישען דיא 2 אַקטען (לעאָנאָרע נומער
3 אָווערטיור), אין וועלכע דיא אָפּערא איז איינגעטהיילט. מאנכע
אַריאס, דועטען, טערצעטען און קוואַרטעטען אין דיזער אָפּערא זיי־
נען אָהן צווייפעל דאָס בעסטע וואָס מען קען געפינען אין ליריי־
שער אָפּערא; און דיא אָרקעסטראַציאָן איז ווערטה צו בעפּוצען אַ
פיעל ערהאַבענערן סוזשעט. איינגעטהיילט אין דיא 2 אַקטען איז
דיא דראַמאַטיש-מוזיקאַלישע האַנדלונג וויא פאָלגט:

ערשטער אַקט

עס זעהט זיך דער הויף פון געפענגניס, וועלכער געפינט זיך
ניט ווייט פון סעוויל. אָן דער זייט לינקס זעהן זיך דיא גראַטעס
פון דעם געפענגניס. אָן דער זייט רעכטס דער אריינגאַנג צום וועכ־
טער'ס וואָהנונג. מארזעלינאָ, דיא טאָכטער פון דעם וועכטער, איז
בעשעפטיגט ביגלענדיג וועש, ווערהענד איהר חתן זשאַקינאָ
קומט אריין און דרעהט איהר אַ קאָפּ מיט זיין ליעבע.ביידע זיי־
נען לוסטיג און דריקען אויס זייערע געפיהלען אין דעם דועט וואָס
זיי זינגען צוזאמען: „יעצט, שאצכען, יעצט וויר אליין." זייער
לוסטיגקייט ווערט אונטערבראָכען פון איהר פאָטער, ראָקאָ, וועל־
כער רופט אוועק זשאַקינאָ'ן. בלייבענדיג אליין, דריקט מארזע־
לינאָ אויס סימפּאַטהי מיט איהר חתן, וועמען זיא ליעבט ניט.
איהר געפעלט פיעל בעסער דער אַנדערער, דער נייער ארבייטער,
פידעליאָ, און זיא דריקט אויס איהר טרוים פון דעם אנדערן אין
דעם ראָמאַנץ: „אָה, ווער איך שוין מיט דיר פעראייניגט!" איהר
פאָטער, בעגלייטעד יעצט פון זשאַקינאָ, קומט ווידער אריין און
פרעגט זיך נאָך אויב פידעליאָ איז שוין צוריק געקומען מיט דעם

פּעקיל בריעף. עס הערט זיך אַ קלאַפּ אין טהויער. מאַרזעלינאַ לויפט עפּענען און שרייט אויס מיט פרייד: „דאָ איז ער!“

פידעליאָ קומט אריין און מאַרזעלינאַ דרעהט זיך ארום איהם וויא זיא וואָלט זיך ניט געקענט זאַט אָנקוקען אויף זיין פּנים. דאָס מאַכט פידעליאָ'ן נערוועז, זשאַקינאָ'ן אייפערזיכטיג און ראָקאָ'ן אונרוהיג. אַלע פיער זינגען אַ פּראַכטפאָלען קוואַרטעט צו דיא ווערטער: „מיר איז זאָ וואונדערבאַר“. עס נעהמט ניט לאַנג ביז ראָקאָ געפינט אויס אַז זיין טאָכטער איז פערליעבט אין דעם פליי־סיגען פידעליאָ און ער גיט זיין פערשפּרעכען צו לאָזען איהר הייראַטהען מיט איהם אין דער נאָהענטער צוקונפט. פידעליאָ, בענוצענדיג זיך מיט דיזער לאַגע, בעט ביים וועכטער אַז ער זאָל איהם לאָזען אכטונג געבען אויף דיא געפאַנגענע. ראָקאָ גיט נאָך, אָבער מיט איין אויסנאַהמע. עס איז דאָ איין געפאַנגענער וועלכער זיצט שוין צוויי יאָהר און געהט לאַנגזאַם אויס פון הונגער און דורשט. צו דיזען געפאַנגענעם קען ער קיינעם ניט צולאָזען. פידעליאָ פרעגט ביי זיך אויב דיזער געפאַנגענער איז פלאָרעסטאַן — אָה, וויא דערוויסט מען זיך! דאָ הויבט זיך אָן לאַנגזאַם אָבער קלאָהר פונאַנדער וויקלען פידעליאָ'ס מיסיאָן אין דיזען געפענגניס.

דער אָרקעסטער שפּיעלט אַ מאַרש. עס קומען אריין סאָלדאַטען און צווישען זיי איז דער גובערנאַטאָר, דאָן פּיזאַראָ. ראָקאָ דערלאַנגט איהם דיא בריעף, וועלכע פידעליאָ האָט ניט לאַנג צוריק געבראַכט. אין איינעם פון דיזע בריעף געפינט ער אויס, אַז דער שפּאַנישער פּרעמיער פאָהרט צו אונטערזוכען דעם געפענגניס. אהאַ, דער פּרעמיער וועט געפינען פלאָרעסטאַן, און דאָס מיינט צרות אָהן אַ שיעור. אין אַן אריאַ פון גרויס ליידענשאַפט דריקט דער גובערנאַטאָר אויס דאָס יעצט איז געקומען דיא צייט צו „קיהלען דיא ראַכע“. ער ווענדעט זיך צום וועכטער מיט דיא ווערטער: „יעצט, אַלטער,“ און שלאָגט איהם פאָר צו טוידטען דעם געהיימניספאָלען געפאַנגענעם. דער „אַלטער“ דערשרעקט זיך אָבער פאַר דעם וואָרט „מאָרדען“ און אַלעס וואָס ער וויליגט איין צו טהאָן איז אויסצוגראָבען דעם קבר. ווען דער גובערנאַטאָר און דער וועכ־

טער געהן ענדליך אָפּ אין גאָרטען קומט אריין פידעליאָ, וועלכער האָט אלעס צוגעהערט, און אין א פראַכטפאָלען רעסיטאַטיוו („אבשייליכער! וואו איילסט דו הין?") דריקט ער אויס האָפענונג צו רעטען דעם פעראורטהיילטען. נאָך דעם רעסיטאַטיוו זינגט פידעליאָ: „קאָם האָפנונג, לאָס דען לעצטען שטערן" און לויפט אויף ארויס אין גאָרטען. עס קומט אריין מאַרזעלינאָ, נאָך איהר זשאַקינאָ, וועלכער געפינט אויס דאָס ער איז פון זיין געליעבטער אויסגעביטען געוואָרען אויף אן אנדערן און ער איז נאַטירליך שטאַרק ברוגז דערפאַר. אָבער ראָקאָ, אריינקומענדיג צוריק פון גאָרטען, לאַכט זיך אויס פון זשאַקינאָ'ן און זאָגט איהם ער זאָל ניט זיין קיין נאַר און זיך ניט ארומקריעגען.

דער מיעדלאָזער פידעליאָ קומט יעצט וויעדער אריין און בעט ביי ראָקאָ אז ער זאָל דיא געפאַנגענע ארויסלאָזען אין הויף אויף א קורצער ווייל[ע], אום זיי זאָלען געניסען א ביסעל פרישע לופט. פערשטעהט זיך, עס איז דאָ אן אבזיכט — צו זעהן פיעלייכט איז פלאָרעסטאַן צווישען זיי. דיא געפאַנגענע ווערן אריינגעפיהרט אין הויף און אויס פרייד זינגען זיי: „אָה, וועלכע לוסט." פידעליאָ דערקענט קיינעם ניט צווישען זיי, אָבער הערט פון ראָקאָ'ן א נייעס וואָס מאַכט איהר אי טרויעריג אי פרעהלאַך.ביידע וועלען ארונטערגעהן אין קעלער גראָבען א קבר פאַר דעם געהיימניספאָלען געפאַנגענעם. איז דיזער געהיימניספאָלער געפאַנגענער פיעלייכט ער געזוכטער פלאָרעסטאַן? טראַכט ביי זיך פידעליאָ.

עס לויפען אריין מאַרזעלינאָ און זשאַקינאָ און זאָגען דאָס ער גובערנאַטאָר איז שרעקליך אויפגעבראַכט פאַר דעם וואָס מען האָט דיא געפאַנגענע ארויסגעלאָזען אין הויף. דער בייזער פיזאַראָ ווייזט זיך באַלד אליין און גיט דעם אלטען וועכטער א „גאָב" פאַר דיא ביסעל פרייהייט וואָס ער האָט זיך ערלויבט צו געבען דיא פערשפאַרטע. דיא אונגליקליכע געפאַנגענע זינגען: „לעב וואָהל דו וואַרמעס זאָנענליכט" און ווערן אריינגעטריבען צוריק אין זייערע פינסטערע צעלען.

צווייטער אקט.

דיא מוזיק גיט גלייך ביים אנפאנג פון צווייטען אקט א בעגריף פון דעם נאבעלען כאראקטער פון דעם אדעלמאן, פלארעסטאן, וועלכער זיצט פערשפארט אין דעם דונקעלסטען קעלער פון געפענגנים. ביים אויפהויבען זיך פון דעם פארהאנג זיצט פלארעסטאן אויף א שטיין, מיט א קייט ארום זיין קערפער. „גאט, וועלך איין דונקעל היער!“ רייסט זיך ארויס פון זיין ברוסט. ער זינגט אן אריא, אין וועלכען ער דערמאנט זיך אויף דיא „פריהלינגס-טעג“ פון זיין לעבען. ער דענקט פון זיין לעאנארע, זיין ליעבע ווייב, און עפעס פיהלט ער וויא ער וועט איהר נאך זעהן און דריקען צו זיין ברוסט. ער פאלט אויף זיין שטיין אויס שוואכקייט און בעמערקט ניט וויא עס קומען אריין ראקא און פידעליא.

דיא צוויי אריינקומענדע קוקען זיך אויף איהם אויך ניט פיעל אום. פידעליא וויל אפילו זעהר שטארק אנקוקען דעם געפאנגענעם, צו זעהן אויב ער איז פלארעסטאן, אבער ראקא הייסט זיך גלייך נעהמען צו דער ארבייט, און דיא מוזיק פון דעם ארקעסטער מאכט זיי ביידען נאך וויא זיי גראבען דעם קבר, וויא זיי קייקלען ארויס פון דער ערד גרויסע שטיינער און וויא דיא לאפעטעס ערד ווערן אויסגעשאטען. ראקא דערוואַרמט זיך מיט א זופ וויין וואס ער האט מיטגעבראכט אין א פלעשיל און פידעליא בעשליסט ביי זיך צו רעטען דעם לעבען פון דעם געפאנגענעם אפילו ווען ער איז ניט דער פיעל געליעבטער פלארעסטאן. אין א מאמענט ווען ראקא קעהרט זיך אפ, גנב'עט זיך פידעליא צו צו דעם געפאנגענעם וועלכער האט יעצט אויפגעהויבען זיין קאפ און קוקט זיך איין אין זיין פנים. „אה, גאט, דאס איז ער!“ שרייט פידעליא אויס איינגעהאלטענער'הייד, און פאלט אין חלשות.

ראקא בעמערקט עס ניט. דער געפאנגענער פרעגט איהם וואס ער טהוט אין קעלער און בעט איהם, וויא עס ווייזט אויס ניט פאר דעם ערשטען מאל, אז ער זאל זיך אויף איהם דערבארמען און לאזען וויסען פון זיין ביטערן צושטאנד און פון זיין טרויעריגע ענדע זיין ווייב לענאנארע, וועלכע וואהנט אין סעוויל. דערהערענדיג

דעם נאָמען „לעאָנאָרע“ קומט פידעליאָ צו זיך און הערט זיך איין וואָס פלאָרעסטאַן רעדט. וויא זיא וואָלט וועלן צולויפען צו איהם און דריקען איהם צו איהר הארצען! פלאָרעסטאַן איז דורשטיג און בעט עטוואָס צו טרינקען. ראָקאָ׳ס הארץ איז גערירט און ער הייסט פידעליאָ׳ן דערלאַנגען דיא ביסעל וויין וואָס איז נאָך איבערגעבליבען אין פלעשיל. פלאָרעסטאַן באמערקט דיזע גוטסקייט און ער זינגט: „אייך ווערדע לאָהן אין בעסערען וועלטען.“

עס קומט אריין איינגעהילט אין שווארצען דער גובערנאַטאָר דאָן פיזאראָ. ער הייסט פידעליאָ׳ן ארויסגעהן, אָבער דיא לעצטע בעהאלט זיך אין א ווינקעל. דער ראכע דורשטיגער טיראַן נעהמט ראַן ארויס א מעסער און געהט צו נאָהענט צו זיין קרבן, וועלכער דערקענט איהם יעצט. מיט דעם צאָרן פון א ווילדעם טהיער זינגט יעצט דער טיראַן:

„פיזאראָ, דען דו שטירצען וואָלטעסט,
פיזאראָ, דען דו פירכטען זאָלטעסט,
שטעהט נון אלס רעכער היער!“

אויף דעם ענטפערט אָבער דער אונגליקליכער פלאָרעסטאַן גאַנץ געפאסט: „אַ מערדער שטעהט פאר מיר!“

דאָן פיזאראָ הויבט אויף זיין מעסער, אָבער דאָ לויפט אריין פידעליאָ צווישען איהם און דעם געפאנגענעם און מיט א רעוואָלווער אין האנד זאָגט ער צום מערדער: „טוידט צוערשט זיין וויב!“

„זיין וויב!“ „זיין וויב!“ שרייען אלע אויס אין ערשטוינונג. „יאָ, איהר זעהט פאר זיך זיין וויב לעאָנאָרע,“ ענטפערט פידעליאָ, אין וועמעס אָרעמס עס פאלט אריין פלאָרעסטאַן.

עס הערן זיך יעצט טרומפּייטען און זשאַקינאָ ווייזט זיך ביים טהיר אויבען, זאָגענדיג דאָס דער פרעמיער איז אָנגעקומען. פיזאראָ שילט זיך און דיא גאַנצע וועלט, און וויא א צורייצטע חיה לויפט ער בעגעגענען דעם גרויסען גאַסט. פלאָרעסטאַן בלייבט יעצט אַליין מיט זיין לעאָנאָרע און זייער גליק דריקען זיי אויס אין דעם טרילענדען דועט: „אָה, נאָמענלאָזער פרייד“. עס לויפט אריין צוריק ראָקאָ און זאָגט אָן דיא פרעהליכע נייעס דאָס ער האָט גע־

זעהן דעם פרעמיער'ס ליסטע אויף וועלכע עס זיינען פערשריבען די נעמען פון אַלע געפאַנגענע. פלאָרעסטאַן'ס נאָמען געפינט זיך ניט אויף דער ליסטע און דאָס בעדייטעד אז ער איז אונגעזעצליך איינגעשפּאַרט. „קומט, געהט מיר נאָך!" זאָגט ער צו דעם איבערראַשטען פלאָרעסטאַן און דיא גליקליכע לעאָנאָרע.

(פערוואַנדלונג)

עס זעהט זיך יעצט דער הויף פון דעם געפענגניס. דער שפּאַנישער פרעמיער, דאָן פערנאַנדאָ, ארומגערינגעלט פון סאָלדאַטען און נייגעריגע איינוואָהנער פון דער געגענד, ערקלעהרט זיין יחוס און זיין אמט. ביי זיין זייט געפינט זיך דאָן פּעזאַראָ. זשאַקינאָ און מאַרזעלינע פיהרען אריין דיא געפאַנגענע, וועלכע פאַלען אויף דיא קניע פאַר'ן גרויסען מיניסטער. ראָקאָ פיהרט אריין אונבאַמערקט פלאָרעסטאַן, בעגלייטעד פון פידעליאָ.

דער פרעמיער בעפרייט אַלע געפאַנגענע אין דעם נאָמען פון גוטען קעניג. ראָקאָ הויבט דאַן אָן רעדען. פּיזאַראָ באַמערקט עס און וויל איהם ניט לאָזען, ווייל ער זעהט אז ער האָט מיט זיך גע־בראַכט פלאָרעסטאַן. דער סכסוך צווישען גובערנאַטאָר און דעם וועכטער ציהט אָבער דיא אויפמערקזאַמקייט פון דעם פרעמיער, וועלכער דערקענט גלייך זיין אַלטען, טרייען, בראַווען פריינד פלאָרעסטאַן, וועמען אַלע האָבען געהאַלטען פאַר טוידט. ערשט יעצט דערצעהלט ראָקאָ וויא אזוי אויף דעם בעפעהל פון דעם טיראַנישען דאָן פּיזאַראָ איז פלאָרעסטאַן געהאַלטען געוואָרען פערשפּאַרט אין דעם טיעפסטען קעלער פון געפענגניס, וויא אזוי דעם זעלבען טאָג נאָך האָט ער געזאָלט ערמאָרדעט ווערן, וויא אזוי ער איז ענדליך גערעטעט געוואָרען פון זיין העלדישע ווייב לעאָנאָרע, וועלכע איז אָנגעקומען אין געפענגניס אַלס ארבייטער, פערשטעלט אַלס א מאַן אונטער'ן נאָמען „פידעליאָ", און איז זאָגאַר געוואָרען זיין טאָכטער'ס חתן. דער מיניסטער, אויסהערענדיג דאָס, הייסט לעאָנאָרע'ן אָפּשליסען דיא קייטען פון איהר מאַן, און אַלע, א חוץ דער נידערגעשלאָגענער דאָן פּיזאַראָ, זינגען:

„ווער איין זאָלכעס ווייב ערהונגעו,
שטים איין אונזער יובעל איין!
ניע ווירד עס צו האָך בעזונגעו,
רעטערין דעס גאטעס זיין!“

דיא אָפּערא „פידעליאָ“ איז צוערשט אויפגעפיהרט געוואָרען אין וויען אין 1805, אָבער איז ניט געווען קיין ערפאָלג. בעטהאָווען האָט דאן געמאַכט געוויסע ענדערונגען און האָט עס ווידער געלאָזט אויפפיהרען אין 1806, אָבער ווידער אָהן ערפאָלג. ערשט אין 1814 האָט בעטהאָווען געמאַכט נאָך ענדערונגען, און פון דאַן אָן איז „פידעליאָ“ געוואָרען בעריהמט. בעטהאָווען זעלבסט איז שוין דאַן געווען אין רעכטען מיטען פון זיין גרויסקייט.

געבאָרען געוואָרען איז בעטהאָווען אין באָן, דייטשלאַנד, אין 1770. ער האָט געהאַט א גוטע מוזיקאַלישע ערציהונג און האָט ניט אָנגעפאַנגען טהאָן וויכטיגע ארבייט פאר זיינע דרייסיגער יאָהרען. ער איז געוואָרען טויב אויף דער עלטער און האָט איבער דעם גע־האַט פיעלע מעלאַנכאָלישע מאָמענטען וועלכע האָבען זיך אָבגע־שפּיגעלט אין זיין מוזיק. ער איז געשטאָרבען אין וויען אין 1827.

DIE KÖNIGIN VON SABA — Goldmark

מלכה שבא

פון קאַרל גאָלדמאַרק

פערזאָנען:

אַסאַד — טענאָר; שלמה המלך — באַריטאָן; כהן־גדול — באַס; באַל־האַנאַן — באַריטאָן; שולמית — סאָפּראַנאָ; מלכה שבא — מעצאָ־סאָפּראַנאָ; אַסטאַראָט — סאָפּראַנאָ.

איינע פון דיא מעהר אָדער װעניגער פּאָפּולערע גרעננד אָפּעראַס װאָס איז אין פיעלע הינזיכטען עהנליך צו מייערבעער׳ס „פּ ר אָ פ ע ט“, האַלעווי׳ס „י ו ד י ן“ און ווערדי׳ס „אַ א י ד אַ“, איז „מ ל כ ה ש ב א“, פון ק אַ ר ל ג אָ ל ד־מ אַ ר ק.

אין מעהר וויא איין זינן קען „מלכה שבא“ גערופען ווערן א „אידישע“ אָפּערא. ניט נור איז דער קאָמפּאָזיטאָר א איד, דער זוהן פון א אידישען חזן, און ניט נור איז דיא טהעמא פון דער אָפּערא א אידישע, נור דיא אָפּערא איז אויך פול מיט אָריענטאַ־לישען קאָליר, דאָס הייסט, מיט „אידישע“ מוזיק. קאַרל גאָלד־מארק האָט זיך אויסגעצייכענט נור אין דיזען סאָרט מוזיק — אין דער מוזיק וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אַלס א קינד ביי זיין טאַטען אין קעשטעלי, אונגאַרן, וואו ער איז געבאָרען געוואָרען אין 1830. ער האָט געמאַכט א פערזוך אָפּצורייסען זיך פון דיזען איינפלוס, אָרונטער צו טרייסלען פון זיך דעם „אידישען“ גייסט; עס איז איהם אויך געוויסערמאַסען געלונגען, אָבער דיא קאָמפּאָזיציאָנען

האבען ניט מעהר געהאט דעם זעלבען גרויסען מוזיקאלישען ווערטה, דער קאמפאזיטאר, בעפרייענדיג זיך פון דעם גייסט וואס איז געווען איינגעפלאנצט אין זיין פלייש און בלוט, איז געווארען ניט מעהר ווי א נאכמאכער פון אנדערע קאמפאזיטארס, הויפטזעכליך פון וואגנער.

אין אלגעמיין קען גאלדמארק ניט גערעכענט ווערן פאר איינעם פון די גאר גרעסטע קאמפאזיטארס אין דער וועלט. מיט דער אויסנאהמע פון עטליכע קליינע קאמפאזיציאנען האט גאלדמארק ניט פיעל בעשאפען וואס זאל האבען א דויערהאפטען ווערטה. „מלכה שבא“ איז אפילו א צימליך גוטע אפערא פון מוזיקאלישען שטאנדפונקט און איז פאפולער אין פיעלע שטעדט פון אייראפא, אבער עס איז א פראגע אויב זיא האט א וויטע צוקונפט. דיא אפערא ליידעט פון דעם וואס אין איהר איז דא צופיעל קאליר, צופיעל רייכע אויסשטאטונג פון סצענען, צופיעל דראמאטישער עפעקט.

דיא געשיכטע פון דער אפערא „מלכה שבא“ איז ניט גענומען פון'ם חומש; דיא גאנצע האנדלונג איז אן אויסגעטראכטע און איז נור צוגיטשעפעט צו עטליכע ביבלישע פערזאנען. דער פערפאסער פון דער ליברעטא איז אויך געווען א איד, דער בעוואוסטער דראמאטורג ד ר. ה. ס. מ א ז ע נ ט ה א ל, און דיא האנדלונג איז וויא פאלגט:

ערשטער אקט

עס ווייזט זיך גלייך פון אנפאנג דער טהראן צימער פון שלמה המלך. אלעס איז רייך אויסגעשטאטעד ביז'ן העכסטען גראד. ווען דער פארהאנג הויבט זיך אויף קומען אריין פיעלע פון דעם קעניג'ס „טויזענד ווייבער“, בעגלייטעד פון זייערע דיענערס וועלכע טראגען טאמבורינס אין דיא הענד. דער אויפזעהער פון דעם פאלאץ, ב א ל ה א נ א ן, שטעהט ארומגערינגעלט פון זיין וואכע, וויא ער וואלט ערווארטעד אימיצען. עס קומט אריין דער כ ה ן ־ג ד ו ל, פיהרענדיג ביי דער האנד ש ו ל מ י ת'ן ער טרויסט דעם קעניג'ס טאכטער: איהר חתן א ס א ד וועלכער איז געשיקט געווארען צו בעגעגענען דיא מ ל כ ה ש ב א

וועט באַלד צוריק קעהרען און דיא חתונה וועט קענען פאָרקומען אין גיכען.

עס דערהערען זיך פון גאַס טרומפּייטען וועלכע שפּיעלען אַ מאַרש. אַלע פערשטעהן אַז דאָס איז אַ אסאַד אָנגעקומען און שולמית געהט איהם בעגעגענען. דער ערוואַרטעטער קומט אַריין, זעהר רייך געקליידעט, און זאָגט דאָס דער גרויסער גאַסט פון אַראַביען, דיא בעריהמטע קעניגין, איז שוין ביים טהויער. זיא איז נור געבליבען דאָרט אַ ווייַלע זיך אויסצופּוצען, אום צו ווייזען זיך פאַר שלמה המלך אין פולען גלאַנץ. אסאַד איז בלייך און בע־מערקט ניט דאָס שולמית קוקט אויף איהם מיט ליעבליכע אויגען. דער כהן־גדול מאַכט אסאַד׳ן אויפמערקזאַם אויף דעם, אָבער צו אַלעמענס איבערראַשונג ווערט ער נאָך בלייכער און קעהרט אָפּ דעם קאָפּ פון זיין כלה. שולמית פרעגט איהם:

„אסאַד, שפּרעך, וואָס איז געשעהן?
דיר צו פוסען זעה מיך דאָ!“

אָבער אסאַד ענטפערט:

„פרעג מיר ניט וואָס איז געשעהן,
דאָך פערלאָרען בין איך דיר!“

אַלע אַנוועזענדע, הערענדיג דאָס, ווערן שטאַרק אויפגערעגט און מען הויבט אָן רעדען צווישען זיך וועגען דעם. פּלוצלונג הערט זיך באַל־האַנאַן׳ס שטימע אויסרופען: „דער קעניג קומט!“

אַלע ווערען שטיל און פאַלען אויף דיא קניע, אַ חוץ דער כהן גדול, שולמית און איהר חתן אסאַד. שלמה המלך, אריינקומענדיג אָהן אַ מאַנטעל אָהן אָהן אַ קרוין, וואונדערט זיך וואָס עס הערשט אַזאַ שטילקייט, וואָס אסאַד שטעהט אַזוי צוטראָגען, און וואָס עס מערקט זיך אָן אויפרעגונג אין אַלעמענס אויגען. ער הייסט אַלע־מען, אַ חוץ אסאַד, אַרויסגעהן. ווען זיין בעפעהל ווערט דורכגע־פיהרט זאָגט שלמה המלך צו אסאַד׳ן אַז ער מערקט פון זיין גע־זיכט דאָס זייט ער האָט אָפּגערייזט צו בעגעגענען דיא מלכה שבא איז זיין ליעבע צו שולמית׳ן אָפּגעקיהלט געוואָרען. וואָס איז דיא אורזאַכע? וואָס איז געשעהן?

אַסאַד דערצעהלט דאַן וויא ער האָט דיא קעניגין מיט איהר סוויטע בעגעגענט ביים בארג לבנון. איהר געזיכט איז געוועזן בעדעקט מיט אַ שלייער. ער האָט ערפילט זיין דיפּלאָמאַטישע אויפגאַבע, וויא זיין קעניג האָט איהם געבאָטען, און האָט זיך דערנאָך אָוועקגעזעצט אָפּרוהען אין אַ דערבייאיגען וועלדיל. מיט אַ מאָל האָט ער דערהערט אַ פּליושקעריי אין אַ וואַסער און איינקוקענדיג זיך צווישען דיא צעדאַר בוימער האָט ער דערזעהן אַ געטליך שעהנע נאַקעטע פיגור פון אַ פרויענצימער, מיט האָאר שווארץ וויא דיא נאַכט, אַ האַלז פון עבענהאָלץ, אויגען ברענענדיג מיט לוסט פון לעבען, אָרעמס געשניצט פון עלפענביין — אין קורצען, אַזאַ בילד שעהנע פיגור דאָס איהם האָט צו איהר ניט ווילענדיג געצויגען. זיא האָט זיך פאַר איהם ניט געשראָקען. צוקומענדיג צו איהר האָט זיא איהם איינגעוויקעלט אין איהרע אָרעמס און צו איהר ברוסט געדריקט. ער האָט זיך פון איהר געריסען מיט געוואַלד, און פּלוצלונג איז זיא וויא אין דער לופטען פערשוואונדען געוואָרען.

שלמה המלך זאָגט דעם ברוישטען אַסאַד אַז דאָס בעסטע מיטעל אויסגעהיילט צו ווערן פון אַזאַ איינבילדונג איז וואָס שנעלער צו הייראַטהען מיט זיין הערצענס געליעבטע, שולמית, אָבער דער ברוישטער שיינט ניט צו ווערן אויסגעניכטערט פון דעם קעניג׳ס טרויסט ווערטער.

עס ווערט געמעלדעט, אַז דער גרויסער גאַסט איז שוין אָנגעקומען און אַ מערקווירדיגע סצענע פון פּראַכט און גלאַנץ זעהט זיך יעצט. עס קומען אַריין דורך זייטיגע טהירען סאָלדאַטען, פרויען און קינדער, אַלע געקליידעט און בעציערט אין דאָס שעהנסטע און בעסטע, און שטעלען זיך אויס ביי דיא טהירען און ארום שלמה המלך׳ס טהראָן. דורך דעם הויפּט אַריינגאַנג קומען יעצט אַריין דיא בעגלייטער פון מלכה שבא. מאַסען שקלאַפען מיט אַלערליי פּרעזענטען שטעלען זיך אויס אין פאַנטאַסטישע גרופּען. דיא שוואַרצע קעניגין ווערט אַריינגעטראָגען אויף אַ פּאַלאַנקין, בעגלייטער פון אַסטאַראָט. איהרע שקלאַפען העלפען איהר אַרויסשטייגען פאַר דעם טהראָן פון שלמה המלך, וועלכער טראָגט שוין יעצט

אויף זיך א מאַנטעל און א קרוין. דער קעניג הויבט זיך אויף און בעגריסט ווארם דעם גאַסט, וועלכע לייגט פאַר איהם פּאָר אַלע פּרעזענטען וואָס זיא האָט געבראַכט. דערנאָך הויבט זיא אויף דעם שלייער וואָס באַדעקט איהר געזיכט און זאָגט:

„אונד זעה, וואס נאָך קיין שטערבליכער ערבליקעט,
דאָס אַנטליץ זיינער קעניגין!"

אסאַד, דערזעהענדיג דאָס געזיכט, שפּרינגט צו נעהנטער, וויא א שלאַנג וואָלט איהם א ביס געטהאָן. „וואָס בעאונרוהיגסט דיך?" פרעגט איהם דער קעניג; און וויא א האַלב וואהנזיניגער דערמאָנט זיך אסאַד אויף דיא אויגען, דאָס געזיכט, פון וועלכע ער איז אזוי בעצויבערט געוואָרען אין וואַלד. אַלע קוקען אויף איהם מיט ערשטוינונג, מאַנכע מיט בעדויערונג. דיא קעניגין פיהלט זיך אויך ניט גאַנץ רוהיג. דאָך פרעגט זיא מיט א געמאַכטער קאַלטער מינע וואָס דער מאַן וויל פון איהר. אסאַד פרעגט איהר אויב זיא האָט שוין פערגעסען דיא ערשטע בעגעגעניש, און זיא ענטפערט: „וואהנזיניגער, איך קען דיך ניט!"

אַלע דענקען אז אסאַד לײדעט פון א כשוף וואָס אימיצער האָט אויף איהם ארויף געוואָרפען. שולמית איז פערצווייפעלט. דער קעניג פיהרט אָפּ זיין גאַסט צו ווייזען איהר דיא גרויסקייט פון ציון.

צווייטער אַקט

עס איז נאַכט. דיא לבנה שיינט איבער א פאַנטאַסטישען גאָרטען פון צעדאר און פאַלמען־בוימער, צווישען וועלכע עס געפינט זיך אין פאָדערגרונד א פאָנטאַן. אָן דער זייט זעהט זיך דער אריינגאַנג צום פּאַלאַץ. עס זעהט זיך ארומוואַנדערן אין א מיט זילבער געשטריקטען קלייד און שלייער דיא קעניגין פון אראביען. זיא טראַכט פון איהר ערפאַהרונג מיט אסאַד'ן ביים בארג לבנון און אין פּאַלאַץ. זיא האָט געקראָגען א גוואַלדיגע ליידענשאַפט פאַר'ן יונגען מאַן — זיא ליעבט איהם! זיא איז אייפערזיכטיג אויף שולמית'ן! ביי זיך אין מוח בעשליסט זיא ניט צו דערלאָזען אז ער זאָל זיך פערבינדען מיט אַן אַנדערער. ניין, זיא, מלכה

שבא, וועט ניט דערלאזען! זיא מוז פון אסאד׳ם ליעבע זעלבסט געניסען!

„זיסע העררין!“ — דערהערט דיא קעניגין דיא שטימע פון אסטאראט. „דו ביזט היער?“ פרעגט דיא קעניגין. יא, זיא, אסטאראט איז דא מיט גוטע נייעס: זיא האט בעגעגענט ארומ־געהן אין גארטען אסאד׳ן. דיא קעניגין וואלט איהם וועלען בעגע־גענען יעצט און אסטאראט איילט זיך דורכצופיהרען דעם וואונש פון איהר „העררין“. זיא געהט אפ זינגענדיג א ליעד פון וואונדער־בארע שעהנקייט מיט דעם צוועק צו ציהען דיא אויפמערקזאמקייט פון דעם יונגען מאן. עס ווירקט! אסאד קומט אריין, און דער־זעהענדיג ביים פאנטאן דיא רייצענדע פיגור פון דער קעניגין גלויבט ער קוים זיינע אויגען. אבער זיא בעוועגט זיך, איהרע אויגען רופען איהם, איהרע הענד זיינען אויסגעשטרעקט, א מאגנעטי־שע קראפט ציהט איהם צו איהר. ער ווארפט זיך אריין אין איהרע ארעמס, זינקענדיג אויף זיינע קניע, און זיא וויקעלט איהם ארום מיט איהר לאנגען שלייער, דריקענדיג איהם מיט ברענענדע ליי־דענשאפט צו איהר קערפער... דיא שטילע, זיסע ליעבעס־נאכט געהט אזוי פאראיבער, און עס איז שוין טאג ווען דער טעמפיל־וועכטער רופט אלעמען צום דאווגען. דיא קעניגין רייסט זיך ארויס פון איהר געליעבטען און פערשווינדט, איבערלאזענדיג איהם אין א האלב בעוואוסטלאזען צושטאנד פון דער צו שטארקער, אונערוואר־טעטער בערוישונג. ער ווערט שפעטער געפונען פון באל־האנאן ליגענדיג ביים פאנטאן און מען טראגט איהם אפ אין פאלאץ.

(פערוואנדלונג)

עס זעהט זיך יעצט דער בית המקדש, מיט אלע איינצעלהיי־טען — דער ארון קדש, דיא מנורה, אלעס מיט גלאנץ און פראכט, בעציערט און בעלויכטען וויא עס האט פאר דעם גרעסטען טעמפיל פון א פאלק געפאסט. דיא לוים האלטען אין אנצינדען דיא ליכט, דיא כהנים פעררריכטען דיא צערעמאניעס ביים אלטאר. עס קלייבען זיך צונויף מאסען מענשען. דיא סצענע איז א הערליכע, פול מיט קאליר און לעבען. דער כהן גדול זאגט הויך: „דאנקט דעם

אויבערשטען, ווייל ער איז גוט (הודו לד' כי טוב) און דיא משוררים ענטפערען: „עוויג געדויערט זיין גוטסקייט" (כי לעולם חסדו). דאַן זאָגט דער כהן גדול: „יאמר נא ישראל" און דיא משוררים ענטפערן: „כי לעולם חסדו". ווייטער: „יאמר נא בית אהרון", און דער ענטפער קומט ווידער: „כי לעולם חסדו". צום ענדע: „יאמרו נא יראי ד'", און דיא משוררים ענטפערן: „כי לעולם חסדו". דיא צערעמאָניעס פון ברענגען קרבנות ווערן דאַן אָנגעפאַנגען און פאָרטגעזעצט, ביז עס ווערט אריינגעפיהרט שולמית בעגלייטעד פון איהר סוויטע.

דיא חופה צערעמאָניע פאַנגט אָן. שלמה המלך פיהרט אריין דעם חתן אסאַד, בעגלייטעט פון אונטערפיהרערס. דער כהן גדול בענשט דיא חתן־כלה. ער נעהמט א פינגעריל, וועלכען ער דער־לאַנגט אסאַד'ן אום ער זאָל מקדש זיין דיא כלה. אָבער אין דעם מינוט עפענט זיך א זייטען־טהיר און עס קומט אריין מלכה שבא, בעגלייטעד פון אסטאַראָט, וועלכע טראָגט מיט זיך א מתנה פאר דער כלה. אזוי שנעל וויא אסאַד'ס בליקען וואנדערן אויף שבא פארגעסט ער זיך וואו ער איז און אלע מערקען זיין אויפרעגונג. דיא קעניגין פערענטפערט זיך: זיא האָט געבראכט דער כלה א „דרשה־געשאַנק". איהר אנוועזענהייט האָט אָבער אזא שטארקע ווירקונג אויף אסאַד'ן אז דיא גאנצע צערעמאָניע ווערט אונטער־בראָכען מיט א סקאַנדאַל. דיא קעניגין מאַכט אָן אונשולדיגע מינע, אסאַד ווינשט זיך דעם טוידט, שלמה המלך איז אויפגע־בראַכט, שולמית איז פערצווייפעלט, און דער כהן גדול פערפלוכט אלע וואָס זיינען שולדיג אין דער גאָטעס לעסטערונג.

דריטער אַקט

א באַנקעט זאָל אין שלמה המלך'ס פּאַלאַץ. פּיעלע פון דעם גרויסען קעניג'ס ווייבער אַמוזירען זיך. מיידלאַך טאַנצען. אין מיטען טאַנצט פּאַנטאַסטיש א מיידעל איינגעוויקעלט אין א לאַנ־גען שלייער, מאַכענדיג א פערזוך צו כאַפּען א ביען, וועלכער שפּרינגט ארום פאר איהרע אויגען. עס הערט זיך געזאַנג. אלע זיינען לוסטיג.

עס קומען אריין שלמה המלך און מלכה שבא. דער קעניג פרעגט איהר ווארום זיא איז מרה־שחורה'דיג. פעהלט איהר דען עפּעס? איז דען דאָ וואָס וועלכען זיא קען ניט קריגען. זיא דאַרף נור רע־דען און אַ האַלבען קעניגרייך וועט ער איהר געבען. אָבער דיא שווארצע קעניגין פערלאַנגט ניט אזוי פיעל. וואָס זיא וויל נור איז ער זאָל בעגנאַדיגען דעם יונגען מאַן אסאַד, אויף וועמען זיא האָט געקראָגען רחמנות. דער קעניג זאָגט אז אסאַד'ס שיקזאַל איז ניט מעהר אין זיינע הענד. דיא גערעכטיגקייט מוז טהאָן איהר זאַך. זיא וויל אָבער פון דעם ניט וויסען. זיא בעט — צוערשט מיט גוטען, דערנאָך מיט בייזען; און וואָס מעהר זיא ווערט אויפגע־רעגט אַלץ מעהר פערשטעהט דער קלוגער קעניג איהר העסליכע ראָלע אין דער גאַנצער געשיכטע. דער רעזולטאַט איז אַז איהר פערלאַנג ווערט ניט נאָכגעגעבען. באַל האַנאַן לאָזט וויסען דאָס אסאַד איז פעראורטהיילט געוואָרען צום טוידט און דער קעניג הייסט איהם אריינפיהרען. דערווייל דערהערט ער דאָס אימיצער טרויערט. דאָס איז שולמית, זאָגט מען איהם. שולמית באַדעקט מיט אַ שווארצען שלייער און בעגלייט פון וויינענדע חבר'טעס קומט אריין. „רעד, שולמית, וואָס האָסטו מיר צו זאָגען?" זאָגט דער קעניג; און דיא אונגליקליכע פרינצעסין בעט דאַן ביי איהם אז ער זאָל בעגנאַדיגען אסאַד'ן, וועמען זיא ליעבט מיט דער גאַנצער נשמה. שלמה המלך זאָגט גאָרניט צו. ער הייסט איהר זיך פער־לאָזען אויף גאָט און לאָזט איהר איבער אין גרעסטען טרויער.

פיערטער אַקט

אַ שרעקליכע וויסטעניש, מיט נור איין פערדאַרטע פּאַלמע אין מיטען. אסאַד שלעפּט זיך קוים אריין, מורמלענדיג דאָס ער איז פון טוידט בעפרייט געוואָרען, אָבער איז דערפאַר פערשטויסען געוואָרען פון דער גאַנצער לעבעדיגער וועלט. פּלוצלונג דערהערט ער זיין נאָמען. אימיצער רופט: „אסאַד". עס קומט אריין מלכה שבא. זיא איז יעצט מיט איהר קאַראַוואַן אויפ'ן וועג צו זיך אַ היים. זיא האָט איהם נאָכגעשפּירט און האָט זיך אויף אַ וויילע אָפּגע'גנב'עט פון איהרע בעגלייטער מיט איהם צו רעדען.

„טרוים געזיכט!" זאָגט אסאַד; „אוועק פון מיר, איך קען דיך ניט." אין אנדערע ערטער, ער בעצאָהלט איהר יעצט מיט דיזעלבע מינצען... דיא קעניגין בעט זיך ביי איהם. זיא וועט איהם בעלוינען וויא אַ קעניג. זיא וועט איהם מיטנעהמען צו זיך אין לאַנד. זיא וועט איהם צום העכסטען גליק פיהרען, אָבער זיינע אויערן ווילען ניט הערען איהרע זיסע רייד. מיט פעראכטונג שטויסט ער איהר אָפּ פון זיך און מיט גרוים כעס פערלאָזט זיא איהם.

אסאַד, בלייבענדיג אליין, ווינשט זיך דעם טוידט. אין א האלב געחלש'טען צושטאַנד פאַלט ער אנידער אונטער'ן בוים. עס הויבט זיך יעצט אויף א שרעקליכער ווינד און זאמד שטורם און פערפינסטערט דיא גאַנצע געגענד. אסאַד זעהט זיך קוים ארויס ווען דער שטורם איז פאַראיבער און דער וועטער לייטערט זיך אויס.

עס קומט אָן שולמית בעגלייטעד פון איהרע פריינד. אין א שטאַרבענדען צושטאַנד טרעפט זיא איהר אונגליקליכען, פערפיהר־טען געליעבטען. אין איהרע אָרעמס הויכט ער אוים זיין לעצטצען אָטהעם.

דערמיט ענדיגט זיך דיא גאַנצע האַנדלונג, וועלכע וויא מען קען זעהן איז א געמישעכץ פון דיא האַנדלונג אין „אאידא" און „טאַנ־הייזער". עס איז דאָ אָבער אַ געלעגענהייט פאַר גרויסע טהעאַטראַ־לישע עפעקטען, פאַר רייצענדע, בלישצענדע קאָלירען, פאַר רייכע דראַמאַטישע סצענען. דיא מוזיק איז אויך פון דעם זעלבען כאַ־ראַקטער, אָבער פול מיט אָריענטאַלישע מעלאָדי. בעזאָנדערס שעהן מוזיקאַליש און דראַמאַטיש איז דיא סצענע אין צווייטען אַקט, אין גאָרטען, ווען דיא קעניגין בעגעגענט זיך מיט אסאַד'ן ביים פאָנ־טאַן... דיא באַלעטען און דיא כאָרען זיינען פון דיא בעסטע און גרויסאַרטיגסטע וואָס מען טרעפט אויף דער אָפּערא ביהנע.

„מלכה שבא" איז צוערשט אויפגעפיהרט געוואָרען אין וויען אין 1875 מיט גרויסען ערפאָלג. גאָלדמאַרק האָט זיך אָבער נאָכ־דעם אַ נדר געטהאָן ניט מעהר צו פערפאַסען אָריענטאַלע מוזיק און

זיין נעכסטע אָפּערא „מערלין" איז געווען א דורכפאַל. ער האָט אי אין דער ליברעטאָ אי אין דער מוזיק געוואָלט נאָכמאַכען ריכארד וואגנער און ער האָט זיך דאמיט קיין גרעסערן נאָמען ניט געמאַכט. זיין „מלכה שבא" איז פערבליבען זיין גרעסטע אָפּערא ווערק.

SALOME — Strauss

סאלאמע

פון ריכארד שטראוס

פערזאנען :

תורדוס — טענאר ; יוחנן — באריטאן ; נאראבאט — טענאר ; 2 סאלדאטען — באסען ; 2 נאזארענער — באס און טענאר ; 5 אידען — 4 טענארען און 1 באס ; א קאפּאדאציער ; א שקלאף ; סאלאמע — סאפּראנא ; הורודית — מעצא־סאפּראנא ; הורודית׳ס פּאזש — קאנטראלטא.

„ס א ל א מ ע", די נייע אפּערא פון ר י כ א ר ד ש ט ר א ו ס, איז א קונסט־ווערק וואס האט אין דעם ערשטען יאהר פון איהר עקזיסטענץ געמאכט א מערקווירדיג גרויסען פוראר איבער דער גאנצער וועלט. די מיינונג פון די מוזיק קריטיקער איז אפילו ניט קיין איינשטימיגע איבער דעם ווערטה און די וויכטיגקייט פון דיזער נייעסטער מוזיק־דראמאטישע קאמפאזיציאן, אבער אלע גיבען צו אז „סאלאמע" איז עטוואס בעזאנדערס, אריגינעל, ניי אין פארם און טעכניק, און גאר אנדערש וויא די אפּעראס וואס זיינען ביזהער פערפאסט געווארען. פיעלע אנערקענטע מבינים אין מוזיקאלישע אנגעלעגענהייטען זאגען אז „סאלאמע" איז די גרעסטע אפּערא וואס איז געשריבען געווארען זייט דער אונשטערבליכער ריכארד וואגנער האט געענדיגט זיין מוזיקאלישע קאריערע מיט בעשאפען פאר דער וועלט די בעריהמטע „מוזיק־דראמא" — „פּ א ר ס י פ א ל".

„ס א ל א מ ע" איז פאר דעם ערשטען מאל אויפגעפיהרט

געוואָרען אין דרעזדען, אין דעצעמבער 1905, ניט מעהר ווי אַ צוויי יאָהר צוריק; און אין דיעזער קורצער צייט איז דיא אָפּערא געוואָרען אַזוי בעריהמט אַז זיא איז שוין אויפגעפיהרט געוואָרען מיט דעם גרעסטען ערפאָלג אין אַלע גרויסע שטעדט פון דער וועלט. אין לאָנדאָן האָט מען עס ניט געלאָזען אויפפיהרען ווייל דיא דאָרטיגע צענזור האָט עס פערבאָטען אויפ'ן גרונד דאָס דער סוזשעט איז אַ ביבלישער. אין אמעריקא איז דיא אָפּערא פאר'ן ערשטען מאָל אויפגעפיהרט געוואָרען אין דעם סיזאָן פון 1906—1907 אין מעטראָפּאָליטאַן אָפּערא הויז פון ניו יאָרק.

אַ היבשער טהייל פון דעם מוזיק ליעבענדען פובליקום פון דער גאַנצער וועלט האָט שוין אַלזאָ געהאַט די געלעגענהייט צו הערן און זעהן „סאַלאָמע", און לויט דיא מיינונג פון דיא מייגסטע פון דיעזע איז ריכארד שטראוס אָהן צווייפעל דער גרעסטער מוזיקאַלישער זשעני זייט וואַגנער. דיא אַנדערע אָפּערא קאָמפּאָזיטאָרס פון דער יעצטיגער צייט, אַזעלכע אַנערקענטע מייסטערס, ווי פוטשיני, לעאָנקאַוואַלאָ, מאַסקאַני, מאַסענע, זשיאָרדאַני, סען־סאַן, גאָלדמארק, הומפּערדינק, רימסקי־קאָרסאַקאָף, אַלץ אַזעלכע מענשען וואָס האָבען געשטריטען פאַר דער עהרע צו ווערען אַנערקענט אַלס „גרעסטער" — האָבען מיט אַמאָל געמוזט אָפּטרעטען דעם ערשטען פלאַץ צו דעם קאָמפּאָזיטאָר פון „סאַלאָמע".

ריכארד שטראוס האָט פערפאַסט צוויי אָפּעראַס פאַר „סאַלאָמע"; „גונטראָם" און „פייערסנאָט", אָבער קיינע פון זיי איז ניט געווען קיין ערפאָלג און האָט איהם ניט געמאַכט פּאָפּולער. זיין נאָמען אַלס מוזיקער איז אָבער אין דיא לעצטע עטליכע יאָהר בעריהמט געוואָרען צווישען מוזיק־ליעבהאָבערס דורך זיינע סימפאָנישע קאָמפּאָזיציאָנען, אָדער ווי ער אַליין רופט זיי — „טאָן־פּאָעמען". עטליכע פון דיעזען סאָרט פון זיינע קאָמפּאָזיציאָנען טראָגען דיא נעמען: „דאָן זשואַן", „מאַקבעט", „דאָן קיכאָט" און „אַזוי האָט געשפּראָכען זאַראַטוסטרא". אין דיזע קאָמפּאָ־

זיציאָנען האָט ער ארויסגעוויזען א מערקווירדיגע בעקאנטשאפט מיט דער טעכניק פון דעם אָרקעסטער אלס אַן אָרגאַניש־מוזיקאלישער אינסטרומענט. ער האָט ארויסגעוויזען פיעל אָריגינאַליטעט, גרויס בעשאפונגס־קראפט און אונטערנעהמונגס־גייסט, און ביי א בעשריינקטע צאָהל ענטהוזיאסטען איז שטראוס דורך דיעזע „טאָן־פּאָעמען“ אליין בעגריסט געוואָרען אלס דער גרעסטער שטערן פון דער יעצטיגער צייט.

אָבער ערשט נאכדעם וויא דיא מוזיקאלשע וועלט האָט צוגע־קראָגען דיא אָפּערא „סאלאָמע“ האָט מען געקענט קריגען א בעסערן בעגריף פון שטראוס'עס מוזיקאלישע אידעען. אין „סאלאָמע“ האָט דיא וועלט געקראָגען א פּאָלשטענדיגען ווערק פון וועלכען מען האָט געקענט אורטהיילען דעם סטיל, דעם כאראקטער און דיא פילאָ־זאָפיע פון ריכארד שטראוס אלס קאָמפּאָזיטאָר.

און שטודירענדיג דיא מוזיק פון „סאלאָמע“ ווערט שטארק בע־שטעטיגט דיא מיינונג וואָס איז נאָך מיט א צייט צוריק אָנגעגעבען געוואָרען, נעמליך, אז שטראוס איז א רעוואָלוציאָנערער קאָמפּאָ־זיטאָר — ניט אין דעם פּאָליטישען זינן, פערשטעהט זיך. רעוואָ־לוציאָנער איז ער, ווייל זיין מוזיק איז פ ו נ ד א מ ע נ ט א ל פערשיעדען פון דיא מוזיק פון דיא מייסטע אנדערע קאָמפּאָזי־טאָרס. רעוואָלוציאָנער איז ער ווייל ער האלט זיך ניט ביי קיינע פון דיא אלטע אנערקענטע רעגלען, ווייל ער איגנאָרירט אַלע איבעראַל אָנגענומענע אידעען וועגען דעם וואָס מוזיק איז און וויא מוזיק דארף געשריעבען ווערען. רעוואָלוציאָנער איז ער ווייל ער ברעכט אלעס וואָס איז אלט, פערשימעלט, אָפּגעלעבט און טראַדיציאָנעל אין מוזיק — אלעס וואָס איז בעשאפען געוואָרען אין צייטען ווען עס זיינען ניט געווען דיא פערשיעדענע גרויסאר־טיגע מיטלען וואָס דיא מאָדערנע ציוויליזאציאָן האָט געמאכט מעגליך.

ווארום פערגעסען דארף מען ניט דאָס אויך אין מוזיק האָט דער ערפינדונגס־גייסט אריינגעדרונגען. דיא צאָהל פון פערשיע־דענע מוזיקאלישע אינסטרומענטען איז פיעל פערגרעסערט געוואָ־

רען, און דיא מעלות פון יעדען אינסטרומענט בעזונדער זיינען שטארק פערבעסערט געוואָרען; זאָ דאָס, צום ביישפּיעל, אַן אָרקעסטער פון היינטיגע צייטען איז א גאנץ אנדער זאַך, א מעהר קאָמפּליצירטע זאַך, וויא אַן אָרקעסטער מיט א הונדערט יאָהר צוריק, און מען קען היינט אויף אַן אָרקעסטער אויסדריקען גרעסערע זאכען, טיעפערע אידעען, וויא אויף אַן אָרקעסטער פון אמאָל.

און ריכארד שטראוס האָט דעם גייסט פון דער היינטיגער צייט איינגעאָטהעמט מיט דעם גאנצען פייער פון זיין מוזיקאַלישע נשמה. ער האָט דאָס קלאָהר בעוויעזען אין זיינע „טאָןפּאָעמען", און נאָך מעהר אין „סאלאָמע". ער האָט ניט אין זיין מורזיק גאָר קיין שום מעלאָדי, וויא מען איז געוואָהנט צו געפינען ביי דיא איטאַליענישע קאָמפּאָזיטאָרס. ער האָט אין דעם הינזיכט אריבער געיאָגט וואגנער'ן, וועלכער האָט אויך גיט געוואָלט וויסען פון קיין מעלאָדישע מוזיק אין דעם איטאליענישען זינן. ביי וואגנער'ן פלעגט זיך אָבער פון צייט צו צייט אָפּרופען א ביסעל מעלאָדי, ספּעציעל אין דיא איגגערע יאָהרען, ווערענד ביי שטראוס'ן איז פון דעם ניטאָ קיין זכר.

זייענדיג א גרויסער בריה אויף שרייבען אָרקעסטער מוזיק, בעזיצענדיג א זעלטענע בעקאנטשאפט מיט דיא מעלות פון יעדען איינציגען מוזיקאלישען אינסטרומענט, און ליעבענדיג שטארק צו פערבינדען פערשיעדענע שטרייטענדע מוזיק טענער אין איין הארמאָנישען גאנצעס, האָט שטראוס אָנגעווענדעט זיין גאנצע ענערגיע, זיין גאנצע קראפט, זיין פולסטען טאלאנט, אויף פערפאסען דיא קאָמפּליצירטעסטע אָרקעסטער מוזיק וואָס מען קען זיך פאָרשטעלען. דארום זאָגען מאנכע קריטיקער אז ריכארד שטראוס געהט נאָך ווייטער וויא ריכארד וואגנער, און דיא מענשען וואָס האָבען וואגנער'ס מוזיק זעהר ווייניג אָדער גאָר ניט געהערט, נור זיי האָבען גלאט א שלעכטע אָדער א פאלשע מיינונג פון איהר — דיא מענשען זיינען בערייט צו אנטלויפען וואו

פעפער וואקסט ווען מען דערמאָהנט פאר זיי דעם נאָמען פון דעם קאָמפּאָזיטאָר פון „סאלאָמע“.

דער שרעק איז אָבער אן אומזיסטער. אזוי ווי וואגנער׳ס מוזיק איז ווייט פון זיין „אָפּשטויסענד“, „טרוקען“, „לאנגווייליג“ און „שווער“, אזוי איז שטראוס׳ס מוזיק ווייט פון דעם. די מענ־שען וואָס זיינען זייער גאנצען לעבען געהאָדעוועט געוואָרען אויף מעלאָדישע לידעלאך, אָדער אויף איטאליענישע אָפּערא, קענען זיך גאָר נים פאָרשטעלען אז אן אָפּערא אָהן מעלאָדי, אָהן אריען און דועטען, אָהן טריאָס, קווארטעטען און קווינטעטען, זאָל גאָר האָבען עטוואָס זים, עטוואָס ערהאבענעס, עטוואָס צוציהענדעס אין זיך. זיי קענען זיך דאָס נים פאָרשטעלען, ווייל זייער מוזיקא־לישע בילדונג איז א בעשריינקטע, אן ענגע; זייער געשמאַק איז איבערגעפיהרט און זייער פערשטאַנד איז פול מיט פאָראורטהיי־לע, אזוי וויא ביי אן ענגהערציגען דאָגמאטיקער. אין דער אמת׳ן האָט די לייכט פליסענדע מעלאָדישע מוזיק פון די אי־טאליענישע קאָמפּאָזיטאָרס א פיעל קלענערען ווערטה וויא די טיעף־אויסדרוקספאָלע מוזיק פון די דייטשען. דאָס וואָס וואגנער האָט געקענט אויסדריקען מיט זיין אָרקעסטער, מיט די פידלען און מיט די טרובעס פון דעם אָרקעסטער, דאָס האָט אפילו ווערדי נים געקענט אויסדריקען מיט די בעסטע און רייכסטע פון זייגע מעלאָדישע אריען. און ריכארד שטראוס, גע־הענדיג אויף דעם וועג פון ריכארד וואגנער, האָט ענדליך בעשאַ־פען א ווערק, וועלכע האָט פיעלייכט צו זיך נים קיין גלייכען אין די קונסט פון אָרקעסטער־מוזיק. דיעזע ווערק איז „סאלאָמע“.

„סאלאָמע“ האָט נים קיין מעלאָדיען. די אָפּערא איז צו־זאמענגעשטעלט און צוזאמען געפלאָכטען פון אן אנצאהל לייט־מאָטיפען, עטליכע און פערציג אין צאָהל. נים ווייניגער וויא א הונדערט מוזיקער מוזען די אָפּערא שפּיעלען. שטראוס אליין האָט געברויכט ביי דער פאָרשטעלונג פון „סאלאָמע“, אונטער זיין אויפזיכט, 104 מוזיקער. אין מעטראָפּאָליטאן אָפּערא האוז פון ניו יאָרק, ביי דער ערשטער און איינציגער אויפפיהרונג אין

דעם סיזאָן פון 1906־1907, האָבען געשפּיעלט 106 מוזיקער אין דעם אָרקעסטער. דער „עפעקט" איז אַ וואונדערבאַרער, אַן אונגעוועהנליכער, אַן אונאויסדריקבארער מיט'ן פען אויף פּאַפּיער. שוין ניט ריידענדיג פון דעם וואָס דער סוזשעט, וועלכער איז גענומען פון אָסקאַר ווײַלד'ס אַ דראַמא מיט'ן זעלבען נאָמען, איז אַן אויסערגעוועהנליך פאַנטאַסטישע, איז דיא מוזיק נאָך מעהר פאַנטאַסטיש אין כאַראַקטער; און אַלע מוזיק אויטאָריטעטען גיבען צו דאָס שטראוס'ס „סאַלאָמע" איז אַ פיעל גרעסערע מייסטערווערק מוזיקאַליש וויא אָסקאַר ווײַלד'ס „סאַלאָמע" איז אַ מייסטערווערק דראַמאַטיש.

דיא דראַמאַטישע האַנדלונג פון דער אָפּערא סאַלאָמע.

ריכאַרד שטראוס האָט געברויכט אַ דייטשע איבערזעצונג פון אָסקאַר ווײַלד'ס דראַמא פאַר זיין אָפּערא. ער האָט נור אויסגעלאָזען אַ פּאָאַר אונוויכטיגע ראָלען, אָבער דיא האַנדלונג און דיא ווערטער אין אַלגעמיין זיינען פערבליעבען דיא זעלבע. דער סוזשעט איז וויא פאָלגט:

ביים וויצע קעניג פון יהודה, דער אדומי הורדוס, איז געווען אין פּאַלאַץ געפאַנגען יוחנן המטבל, וועלכער האָט פאָראויס געזאָגט דעם קומען פון יעזוס קריסטוס און האָט אין זיינע רעדעס שטאַרק פערדאַמט די אויסגעלאַסענהייט פון הורודיה, דיא צווייטע ווייב פון הורדוס. הורודיה האָט געהאַט אַ טאָכטער סאַלאָמע, וועלכע איז געווען אַזוי ווילד און וואונדערבאַר שעהן, אַזוי פאַנטאַסטיש און ליידענשאַפטליך רייצענד, אַזוי טיעפליש חן'עוודיג צוציהענד, דאָס אַלע מענער האָבען איהרע טריט פערגעטערט. זאָגאַר דער וויצע קעניג אַליין, איהר שטיף־פאָטער הורדוס, פלעגט אויף איהר קוקען מיט זיינע פער'שכור'טע אויגען אַזוי תאוה'דיג, דאָס פאַר זיין ווייב הורודיה פלעגט אויסקומען אָפט מאָהל צו זידלען איהם פאַר זיין מיאוסע אויפפיהרונג, ספּעציעל אין דער אַנוועזענהייט פון זיין סוויטע און זיינע געסט.

סאַלאָמע'ס האַרץ איז אָבער ניט געווען איבערגעגעבען צו קיינעם, ביז זיא האָט דערזעהען דעם נוצרי'שען נביא, יוחנן. אין

איהם האָט זיא זיך שטערבליך פערליעבט, אָבער אויף א ווילדען, באַרבאַרישען אופן. זיא האָט ניט געקוקט אויף דעם וואָס יוחנן האָט אויף איהר מוטער געוואָרפען שמוץ און געזאָגט דיא ערגסטע זאכען, איהר האָט ניט געקימערט וואָס הורדוס האָט פערבאָטען יעדען איינעם צו זעהן דעם קריסטליכען נביא, זיא האָט ניט גע־שיינקט קיין שום אויפמערקזאמקייט אויף דעם וואָס א יונגער סיריער (נאַראבאָט) האָט זיך אוים אייפערזוכט דערשטאָכען ביי איהרע פיס. — זיא האָט נור פאר זיך געזעהן דעם שעהנעם ווייסען קערפער פון דעם פּרעדיגער, זיינע טיעפע ברענענדע אויגען, זיינע לאַנגע שווארצע האָר, זיין געטאָקטען רויטען מויל, און איהר קערפער האָט געציטערט פון אויפרעגונג, פון דורשט נאָך ליידענ־שאַפטליכע ליעבע.

„קיינמאָהל ניט! קיינמאָהל ניט, טאָכטער פון באבעלאָניען! טאָכטער פון סדום! קיינמאָהל ניט!" — ענטפערט דער נביא אויף אלע איהרע ליעבעס ערקלעהרונגען. אָבער איהר לוסט נאָך לע־בען איז אונבעגרענעצט און אונבעהערשט, און זי זאָגט איהם מיט קאַפּריזנע ענטשלאָסענהייט: „איך וועל קושען דיין מויל, יוחנן. איך וועל קושען דיין מויל."

און זיא האָט געהאַלטען וואָרט!

אין אן אבענד פון שכרות אין פּאַלאַץ, ווען הורדוס האָט אונטערהאַלטען פּאָליטישע געסט פון רוים און אנדערע, וויא 5 אי־דען און 2 נאַזאַרענער, האָט זיך איהם פערוואָלט אז סאַלאָמע זאָל פאר איהם טאַנצען. הורודיה פערזאָגט אָבער איהר טאָכטער דאָס ניט צו טהאָן. דאָס האָט הורדוס'ן נאָך מעהר געררייצט, און ער האָט גענומען צוזאָגען סאַלאָמע'ן אַלעס וואָס זי וועט וועלען, אפילו אַ העלפט פון זיין קעניגרייך, ווען זיא וועט פאר איהם נור טאַנ־צען יענעם אבענד. סאַלאָמען פּאַלט איין אַ געדאַנק — זיא וועט טאַנצען און דערנאָך ערשט פאָדערן איהר פּרייז.

זיא טאַנצט. הורדוס איז ענטציקט. זיא קומט דאן פאָדערן וואָס הורדוס האָט צוגעזאָגט — אירגענד וואָס זיא וועט וועלען, ביז א העלפט פון זיין קעניגרייך. זיא וויל אָבער ניט קיין סך:

אויף א זילבערנעם טאץ זאל מען איהר ברייננען דעם קאפ פון יוחנן.

הורדוס בלייבט זיצען א פערציטערטער. ווארום געקוקט האט ער אויף יוחנן וויא אויף א געטליכען מענש, וועמעס פערזאן איז היילינ, און אויף אזא שרעקליכען פערלאנג פון זיין שטיף־טאכטער האט ער זיך קיין מאל ניט געריכט. ער טענה'ט צו איהר:

„איך בעט דיך, סאלאמע, פערלאנג פון מיר עטוואס אנדערש. פערלאנג פון מיר א העלפט פון מיין קעניגרייך און איך וועל עס דיר געבען, פערלאנג אבער ניט פון מיר דאס וואס דו האסט גע־בעטען.“

סאלאמע האלט זיך אבער ביי איהריגעס:

„איך בעט ביי דיר דיא קאפ פון יוחנן.“

דאן ערשט רעכענט פאר איהר אוים הורדוס אלע טהייערע זא־כען וואס ער קען איהר געבען — דיא וואונדערבארסטע זאכען וואס אן איינצעלנער מענש קען בעזיצען, אבער סאלאמע, נאך צוקרי־קענדיג מוטה פון איהר מוטער, ווייס נור פון איין זאך: זיא וויל דיא קאפ פון יוחנן.

הורדוס קען זיין ווארט ניט ברעכען. אלע האבען געהערט וויא ער האט זיין ווארט נעגעבען. אין פערצווייפלונג הייסט ער איהר פערלאנג ערפילען. דער תליון געהט ארונטער אין געפענג־ניס וואו יוחנן ווערט געהאלטען און ברייננט ארויף זיין קאפ אויף א זילבערנעם טאץ.

און דיא ווילדע פרינצעסין, אנגעפילט מיט טהיערישע לוסט, ערפרעהט פון איהר נצחון איבער דעם וואס האט זיך פון איהר ניט לאנג צוריק אויסגעלאכט, באדעקט דיא קאלטע ליפען פון דעם ער־מארדעטען נביא מיט איהרע ווארעמסטע קושען, זאגענדיג: „אה, איך האב געקושט דיין מויל, יוחנן!“

אבער דער שכור'ער הורדוס קען שוין דאס ניט אריבער טראַ־גען. וויטהענד, אייפערזיכטיג, דערשראקען ניט ער א געשריי צו זיינע סאלדאטען:

„טויטעט דיעזע פרוי!“

און סאלאָמע, דיא טאָכטער פון הורודיה, דיא פּרינצעסין פון יהודה, ווערט הער'הרג'עט פון דיא סאָלדאטען.

דערמיט ענדיגט זיך דיא גאנצע ווילדע האנדלונג אי אין דער דראמא פון אָסקאר ווייילד אי אין דער אָפּערא פון ריכארד שטראוס.

דיא גאנצע אָפּערא בעשטעהט פון איין אקט, וועלכער געדויערט אָבער מעהר וויא א שטונדע און א האלב צו שפּיעלען.

דיא מוזיק איז פול מיט פערשיעדענארטיגען קאָליר. דיא אָפּערא איז פול מיט איבעראַשונגען. אפילו דיא וואָס האָבען שוין געזעהן וואגנער'ס „ר י נ ג ד ע ס ניבעלונגען“, דיא וואָס האָבען זיך צוגעהערט צו דיא מוזיק פון אזעלכע אָפּעראס וויא „ד אָ ס ר ה י י נ ג אָ ל ד“, „ד י א וואלקירען“, „ז י ע ג פ ר י ע ד“ און „ד י א געטערדאמערונג“, האָבען געפונען אין שטראוס'עס קונסט־ווערק פיעלעס, זעהר פיעלעס, וואָס איז ניי, וואָס איז אָריגינעל, וואָס איז פאנטאסטיש בעצויבערענד, וואָס איז ווילד מיטרייסענד, וואָס איז וואונדערבאר, ערשטוינענד, ערהאבען.

מען מוז אָבער אויך צוגעבען דאָס א גרויסען טהייל אין דעם צויבער פון דער „סאלאָמע“ מוזיק האָט דער סוזשעט וויא אָסקאר ווייילד האָט עס אָריגינעל בעארבייט אין זיין דראמא. וויא עס איז געוויס בעוואוסט צו כמעט אלע וואָס לעזען צייטונגען איז אָסקאר ווייילד געווען א בעריהמטער ענגלישער ליטעראַט. ער איז ניט לאנג צוריק געשטאָרבען אין פראנקרייך מיט א צובראָכענער הארץ און מיט אַן איבערגעפּיהרטען נאָמען, פערגעסען און פערלאָזען פון זיינע בעסטע פריינד — און אלץ איבער א שוואכקייט אין דער נאַטור וואָס האָט איהם געשליידערט אין העם טיעפסטען אָבגרונד פון שמוץ און ערנידערונג. ער איז אָבער געווען א פערזאָן מיט א גרויסען טאלאנט, און ערשט יעצט ווען זיין נאָמען איז דורך שטראוס'ס מוזיקאלישע מייסטערווערק אויף דאָס ניי בעריהמט געוואָרען זעהען ערשט אלע פריי־געזאָנענע מענשען וואָס פאר א

גרויסער ליטעראַרישער שטערען איז פּערלאַשען געוואָרען אין זיין טוידט.

אין 1892 האָט אָסקאַר ווײַלד אויפגעשריעבען זיין דראַמאַ „סאַלאָמע“, וועלכע האָט געזאָלט אויפגעפיהרט ווערען פון סאַראַה בערנאַרד אין פּאַלאַס טהעאַטער, לאָנדאָן. אָבער דיא צענזור האָט פערבאָטען דיא אויפפיהרונג פון דער דראַמאַ אויף דעם זעלבען גרונד וואָס דיא אָפּערא, און סאַראַה בערנאַרד האָט אויפגעגעבען דיא אידעע פון ערשיינען אויף דער ביהנע אין דער ראָלע פון דער אַבנאָרמאַלער, בעסטיאַלישער שטיעף־טאָכטער פון הורדוס הרשע, וועלכע האָט געטראָגען דעם בעצויבערענדען נאָמען ס אַ ל אָ מ ע. אַנדערע אַקטריסעס, ספּעציעל דייטשע, האָבען זיך אָבער אָנגע־כאַפּט אָן דער דראַמאַ, וועלכע איז אין דייטשלאַנד געוואָרען זעהר פּאָפּולער, טראָטץ דיא דראַמאַטישע קריטיקער, וועלכע האָבען פער־ראַמט דאָס ווערק פאַר דעם ווילדען, אבשייליכען, אונמאָראַלען סוזשעט.

אָסקאַר ווײַלד׳ס דראַמאַ איז אָבער ניט געווען דער איינציגער פערזוך צו שילדערען דיא תאוה׳דיגע סאַלאָמע, דיא בילד שעהנע און רייצענדע טאָכטער פון הורידיה, וועלכע האָט זיך פערליעבט אין י ו ח נ ן המטביל, דעם קריסטליכען נביא. פערשיעדענע מייסטערס — פון דער ליטעראַטור, מוזיק, מאַהלעריי און דראַמאַ — האָבען בעהאַנדעלט דיא טהעמאַ. דער פראַנצויזישער נאָוועליסט פ ל אָ ו ב ע ר האָט געשריבען דאָס ווערק "ה ע ר אָ ד י אַ ס" אין וועלכען סאַלאָמע ווערט געשילדערט אַלס אַן אונשולדיגע טענצערין. דער דייטשער דראַמאַטורג ז ו ד ע ר מ אַ ן האָט אין זיין „י אָ ה אַ נ ע ס“ געשילדערט דיא סאַלאָמע וועלכע איז זעהר עהנליך צו דער סאַלאָמע פון אָסקאַר ווײַלד, מיט דעם אונטערשיעד נור וואָס ביי ווײַלד׳ן איז סאַלאָמע דיא הויפּט פיגור פון דער האַנדלונג. דער קאָמפּאָזיטאָר מ אַ ס ע נ ע האָט אין 1891 אויפגעפיהרט אין ברוסעל זיין אָפּערא „ה ע ר אָ ד י אַד“, אין וועלכע סאַלאָמע ווערט געשילדערט אַלס אַ פערפיהרערין פון יוחנן המטביל. פיעלע בעריהמטע אַרטיסטען האָבען געמאָהלען סאַלאָמע

אויף ליזוועגד, אבער עס זיינען געווען די בילדער פון ט י ט י א ן און ל ע א נ א ר ד א ד ע ו ו י נ ט ש י, וועלכע האבען אויף אסקאר ווײלד'ן געמאכט א שטארקען איינדרוק. אסקאר ווײלד האט א לאנגע צייט געטרוימט פון סאלאמע. ער האט געוואלט בעשאפען אן אויסער־געוועהנליכע רייצענדע קאקעטקע אין וועלכע דאס שעהנסטע און דאס ערגסטע זיינען פעראייניגט, אין וועלכע דער מענש און די חיה זיינען אויסגעמישט, אין וועלכע די לוסט נאך תאוה'דיגען געגוס איז אובערגרענעצט און אונבעהערשט. און איהם איז געלונגען! זיין דראמא „סאלאמע" איז א פאעטיש־דראמאטישע, פאנטאסטישע קונסט־ווערק ערשטען ראנגעס.

און וויכטיג דא צו זאגען איז דאס אלע דערמאהנטע און אנדע־רע ליטעראטען, ארטיסטען, מוזיקער און דראמאטורגען האבען די „סאלאמע" אידעע גענומען פון דעם נייעם טעסטאמענט, אין „מארקוס". דארט ווערט די גאנצע געשיכטע אויסגעדריקט אין קורצען, וויא פאלגט :

„ווען הורדוס'עס געבורטס־טאג איז געפייערט געווארען האט די טאכטער פון הורידיה געטאנצט, און איז זעהר שטארק געפעה־לען געווארען הורדוס'ן. און פון גרויס ענטהוזיאזמוס האט ער גענו־מען א שבועה צו געבען איהר וואס זיא וועט פערלאנגען. זיא האט דאן פערלאנגט די קאפ פון יוחנן המטבל אויף א זילבערנעם טעלער".

און דעם קאפ האט סאלאמע געקראגען : אבער קיינעם איז ניט אזוי געלונגען דער פערזוך צו שילדערען די טאנצענדע טאכ־טער פון הורודיה וויא אסקאר ווײלד'ן אין דער פארמע פון דראמא און ריכארד שטראוס'ן אין דער פארמע פון אפערא. ביידע האבען פון די עטליכע ווערטער בעשאפען וואונדערבארע קונסט־ווערקע.

די אפערא „סאלאמע", אבוואהל זיא איז א פערהעלטניס־מעסיג קורצע, פאדערט א גרויסע צאהל ערשטע קלאסע זינגער, צווישען וועלכע עס מוזען זיין צוויי טענארען פאר די ראלען פון הורדוס און נאראבאט, א באריטאן פאר די ראלע פון יוחנן, און א סאפראנא פאר דער טיטעל ראלע. א חוץ די זינגער

פאָדערט זיך אַן אויסערגעוועהנליך גרויסע ביהנע און אַ רייכע אויסשטאַטונג פון דער סצענע. אָבער מעהר פון אַלעם פאָדערט זיך אַן אָרקעסטער פון אַרטיסטען. אָהן דעם גרויסען אָרקעסטער קען דיא אָפּערא קיין שום ווירקונג ניט מאַכען און קיין ערפאָלג ניט האָבען.

דער קאָמפּאָזיטאָר פון סאַלאָמע, ריכאַרד שטראַוס, איז געבאָרען געוואָרען אין מינכען, דייטשלאַנד, אין 1864. ער איז אַלזאָ ערשט יעצט אין דיא מיטעלע יאָהרען, און צו קויפען זיך אונשטערבליכקייט אַזוי פריה אין לעבען איז אָהן צווייפעל אַ וואונדערבאַרע זאַך. דיא מוזיקאַלישע וועלט ערוואַרטעט יעצט פון איהם זעהר גרויסע זאַכען, און עס איז אַזוי גוט וויא זיכער אַז ער וועט נאָך פיעלע גרויסע זאַכען בעשאַפען.

ענדע

מוזיק־נאטען פיר פיאנא

אָה טהאָוז ביוטיפול אַיס (פון "מיין סוויט גוירל"),
ווערטער פון אנשעל שאר, מוזיק פון רומשיסקי .10

אָהן אַ היים .15

אָהן אַ מאַמען, ווערטער פון ד. מייעראַוויטש, אראַנזשירט
פון ד. האַרנשטיין .15

אויפֿן פריפּעטשאָק, ווערטער און מוזיק פון מ. וואר־
שאַווסקי, אראַנזשירט פון י. רומשיסקי .10

אַז איך קען קיין מאַמע ניט זיין (פון "די דיאמאנטען"),
ווערטער פון אנשעל שאר, מוזיק פון י. רומשיסקי .10

אָזשידאַניע, רוסישער וואַלטץ, אראַנזשירט פון י. רומ־
שיסקי .10

אחשורוש, אָפּערא פון א. גאלדפאדען, אראַנזשירט פון ה. א.
רוססאָטטאָ.

בויגען 1. — אויפצוג ביים קעניג, האפדאמען ביי דער
קעניגין, אסתר'ס קרוינונג .10

בויגען 2. — אסתר'ס סאָלאָ, האָכצייט־פּאַראַדע, דער
קעניגין, יאַנקעלע געהט אין שוהל אריין (געזאַנג און פּיאנאָ) .10

בויגען 3. — קלאָגליעד פון מרדכי, געבעט־ליעד אין
שוהל, קעניגין אסתר'ס ביטע .10

בויגען 4. — אסתר'ס פאדערונג ביים קעניג, כאָהר שטע־
רענזעהער, שטערענזעהער'ס סאָלאָ .10

בויגען 5. — קופּלעט ויזתא, קעניגין דערצעהלט איהר
אפּשטאמונג, דועט מרדכי און אסתר .10

מוזיק־נאָטען פיר פיאנאָ.

אחשורוש, דיטאָ, מיט ווערטער, די גאנצע אפערא קאמפליט אין 1 בוך .75

אידישער קאָזאַק .10

איך בין אַן עקטאָר (פון „צובראָכענע פיעדעלע“), ווערטער פון י. ליליען, מוזיק פון י. רומשיסקי .15

איך האָב (פון „חאנטשע אין אמעריקא“), ווערטער פון לי־ליען, מוזיק פון י. רומשיסקי .15

איך האָב מיך שוין איינגעטרייט (פון „די ווייבערשע מלוכה“), ווערטער פון ל. גילראָד, מוזיק פון י. רומשיסקי .15

אין צרות איז קיין דאגה ניט (פון „יציאת מצרים“) .10

אל תירא עבדי יעקב (פון „אידישער קעניג ליער“), מיט ווערטער .10

אלי, אלי, למה עזבתני? (מיט ווערטער), אראנזשירט פון ה. א. רוססאטטא .10

אָפּ־טאָון און דאָון־טאָון, ווערטער פון ב. טהאמאשעפסקי, מוזיק פון י. רומשיסקי .15

אָפּ־טאָון און דאָון־טאָון, קאמפליט מיט ווערטער, מוזיק פון י. רומשיסקי. 1. אפּ־טאון און דאון־טאון. 2. פיפטי, פיפטי. 3. מאן ווייב קומט באלד אריין. 4. שבת. אלע 4 נומערן אין 1 בוך .30

אַראַבישער טאַנץ (Two-Step), אראנזשירט פון י. רומשיסקי .15

ארץ חמדה (שיר ישראל בגלות), ווערטער און מוזיק פון הרב דר. דראכמאן .10

בוימעלע, ווערטער און מוזיק פון א. גאלדפאדען, אראנזשירט פון י. רומשיסקי .10

בליהמעלע (מיט ווערטער), אפערא פון זיגמונד מאגולעסקא, אראנזשירט פון לואיס פריעדזעל. — 1. מיר גראטולירען. 2. חתן־כלה מזל־טוב. 3. דועט זעליקעל און בליהמעלע.

4. געזעגנגען ענסעמבל. 5 די וועטטע. 6. מן המצר. 7. פער־
האפּטונג ענסעמבל. 8. בערעלע'ס משוגע־ליעד. 9. דער מאַס־
קען־באַלל. 10. די אראבער. 11. די יאפּאנעזער. 12. דאס
טויבען־פּאאר. 13. איין ציגיינער־פּאאר, 14. פינאל. —
קאמפּליט אין 1 בוך .75

במה מדליקין און **אמר רבי אלעזר**, פיר חזן און כאהר,
מיט ווערטער, פון יאסעלע ראזענבלאט .50

בן הדור, פון פּראפ. הורוויטש (מיט ווערטער), מוזיק פון
פערלמוטער און וואהל. — 1. פאנטאזיע־ליעד. 2. בן הדור
מארטש. 3. קאמישער טערצעט .25

בעסער איז צו בלייבען אַ מויד, ווערטער און מוזיק
פון י. ריינגאלד, ארראנזשירט פון י. רומשיסקי .10

בריוועלע פון רוסלאַנד, ווערטער און מוזיק פון שלמה
שמולעוויטש, ארראנזשירט פון ה. א. רוססאטטא .15

בריוועלע צו גאָט, ווערטער און מוזיק פון שלמה שמו־
לעוויטש, ארראנזשירט פון ה. א. רוססאטטא .15

ברכת כהנים, פיר געזאנג און פּיאנא (מיט ווערטער), ארראנ־
זשירט פון רעוו. יאאכים קוראנטמאן .25

גאָט'ס שטראָף (מיט ווערטער), מוזיק פון י. רומשיסקי,—
1. תנאים. 2. גוטע נאכט .15

גאָלדענער חלום, ווערטער און מוזיג פון ד. מייעראוויטש,
ארראנזשירט פון ה. א. רוססאטטא .10

גיהנום און גן־עדן, פון א. גאלדפאדען, ארראנזשירט פון ה.
רוססאטטא.
בויגען 1. — קווארטעט (די פיער חסידים) .10
בויגען 2. — דועט דער חסיד מיט'ן דייטש, השיבנו
נאזאר .10

גלעזעלע לחיים, ווערטער און מוזיק פון מ. רומשיסקי .10

מוזיק־נאָטען פיר פיאנאָ.

גם זו לטובה (פון „די מלחמה כלות"), ווערטער פון ל. גילראד, מוזיק פון י. רומשיסקי .15

גן־עדן בלום (פון „צובראכענע פיעדעלע"), ווערטער פון ב. טהאמאשעפסקי, מוזיק פון י. רומשיסקי .15

דאָינאַ, רומענישעס נאציאנאלע ליעד, אראנזשירט פון לואיס פריעדזעל .10

דרייפוס־מאַרטש, פון ה. א. רוססאטטא .15

האַרעם־מאַרטש (פון „צובראכענע פיערעלע"), מוזיק פון י. רומשיסקי .15

הייליגע קרבנות, ווערטער פון ש. פרוג, מוזיק פון ה. א. רוססאטטא .10

המן דער צווייטער, מאַרטש, פון ז. מאגולעסקא, אראנזשירט פון ה. א. רוססאטטא .10

העלפט, ליעבע אידען, ווערטער און מוזיק פון ג. גאלדשטיין, אראנזשירט פון ה. א. רוססאטטא .10

התקוה און **דאָרט וואו די צעדער** (מיט ווערטער), אראנזשירט פון ה. א. רוססאטטא .10

וואו נעהמט מען אַמאָליגע יאָהרען? ווערטער און מוזיק פון ד. מייעראוויטש, אראנזשירט פון ד. הארנשטיין .10

וואָלאַך און **סירבא**, אראנזשירט פון י. רומשיסקי .15

חאַנסאָן רוססע, אראנזשירט פון מ. רומשיסקי .10

חבר אין לעבען, ווערטער און מוזיק פון ד. מייעראוויטש .10

חורבן טיטאַניק אדער **דער נאַסער קבר**, ווערטער און מוזיק פון ה. א. רוססאטטא .15

חורבן ירושלים און **ציון־מאַרטש**, אראנזשירט פון ה. א. רוססאטטא.—1. ביים קעניג צדקיהו. 2. חורבן ירושלים. 3. כאהר פון די רוימער. 4. נפלה עטרת ראשי (ירמיהו סאלא). 5. ביי דעם כותל המערבי. 6. קינות (ווערטער און מוזיק). 7. אלי ציון (ווערטער און מוזיק). 8. גדליהו (דועט)

9. שבת נחמו. 10. ציון-מארטש (ווערטער און מוזיק) .75

חזן'טע, ווערטער פון ב. טהאָמאשעפסקי, מוזיק פון י. רומשיסקי — 1) רבקה'לע און יאנקעלע, 2) כבד את אביך, 3) שלום עליכם, 4) אה, ביאנקא, 5) סערענאדא, 6) רחלה, 7) איי ארץ ישראל, 8) חד גדיא, 9) שמע ישראל. אלע 9 נומערן קאָמפּליט אין 1 בוך .50

חתן כלה, ווערטער און מוזיק פון לואיס פריעדזעל און ז. מאגולעסקא.

בויגען 1. — די בייטש	.10
בויגען 2. — א תענוג ביי אידען	.10
בויגען 3. — אז גאָט וויל שיסט א בעזים	.10
בויגען 4. — די זיסע האָפנונג	.10
בויגען 5. — עננו ביום צרותינו	.10
בויגען 6. — דאָס בייגעלע	.10

טאַטע מאַמע בעט פיר קינדער, ווערטער און מוזיק פון ד. מייעראָוויטש, אראנזשירט פון ד. הארנשטיין .10

טאָסקאַ פּאָ ראָדיניע (דאָס בייינקען אהיים), א רוסישער מארטש, אראנזשירט פון לואיס פריעדזעל .10

טרעמפּ (א טרעמפּ) **ביזטו, געה ווייטער, געה**, ווערטער פון י. רייגגאָלד, מוזיק פון א. גאָלדפאדען, אראנזשירט פון מ. רומשיסקי .10

יאַנקעלע געהט אין שוהל אריין, ווערטער פון א. גאָלדפאדען, אראנזשירט פון ה. א. רוססאָטטאָ .15

כל נדרי, דער אריגינעלער ארטהאָדאָקסישער סקארבאָווער „כל נדרי", אראנזשירט פון ה. א. רוססאָטטאָ .10

כל נדרי דיטאָ, ניי אראנזשירט (מיט ווערטער) פון ה. א. רוססאָטטאָ .15

כל נדרי (אָפּערא) פון א. שארקאנסקי מוזיק פון ל. פריעדזעל:
בויגען 1. — כל נדרי (מיט ווערטער) .10

מוזיק=נאָטען פיר פּיאַנאָ.

בויגען 2. — יזכור (מיט ווערטער) .10

כתר תורה, ווערטער פון לואיס גילראָד, מוזיק פון אַטאַ מאַטזאַהן, אַראַנזשירט פון ה. א. רוססאָטטאַ .10

ליאָווקאַ מאַלאַדיעץ 25

מאַזורקאַ, אַ רוסישער טאַנץ, אַראַנזשירט פון י. רומשיסקי .10

מאַמעניו, אָדער **טרייענגעל פייער=קרבנות,** ווערטער פון אַנשעל שאָר, מוזיק פון י. רומשיסקי .15

מאַן און ווייב, מוזיק און ווערטער פון מאַגולעסקאַ און פריעדזעל.

בויגען 1. — פּעטער מלך .10

בויגען 2. — אי לו לו און מלך און מלכה .10

בויגען 3. — מאַן און ווייב .10

בויגען 4. — טאַטע מאַמע מזל טוב .10

מאָסקוואַ אַ רוסישע ליעד, אַראַנזשירט פון לואיס פריעדזעל .10

מאַראַל=פּרעדיגער, ווערטער און מוזיק פון ד. מייעראָוויטש, אַראַנזשירט פון י. רומשיסקי .10

מאַריע, מאַריע, וואַלטץ, אַראַנזשירט פון י. רומשיסקי .10

מוטער'ס געבעט, פיר געזאַנג און פּיאַנאָ, ווערטער פון שלמה שמולעוויטש, מוזיק פון י. סמאָלל .15

מזל=טוב, ווערטער פון ב. טהאָמאַשעפסקי, מוזיק פון י. רומשיסקי. — 1) דער באָבע'ס ירושה, 2) מזל=טוב, 3) דער שיסקי. — 1) דער באָבע'ס ירושה, 2) מזל=טוב, 3) דער יתום, 4) מען שאָקעלט זיך, 5) משיח איז געקומען. אַלע 5 נומערן קאָמפּליט אין 1 בוך .25

מזמור לדוד (מיט ווערטער), פון יעקב גאָרדין'ס דראַמע „גאָט, מענש און טייפעל", אַראַנזשירט פון מ. בראָדי .15

מיט געלד טאָר מען ניט שטאָלצירען, ווערטער און מוזיק פון ד. מייעראָוויטש, אַראַנזשירט פון ד. האָרנשטיין .15

מיידעל'ס געבעט, פון י. רומשיסקי .10

מיידעל׳ס חלום, ווערטער פון ש. שמולעוויטש, אראנזשירט פון ה. א. רוססאטטא .10

מיין אַמעריקאַ, ווערטער פון מאררים ראזענפעלד, מוזיק פון ה. א. רוססאטטא .15

מיין ווייב איז אין די קאָנטרי, הורריי! ווערטער פון ל. ליליען, מוזיק פון י. רומשיסקי. — 1) מיין ווייב איז אין דער קאנטרי, 2) דזשינדזשער .15

מיין ערשטער טאַנץ, פון י. רומשיסקי .10

מיר געפעלט אַזאַ באָיטשיק ווי דו (פון „בארג מיר דיין ווייב"), ווערטער פון אנשעל שאר, מוזיק פון י. רומשיסקי .10

מלחמה, ווערטער פון ש. שמולעוויטש, אראנזשירט פון ה. א. רוססאטטא .10

מלחמה־כלות, ווערטער פון ב. טהאמאשעפסקי, מוזיק פון י. רומשיסקי .15

מלחמה־כלות, קאמפליט, מיט ווערטער, מוזיק פון י. רומשיסקי. 1) מלחמה־כלות, 2) א אידישער סאלדאט, 3) שענקט א שטיקעלע ברויט, 4) גם זו לטובה. אלע 4 נומערן אין 1 בוך .30

מליץ יושר, פון א. גאלדפאדען, אראנזשירט פון ה. א. רוססאטטא.

בויגען 1. — די מאראל, עם דרימעלט ניט דער וועכטער .10

בויגען 2. — וואלטץ .10

בויגען 3. — גאטעס וואונדער .10

מלקות מלקות (מיט ווערטער), פון מאקס אבראמאוויטש, אראנזשירט פון ה. א. רוססאטטא .10

נבואה, ווערטער און מוזיק פון פערלמוטער און וואהל .10

ניקאָלאַי׳ס מפלה און דאָס נייע רוסלאַנד, ווערטער פון ש. שמולעוויטש, מוזיק פון א. גאלדפאדען .10

נר תמיד (מוזיקאלישע דראמע), ווערטער פון אנשעל שאר

מוזיק=נאָטען פיר פיאַנאָ.

מוזיק פון י. רומשיסקי.

בויגען 1. — נר תמיד 10.

בויגען 2. — האלט דאָס אייך 10.

בויגען 3. — סוכה 10.

בויגען 4. — ציון=מאַרטש 10.

בויגען 5. — א ווייבעל ווי א טייבעל (קאָמיש דועט) 10.

סקאַרבאָווע נגונים, פון ל. פריעדבערג. — 1. והכהנים.
2. ברכו. 3. קדיש בעפאר נעילה. 4. טל. 15.

עללים אַיילאַנד, ווערטער און מוזיק פון ש. שמולעוויטש,
אראַנזשירט פון ה. א. רוססאָטטאַ 15.

עלענדע יתומה'לע, ווערטער און מוזיק פון ש. שמולע-
וויטש, אראַנזשירט פון ה. א. רוססאָטטאַ 15.

עלענדע קינדער, ווערטער און מוזיק פון ש. שמולעוויטש,
אראַנזשירט פון ה. א. רוססאָטטאַ 15.

פעדלער און **דאָס גאָלדענע לאַנד**, פון אליקום צונזער 10.

פעקעלע און **חכמת נשים** (מיט ווערטער), פון ז. מאַגו-
לעסקאָ, אראַנזשירט פון ה. א. רוססאָטטאַ 10.

צו דיסערבאַטאָרע, רומענישער פייערטאָג, אראַנזשירט
פון י. רומשיסקי 15.

צובראָכענע פיעדעלע, ווערטער פון ב. טהאָמאשעפסקי, מו-
זיק פון י. רומשיסקי. 1. גן=עדן=בלום. 2. אינטערמעצאָ.
3. הארעם=מאַרטש. 4. דאָס ווייסע ציעגעלע. 5. אַלטע
ליעבע. 6. א גערוס פון דער היים. 7. א ליעבענדעס
הערץ. 8. דאָס ליעבע=שפיעל. 9 מאַמעניו, קום צוריק
אהיים. 10. איך בין אַ עקטאָר. 11. ראַמאַנס אַניוטאַ.
12. צויבער-דועט.—אלע 12 נומערן קאָמפּליט אין 1 בוך 75.

צוויי טראַיקעס, ווערטער פון ש. פרוג, מוזיק פון ה. א.
רוססאָטטאַ 10.

צווייטע ווייב (מעלאָדראַמאַ), ווערטער פון ל. בלאַנק און

ה. מייזעל, מוזיק פון פערלמוטער און וואהל

דער קדיש, אבי יתומים, נאר פון... פון... דער שידוך איז געשלאָסען .25

צויבערין (די כשופמאכערין), פון א. גאָלדפאדען, אראנזשירט פון ה. א. רוססאָטטא (מיט ווערטער).

1. מיידעלע׳ס געבורטסטאָג. 2. האצמאך (די פאלשע וועלט). 3. די בלינדע שפּיעל. 4. עלענד בין איך ווי א בוימעלע. 5. דער מארק. 6. הייסע באבקעלאך. 7. דער קצב. 8. אידען, בני רחמנים. 9. מארקום סאָלא (ענטפער מיר פויגעל). 10. געזאנג פון די צויבערין. 11. ראמאנס מירעלע (די יתומה). 12. פּתח שין שא. 13. די טערקען (קויפט, קויפט דייטשלאך). 14. האצמאך, קופּלעט. 15. מירעלע׳ס ערקלערונג (די בת יחידה).

די גאנצע אָפּערא פאָלשטענדיג אין 1 בוך .75

צונזער׳ס צעהן פאָלקס־ליעדער (מיט ווערטער), פיר געזאנג און פיאנא, אראנזשירט פון ה. א. רוססאָטטא.

1. דער פּעדלער. 2. פון הימעל צו דער ערד. 3. המהפכה (דער קריזיס). 4. דער אידישער דיכטער. 5. דאס גאָלדענע לאנד. 6. דאס אונשטערבליכע פאָלק. 7. די לבנה. 8. שולמית. 9. א בריף פון דער מוטער ציון. 10. אויף דיין אלטען וועג.

אלע 10 ליעדער צוזאמען אין 1 בוך .75

ציגיינער־ליעבע (שאנסאנעט), אראנזשירט פון י. רומשיסקי .10

ציון־אלבום, אראנזשירט פון ה. א. רוססאָטטא (מיט ווערטער.

1. התקוה. 2. דארט וואו די צעדער. 3. קדימה. 4. נס ציונה. 5. בארץ אבותי. 6. אם אשכחך. 7. משאת כפּי. 8. ציון, ציון. 9. וואו איז מיין היים. 10. ברודער ישראל׳יק.

אלע ליעדער צוזאמען אין 1 בוך .75

קאָלאָמבוס. צו דיר האָב איך גאַרניט! .15

קאמארינסקאיא, א רוסישער טאנץ, אראנזשירט פון י.

מוזיק־נאָטען פיר פּיאַנאָ.

רומשיסקי .15

קונילעמעל, קאָמישע אָפּערא פון א. גאָלדפאַדען, אַראַנזשירט פון י. יומשיסקי, (מיט ווערטער).

1. חסידים־כאָהר. 2. ליעד קאַראָלינאַ. 3. סטודענטען. 4. מיידלאך האָבען חתונה. 5. דועט קאַראָלינאַ און מאַקס. 6. נײַן דעם אַלטען גבאי. 7. פיהרט דעם גבאי אין שוהל אַריין. 8. כאָהר טויטע. 9. געזאַנג ענסעמבל. 10. פינאַל.

אַלע ליעדער צוזאַמען אין 1 בוך .50

קינד'ס געבעט, פון י. רומשיסקי .10

קינדער, קינדער (מיט ווערטער), פון ז. מאַגולעסקאַ, אַראַנזשירט פון י. רומשיסקי .10

ראָזענפעלד'ס ליעדער (מאָררים) (מיט ווערטער), אַראַנזשירט פיר פּיאַנאָ און געזאַנג פון ה. א. רוססאָטטאָ. —

1. אברהמ'עלע. 2. אחדות. 3. א יוד בין איך. 4. אַרבייטער־ראָמאַן. 5. אלול־מעלאָדיעס .25

ראַכיל, אריע פון דער אָפּערא „יודין" (זשידאָווקאַ), פון הלוי, אַראַנזשירט פון י. רומשיסקי .25

ראש חודש בענשען (מיט ווערטער) פון ר' יאָסעלע ראָזענבלאַט .25

ראש־חודש בענשען, דיטאָ, פיר זינגען מיט א כאָהר .50

רבי האָט געהייסען פרעהליך זיין, פאָלקס־מעלאָדיע, אַראַנזשירט פון י. רומשיסקי .10

רבין'ס דביקות, אַראַנזשירט פון ה. א. רוססאָטטאָ .15

רוסישע ציגיינערין, מיט ווערטער פון טאָלסטאָי'ס לעצטע דראַמאַ „דער לעבעדיגער מת", מוזיק פון י. רומשיסקי .25

רוסישער קאָזאַק, א רוסישער טאַנץ, אַראַנזשירט פון י. רומשיסקי .10

רוסלאַנד'ס פרייהייטס־ליעד, ווערטער פון מאָררים ראָזענפעלד, מוזיק פון י. רומשיסקי, צו זינגען מיט פּיאַנאָ־בע-

גלייטונג און אויף צו זינגען מיט א כאהר .15

שבת האַלטען, ווערטער און מוזיק פון ש. שמולעוויטש,
אראנזשירט פון ה. א. רוססאטטא .10

שטעה אויף, מיין מאַן, ווערטער פון י. רייגגאלד, מוזיק
פון י. רומשיסקי .10

שטעה אויף, מיין פּאָלק, פון גאלדפאדען'ס אפערא „ני בע
ני מע, ני קוקערעקו„ אראנזשירט פון י. רומשיסקי .10

שיר השירים, אדער **דאָס ליעד דער ליעבע,** ווערטער
פון אנשעל שאר, מוזיק פון י. רומשיסקי.

בויגען 1. — דאס ליעד דער ליעבע .15

בויגען 2. — דאמען־רעכטע .15

בויגען 3. — מען טאר ניט .15

בויגען 4. — פערצווייפעלטע ליעבע (גאוואטטע) .15

בויגען 5. — פון וויעגעלע ביז'ן קבר .15

שיר השירים אדער **דאָס ליעד דער ליעבע,** קאמפליט
אין 1בוך, ווערטער פון אנשעל שאר, מוזיק פון י. רומשי־
סקי. — 1. באיעס היט אפ די מיידלאך. 2. ליעד דער
ליעבע. 3. דאמען־רעכט. 4. האפנונג זיסע. 5. פיצעלאך
קינדערלאך. 6 מען טאר ניט. 7. פערצווייפעלטע ליעבע.
8. פון וויעגעלע ביז'ן קבר. 9. אנטקעגען גאט קען מען קיין
חכם ניט זיין .75

שלום עליכם (פון „א אידישע טאכטער"), מיט ווערטער,
אראנזשירט פון י. רומשיסקי .10

שלח מנות פון ז. מאגולעסקא, אראנזשירט פון י. רומשיסקי .10

שלמה המלך, פון ז. מאגולעסקא, אראנזשירט פון ה. א.
רוססאטטא.

בויגען 1. — טריאומף־צוג צום קעניג, דועט סאלאמאן

מוזיק־נאָטען פיר פיאַנאָ.

און שולמית, די פאַסטוכער־געזאַנג, די ליעבע, קאָמישער גע-
זאַנג און טאַנץ, די דרשה .10

בויגען 2. — קאָמישער קופּלעט, די ליעבע פון ציון,
שולמית פּאַלאַנייז, די פּאַסטוכער .10

בויגען 3. — ראָמאַן בעגריסונג, ענדע צווייטער אַקט .10

בויגען 4. — די מיידלאַך נאָך די פּאַסטוכער, סאָלאָמאָן
און כאָהר, טייוועל־סצענע, סאָלאָמאָן סאָלאָ, איך בין געווען
גרויס, שולמית סאָלאָ .10

שמענדריק (מיט ווערטער), קאָמישע אָפּערעטע פון א. גאָלד-
פאַדען, אַראַנזשירט פון י. רומשיסקי, קאָמפּליט אין 1 בוך .25

שעהנע אַמעריקאַנערין (מיט ווערטער), אָפּערעטע, מוזיק
פון פּערלמוטער און וואָהל.

בויגען 1. — ווייבער, מאַכט מיר פאַר פּרעזידענט, דועט .15

בויגען 2. — דער הערשער איז דער מאַן, מענער לערנט
אייערע ווייבער .15

שענקט אַ נדבה און ודוי (מיט ווערטער), מוזיק פון
פּערלמוטער און וואָהל, געזונגען פון מאַדאַם פּראַגער צום
בענעפיט פון קישינעווער פּאָגראָם .15

די שערעלע .10

בעשטעלונגען, בריעף און געלדזענדונגען שיקען:

HEBREW PUBLISHING COMPANY

50-52 Eldridge Street

New York